STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01626

DER EYGENER KLANG

Abraham Klein

Permanent preservation of this book was made possible
by the Litz and Math Families
in loving memory of their parents,
Frances and Joseph Litz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר אברהם קליין

דער אייגענער קלאנג

Dr. ABRAHAM KLEIN

DER EYGENER KLANG
(My Sound)

צלילי

©
כל הזכויות שמורות למחבר

1974 ישראל תשל"ד

קאַלאַמײַ א װײַגעשרײַ

און קאַלאַמײַ האָט ריטס

ווי עס פֿליִען זיך צוויי פֿייגל,
ברענען מיר מײַן אויגן.
ב. מײַן [illegible]

דער שליסל צום בוך

קאָלאָמיי

קאָלאָמייקעס ז׳ 16-13 ; פּאָלקסלידער ז׳ 26-16 ; וויגלידער ז׳ 28-27 ; טאַסאַר שעווטשענקאָ ז׳ 32-28 ; איוואַן פראַנקאָ ז׳ 35-33 ; פּאַוולאָ טיטשינא ז׳ 38-36 ; איגאָר-ליד ז׳ 42-39. עפּעס וועגן די לידער ז׳44-42.
קינת-קאָלאָמיי ז׳ 55-45 ; די מצבה ז׳ 57-56 ; ד״ר שלמה ביקל ז׳ 63-58 ; ד״ר הענריק קרעמער ז׳ 66-64 ; יצחק טייטלבוים ז׳ 68-66 ; משהלע דלפן און ד״ר לאַקס ז׳ 70-69 ; מאירל דעם רבי בחורס ז׳ 71-70 ; סאָוויעטישע „אויסלייזונג״ ז׳ 75-71 ; אויטאָפּאָרטרעט ז׳ 89-76 ; איגנאַץ מיטן פערד אָדער פּורים אין קאָלאָמיי ז׳ 91-89.

מאַנגעריאַדע

„לאָמיר גיין קיין ווערבעזש״ 97-95 ; יאָסל טאָפּעצירער 98-97 ; וואַרשע 99-98 ; אין „יד לבנים״ 101-100 ; מיט מאַנגערן אין וואַרשע 1948 ז׳ 105-103 ; איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים 107-106 ; המשורר איציק מאַנגער — בלתי ידוע 109-107 ; דאָס „מאַנגער-צימער״ 110-109 ; מאַנגער אין לאָנדאָן 112-111 ;
שטערן אין שטויב 114-112 ; מאַנגער געהערט דעם יידישן פּאָלק 115-114; „מאַנגער-פּרייז 117-116 ; די פליגל פון חסידות ביים פּאָעט איציק מאַנגער 129-117.

קאָנסטאַנטין ברונער

באַמערקונגען נאָך זיין טויט 136-133 ; צו זיין 100סטן געבוירנטאָג 137-140 ; זיגמונד פרויד און ק. ברונער 145-140.

נאָענטע אין גייסט

יאַנוש קאָרטשאַק 159-149 ; מענדעלע מוכר-ספרים 161-159 ; שלום-עליכם 166-162 ; י. ל. פּרץ 167-166 ; הערצל 168-167 ; אַרום „ר׳ זלמן״ פון יחיאל האָפּער 171-168 ; בער האָראָוויץ 173-171 ; הענריק דאַנקעוויטש 175-173 ; מאַדאַם סוזאַן ראָדי 176-175 ; גאַליציע אויף עקספּאָרט 181-176 ; אַסימילאַציע און עם-הארצות 185-182. שטיקער ווייטיק און צער 187-185 ; צום זכרון פון אליעזר קאַליר 188-187 ; צום זכרון פון אריה שרפּי 189-188.

גלויבענישן און מעדיצין

זייער ווע‏זן 205-193 ; דער טאַנץ אַרום דער וואָג 209-205 ; פרויד און שניאורסאָן 216-209 ; אַלקאָהאָל 218-216.

לידער

פון אלישער נאַוואָיס ליריק 223-221; וואַריאַציעס צו דער „הגדה" 223-225; דריי אַקאָרדן פון נצחון 228-226; ליד 228.

נייע הומאָרעסקן פון אברהמעלע דע־רופא

אַ גוטע וואָך — יידיש בוך 232-231; יואל גאַנץ-יאַכנין 234-323; דער אַרטיסט 235-234; די פּרעמיע 237-235; וואָס ווען מיר עסן אויף דער סעודהניו? 239-237; אַ מינוט פון לעבן 240-239; דער טעלעפאָן 240-242; אַ מיאוס וועטער 243-242; מאַן און ווייב 245-243; אוי-וויי איז מיר, מיך טוט שוין גאָרנישט וויי 246-245; אללי לי, חלף עבר הכאב 248-246 (תרגום).

ישראל

„כשבאנו..." 253-251; „שהחיינו והגיענו" 254-153; פתח-תקוה 256-255.

פון דעם מחבר זענען דערשינען:

„מיין אוקראַאינישער אַלבאָם" (1937)
„לעב און לאַך אין ישׂראל" (1972)
„דער אייגענער קלאַנג" (1974)

גרייט צום דרוק:
„חיה וצחק בישראל" (הומורסקות) תרגום: יונה אשל
„רפואת-ילדים לכל"
תרגום: יוסף בר-אל, ב. מרדכי, רפאל קליין.

באַשטעלונגען ביי:
ד"ר א. קליין, רח' אבן ספיר 23, פתח-תקוה.

„**דער** אייגענער קלאַנג" איז געווען דער נאָמען פון דער צייט־שריפט, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן ייִנגלווייז. אַצינד גיב איך דעם זאַמלבוך אויך דעם זעלבן נאָמען, אָבער שוין מיטן אונטער־טיטל:

„קאָלאָמיי אַ ווייגעשריי און קאָלאָמיי האָט ריטם. ווי סע שלאָגן זיך צוויי פייגל, זענען מיר אינמיטן".

דאָס איז אַ מחזור, אָבער נישט צום דאַווענען.

צום דאַווענען איז גענוג צוויי פינגער און אַ פייף, אָדער אַ האָרן פון אַ באָק.

אין דעם ספרל וועט נאָר דאָס אַריינקוקן אין אים זיין דיין שׂכר.

די הקדמה צו דעם ספרל געפינט זיך אין מיין ביכעלע הומאָ־רעסקן: „לעב און לאַך אין ישׂראל" (1972) און אָנגעשריבן האָט זי פּראָפעסאָר דב סדן אונטערן טיטל: „אַ ייד פון פּאָקוטיע".

עטלעכע אַרטיקלען זענען אָפּגעדרוקט אין „קטיף" (ילקוט לדברי ספרות, הגות ואמנות, העורכים יוסף חנני, יעקב צבי שרגל, הוצאת המחלקה לתרבות, עירית פתח־תקוה. מספר: ב' ג' ד־ה, ו־ז, ט־י) אין דער העברעישער איבערזעצונג פון ד"ר יוסף בר־אל.

מיינע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלן זיך צאַצ־קען מיט דעם ספרל אַלס זייערע איינציקע ירושה און זייער ייחוס־בריוו.

אַנדערע וועלן געפינען אין בוך עפּעס, וואָס זיי זוכן, כדי צו מאַכן זייער לעבן אַ ביסל זינגעוודיקער, אויפגעקלערטער און לייכטער.

צו דעם אַלעמען איז שפּראַך קיין מאָל קיין שטערונג נישט געווען און וועט נישט זיין.

קאָלאָמיי

קאָלאָמייקעס

(אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער)

קאָלאָמיי אַ ווייגעשריי און קאָלאָמיי האָט ריטם.
ווו סע רייסן זיך צוויי פייגל, זענען מיר אינמיטן.

1

מיך געבוירן האָט די מאַמע אין אַ שיינעם זונטיק
און געגעבן מיר אַ גורל, מאַכט ער פֿון מיר פונדיק.

כ׳וואָלט דערטרונקען שלעכטן גורל אָדער גאָר פֿאַרביטן,
ווייסן פאַנעס, ווייסן יידן: ווערט דער קויף געמיטן.

„אוי, כ׳וועל יאָגן דיך, מײַן גורל, ביז כ׳וועל דיך צעשטערן,
און פֿאַרזינקען דיך אין וואַסער, זאָלסט שוין מער נישט ווערן!

גיי־זשע גורל, בייזער גורל, גיי אַליין אין וואַסער,
זאָלסט נישט טשעפּען מער מײַן יוגנט, מיט דײַן האַנט דער נאַסער״.

„אוי איך גיי, איך גיי אין דונאַי, כ׳וועל זיך דאָרט באַהאַלטן.
דו וועסט קומען שעפּן וואַסער, וועל איך דיך פֿאַרהאַלטן.

דו וועסט קומען שעפּן וואַסער אין די שיינע קענדלעך,
כאַפּן וועל איך דיך בײַם וואַסער בײַ די פֿיס און הענטלעך״.

2

רעדט אויף מיר די שכנהטע, אַז ס'איז קיין לײַטיש פּירן,
און זי גרייט מיך און זי וויל מיך פֿאַר דעם זונדל אירן.

אוי, די שכנהטע באַרעדט מיך, אַז איך בין קיין מיידל,
און זי גרייט מיך פֿאַר איר זונדל, פֿאַר דעם אַלטן ווײדל.

„דעמאָלט וועסטו, שכנה לעבן, מיר אַ שוויגער ווערן
ווען פֿון פֿיש אין טיפֿן וואַסער כ'וועל אַ קול דערהערן.
ווען ס'וועט קאָכן זיך און בראָטן אויף דער טרעפּ אַ הינדל,
דעמאָלט וועל איך, שכנה-לעבן, נעמען אײַער זינדל„.

3

אוי, געקלאַפּט האָט די זאַזוליע און געלאָזט זיך הערן.
איז זיך פּאַנשטשינע געגאַנגען אַנדער לאַנד באַערן.

נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן, איבער גרינע וועלדלעך —
נאָך איר יאָגן צוויי פּאַליאַקים אויף די גראָע פֿערדלעך.

און דעריאָגט פּאַנשטשינע-לעבן אויף דער בריק פֿון צעדער.
„אוי, מיר וועלן, דושע-קרוינדל, בענקען נאָך דיר כּסדר.

נישט מיר קענען גרעזער קאָסען, נישט די ווײַבער וועבן,
ווער-זשע וועט אונדז, בידנע פּאַנעס, אויף צו לעבן געבן?"

„האָסט געוואָלט פֿון פּויערס אַרבעט לעבן, אָ, דו ליאַכל,
נישט געגעבן אים צו טרינקען און אויך נישט צו אַכלען".

4

רוישט דער פֿרײַער ווינט אין פֿעלד
זשומעט, רײַסט די בלעטער,

ווײנט דער קאָזאַק יונגערהייט
צו דעם ווינט גאָר רעדט ער:
וויִעסט, ווינטל, נאָר דו ווײנסט נישט,
האָסט נישט וואָס צו קלאָגן,
קענסט אויף דער וועלט נישט קיין שלעכטס,
האָסט נישט וואָס צו זאָגן.
טרײַבסט די כוואַליעס אויף די ימען,
צי דו רוישט אין פֿעלדער,
אַלץ איז איינס דיר, רײַסן דעכער,
אָדער ברעכן וועלדער.
טרײַבזע מיר אַוועק מײַן ווייטיק,
כ׳האָב שוין גראָע האָר,
כ׳זאָל נישט דאַרפֿן אויף מײַן אומגליק,
וויינען אַלע יאָר.

5
שלעכטער גורל, בייזער גורל
האָט מיך גוט צעשלאָגן,
אַז אַ בין האָט מיך געביסן,
קום איך דיר מאַמע זאָגן.
זעסטו טאָכטער, ליבע טאָכטער
ווי קלוג די בינען זענען:
מיידלווײַז דיך נישט געביסן,
נישט געוואָלט דיך קענען?

6
אוי איר מיידלעך, ווײַבעלעך! לייגט אויף מיר צוזאַמען
און באַצאָלט פֿראַנץ יאָזעפֿן, כ׳זאָל אַרויס פֿון דאַנען.

אוי דו קייסער, קייסער-קרוין, פֿראָים יאָסל פֿײַנער!
לאָמיך אויסטאָן דײַן מונדיר און אַהיים צו מײַנער.

הלוואַי ווערט איר פֿאַרברענט ביקסן פֿון דער זון,
ווײַל די פּלייצעס טוען ווי און כ'ווער מיד דערפֿון.

אוי וואָס דאַרפֿסטו אונדז דען האָבן? ס'וועט די סלינע רינען,
ס'האָט דער טערק דאָך צוגענומען דײַנע מאַגאַזינען.

אוי, כ'וועל געבן פּרעסן אײַך, האָבערזופּ מיט גראָזן
און כ'וועל לאָזן אײַך מאַרשירן אויף די קײַזער-שטראָזן.

אַז וועסט געבן, קייסער-קרוין, האָבער צו פֿאַרזוכן,
וועלן מיר אויף וועגן דײַנע שאָדנס טאָן און קריכן.

פֿאָלקסלידער

1

אוי, איר לידעלעך מײַנע, אוי איר לידעלעך פֿײַנע
וווּ נעם איך פֿאַר אײַך אַן אָרט?
אוי, אין טיפֿן וועלדעלע, אוי אין ווײַטן פֿעלדעלע
פֿאַרזייען וועל איך אײַך דאָרט.

אוי קאָסען וועלן יונגען, אוי קאָסען וועלן יונגען
אין פֿעלדעלע ווײַטן דאָס היי
און די לידעלעך מײַנע און די לידעלעך פֿײַנע
געפֿינען דאָרט וועלן זיי.

אוי, גיין וועלן מיידעלעך, אוי גיין וועלן מיידעלעך,
שוועמעלעך קלײַבן אין וואַלד
און די לידעלעך פֿײַנע, און די ליבעסלעך מײַנע
געפֿינען דאָרט גיך און באַלד.

2

אוי, אַליין, אַליינעניו
אָנגעשניטן ווייצעניו.
אין דעם היימעלע געקומען
מײַנעם נישט געפֿונען.

האָב איך הענטלעך ווײַסע צוויי,
כ'ווייס נישט וועמען געבן זיי.
קיינער איז נישטאָ אין שטיבל
איז מיר טרויעריק, ווינד און ווי.

אוי, איך גיי אין שטיבל אום,
בעט איז ווײַס און וואַנט איז שטום.
בעט איך מיר דאָס בעטל אויף
נאָר ס'קומט מיר נישט קיין שלאָף.

אוי, בעטל איז ווײַסטשיק
און וואנט זענען שטומטשיק
דערבאַרעם זיך, גאָטעניו,
איך בין אַזוי יונגטשיק.

3

וואָסזשע טו איך בידנער קבצן,
אַז געזעצט האָב איך קיין קאָרן.
הרעטשקע איז נישט אויפֿגעגאַנגען,
וואָס איז פֿון מײַן גליק געוואָרן?

שכנים אַקערן און זייען,
פֿעלדער גרינען זיך בײַ שכנים.
און בײַ מיר איז נישט געאַקערט
און איך האָב אויף דער וועלט קיינעם.

בײַ דעם שכן פֿולע שפּײַכלערס,
בײַ דעם שכן הויכע סטויגן,
און איך זע נישט, נישט קיין אַקער,
נישט קיין זאַנג פֿאַר מײַנע אויגן.

האָט דער שכן אַ ווײַס שטיבל.
איז דעם שכנס ווײַב אַ ליבע.
און איך האָב נישט, נישט קיין כאַטע,
נישט קיין ווײַב און נישט קיין טאַטע.

4

איז זיך געפֿאָרן אַ קאָזאַקל אַמאָל
און געטראָפֿן א מיידעלע אין עק פֿון טאָל.
„וואַרט נאָר צו, מיידעלע דו!
לייג דײַן האַנט אין מײַנער!
אַ יונג בין איך אַ פֿײַנער,
אַ פֿערדעלע האָב איך אַ שיינס,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס!"
„אוי דו קאָזאַקל, האַרעלע מײַן!
פֿאַרמאָגסטו כאָטש אַ פעלצעלע פֿײַן?"
„אַ פעלצעלע דאַרף איך נישט האָבן,
גענוג אַ רעקעלע צו טראָגן,
האַרצעלע מײַנס, מײַדעלע קליינס!"

איז זיך געפֿאָרן אַ קאָזאַקל אַמאָל
און געטראָפֿן אַ מיידעלע אין עק פֿון טאָל.
„וואַרט נאָר צו, מיידעלע דו!
לייג דײַן האַנט אין מײַנער!
אַ יונג בין איך אַ פֿײַנער,
אַ פֿערדעלע האָב איך אַ שיינס,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס!"

„אוי, דו קאָזאַקל האַרעלע מײַן!
פֿאַרמאַגסטו כאָטש אַ הויפּעלע פֿײַן?"
„אַ הויפּעלע פֿעלט מיר אויס,
בײַם דונאַי האָב איך אַ הויז,
מיט שטרוי איז זי באַדעקט,
מיט בלאָמעלעך באַשמעקט,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס".

„איז געפֿאָרן זיך אַ קאָזאַקל אַמאָל
און געטראָפֿן אַ מיידעלע אין עק פֿון טאָל".
„וואַרט נאָר צו, מיידעלע דו!
לייג דײַן האַנט אין מײַנער!
אַ יונג בין איך אַ פֿיינער,
אַ פֿערדעלע האָב איך אַ שיינס,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס".
„אוי, דו קאָזאַקל האַרעלע מײַן!
פֿאַרמאַגסטו כאָטש אַ פֿערדעלע פֿײַן?"
„פֿערדעלעך איז דאָ אין פֿעלד,
כאַפּ איך איינס, בין איך אויס אַ וועלט,
כאַפּ איך קיינס, גיי איך צופֿוס,
תמיד מאַך איך מיר דאָס לעבן זיס,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס!
די נשמה איז נאָר אייגן,
לײַז אין העמד איז מײַן פֿאַרמעגן,
מאַכן לעכער זײַ דורך קרעגן
גייען טרינקען אויף די שטעגן,
האַרצעלע מײַנס, מיידעלע קליינס!"

5

וואָס אין פֿעלד, אין פֿעלדער
די טאָפּאָליעס בליִען —
ווייל מיַין ליבע נישט צו דיר
און מיַין האַרץ נישט ציִען.

וואָס אין פֿעלד, אין פֿעלדער
דעמבעס טוען בליִען —
וויל צו דיר בן־יחידל
יאָ מיַין האַרצעלע ציִען.

וואָס אין פֿעלד, אין פֿעלדער
בליִען שוין די ניסלעך —
איך האָב ליב באַקומען דיך,
ווײַל ביסט שוואַרץ צו ביסלעך.

וואָס אין פֿעלד, אין פֿעלדער
בליט שוין אויף דער מאָן —
כ'האָב געקושט דיך און געליבט,
ווען גייט עס אָן?

וואָס אין קושטשע־ווערלדל
מאַלינעס שוין וואַקסן —
ווערסטו ליבע, פֿײַנע מיידל
מיַינע זיַין אָן פֿאַקסן.

וואָס אין קושטשע־ווערלדל
קאַלינעס שוין וואַקסן —
ווערסטו ליבע, פֿײַנע מיידל
מיַינע זיַין אָן פֿאַקסן.

6

ס׳איז אַ פֿעלד ערגעץ פֿאַראַנען,
ווו אַ קרעטשמעלע איז געשטאַנען
אוי ווײַ, אוי באָם-באָם,
טראַ-רי-באָם, טראַ-רי-באָם-באָם.
האָט חייהקעלע דאָרט משקה דערלאַנגט
און היידאַמאַקעס האָבן אַ טאַנץ פֿאַרלאַנגט.
אוי וויי, אוי באָם-באָם,
טראַ-רי-באָם, טראַ-רי-באָם-באָם.

געטרונקען, געהוליעט, נישט באַצאָלט
און פֿון חייהקעלע נאָך ליבע געוואָלט.
אוי, וויי, אוי באָם-באָם,
טראַ-רי-באָם, טראַ-רי-באָם-באָם.
„קום, אַנטלויפֿן מיר פֿון דאַנעט ווײַט,
וועסט חייהקעלע, הוליען מיט אונדזערע לײַט״.
אוי, וויי, אוי באָם-באָם,
טראַ-רי-באָם, טראַ-רי-באָם-באָם.
„איר וועט קומען, היידאַמאַקעלעך אין אַ שבת צו מיר,
און פֿאַרפֿאָרן מיט דרײַ פֿירן פֿאַר מײַן טיר.
דעמאָלט וועלן יידן אין שול אַרײַן גיין
און איך וועל מיט די שליסלען בלײַבן אַליין״.
זענען היידאַמאַקעלעך געקומען צופֿאָרן
און גענומען די פֿירן אָנלאָדן
אויף דער ערשטער — גאָלד מיט זילבער
אויף דער צווייטער — בעטגעוואַנט
אויף דער דריטער — חייהקעלע נאַר.

„איצט, חייהקעלע, קענסטו פֿאָרן אַהיים,
אָדער זיך טרונקען אין דונאַי גיין".
צוריק אַהיימגיין וועל איך נישט —
כ'האָב מורא פֿאַר מײַן מאַמען.
איך גיי מיך וואַרפֿן אין דעם דונאַי
און וועל זיך דאָרט פֿאַרזאַמען.
טראָגן וועט דער דונאַי מײַנע שוואַרצע האָר
און מײַן ווײַסן קערפּער שעדיקן ביז גאָר.

7

האַווקעט נאָר, איר קליינע הינטלעך,
בלייך וועל איך נישט ווערן;
בילט אײַך, שׂונאים, אויף די קעפּלעך
כ'וועל אײַך גאָרנישט שטערן.

אײַער וואָרט — איז ווי פּאָלאָווע —
טראָגן עס די ווינטן.
גראָזן וואַקסן אויך נישט אייביק —
ווערן אָפּגעשניטן.

זאָרגט אײַך נישט, וואָס איך בין אָרעם
און איך טרינק קיין ווײַן
רײַכקייט קאָן דער רוח צונעמען —
ערלעך קאָן נישט יעדער זײַן.

מענטשן גוטע! מאַכט אײַך גאָרנישט,
ווען די שׂונאים קרעכצן:
דעמאָלט טוט זיי ווי די ציינער
אָדער ברויט זיי לעכצן.

8

אַז כ׳וועל ברודער, איינמאָל שטאַרבן
כ׳וויל נישט קענען מער די וועלט.
לייגט מיך אין דעם גרינעם וועלדל,
דאָרט וועט זײַן מײַן בעסט געצעלט.

אין דעם גרינעם וועלדל לייגט מיך,
דאָרט געווען איז מײַן שפּאַציר —
און דעם גלאָקן-קלינגער לאָזט נישט
אין די גלעקער קלינגען מיר.

אַז איר וועט מיך גיין באַגראָבן
לאָזט דעם גלח אין דער היים,
און באַגלייטן זאָל מיך מוזיק
אָן דעם טרויער, אָן געוויין.

אַז איר וועט מיך גיין באַגראָבן
לעבן קרעטשמע בלײַבט דאָרט שטיין,
מיט דעם בעסטן ביסל בראָנפֿן
זאָלט איר שווענצלען מײַן געביין.

9

וועמעס איז דאָס קליינע שטיבל,
וואָס איך זע׳ס דאָס ערשטע מאָל?
וועמעס איז דאָס שיינע מיידל,
וואָס עס וווינט בײַם עק פֿון טאָל?

אָדער כ׳וועל די שטוב פֿאַרברענען,
אָדער זי פֿאַרלענדן גאַנץ
אָדער מאָלן מײַן געליבטע,
אויף פּאַפּיר איר פּראַכט און גלאַנץ.

כ'וואָלט געמאָלט זי מיט פֿיל פֿאַרבן
פֿעלט מיר אָבער אויס פּאַפּיר,
וואָלט איך נאָך פּאַפּיר געגאַנגען
ציט זיך לאַנג דער וועג אָן שיר.

כ'האָב אַ פֿרײַנד, אַ גוטן-ברודער,
אפֿשר וועט ער מיט מיר גיין,
איז ער אָבער אַ סך שענער
האָב איך מורא, ר'זאָל זי זען.

און געגאַנגען בין איך איינער,
פֿאַרן מיידלס פֿענצטער כ'שטיי.
ווי דאָס מיידל מיטן בחור
זיצן, טרינקען בראָנפֿן — כ'זע.

און אַרײַן אין שטוב צום חבר
און אַרומגעקוקט זיך גיך:
אויף די הענט, אוי, פֿון מײַן חבר
שטיל אַנטשלאָפֿן ליגט זי זיך.

„אוי, אָט האָסטו זיבן ראַניש,
נאַ, איך בעט דיך, נעם זיי צו!
נאָר קיין צווישנשייד, זע, מאַך נישט,
לאָז זי! לאָז, מײַן פֿרײַנד, צו רו".

„אוי, זיבן ראַניש, זיבן ראַניש
נעם איך קיינמאָל נישט פֿאַר איר,
ווײַל אַ יונגטשיקס איז דאָס מיידל,
איך באַהאַלט זי נאָר פֿאַר מיר".

10

קום איך בעטן דיך, מײַן שײנקײט, מיר אַן עצה געבן:
כ'האָב דיך ליב פֿון טיפֿן האַרצן, נאָר מען לאָזט נישט לעבן.

וואָס פֿאַר זאָל איך, קאָזאַק־לעבן, עצות ראָטן דיך?
אַז דײַן מאַמע לאָזט נישט נעמען, אָרעמע, ווי איך?

זוך דיר, האַרץ מײַנס, ליבטשיקער, אַ רײַכע פֿאַר אַ כּלה.
אומגליק האָט מיך אָפּגעזוכט, אַ סך מער פֿון אַלע.

כ'וועל נישט אָבער קאָזאַק־לעבן, מײַנע צעפּ באַדעקן:
ווערסט אַ קוש טאָן מיך אַ טויטע, מער מיך נישט דערוועקן.

איך בין אויסגעוואוען אַ וועלטל, איבער שטעט און שטעטלעך
נישט געפֿונען אַזאַ יונגע, צווישן אַלע מיידלעך.

איך בין אויסגעוואוען אַ וועלטל, איבער אַלע דערפֿלעך
נישט געפֿונען אַזאַ מיידל, ס'זאָל זײַן ווי דו פֿריילעך.

11

שלום עליכם, איוואַן!
עליכם שלום, אײַך פּאַן!
ווּהין פֿאָרסטו, איוואַן?
אויפֿן יריד, מײַן פּאַן!
וואָס פֿירסטו, איוואַן?
אַ קופּע יונגעו, מײַן פּאַן!
מה יקור, איוואַן?
צו גילדן, מײַן פּאַן!
ווו באָרשטש, איוואַן!
ווײַל פּוסטע־פּאַסניקעס, מײַן פּאַן.

שלום עליכם, איוואַן!
עליכם שלום, אײַך פֿאַן!
ווּהין פֿאָרסטו, איוואַן?
אויפֿן יריד, מײַן פֿאַן!
וואָס פֿירסטו, איוואַן?
אַ קופּע מיידן, מײַן פֿאַן!
מה יקור, איוואַן?
צו מיליאָן, מײַן פֿאַן.
צו טײַער, איוואַן.
ווײַל יפֿת-תּוארס, מײַן פֿאַן.

שלום עליכם, איוואַן!
עליכם שלום, אײַך פֿאַן!
ווּהין פֿאָרסטו, איוואַן?
אויפֿן יריד, מײַן פֿאַן!
וואָס פֿירסטו, איוואַן!

אַ קופּע ווײַבער, מײַן פֿאַן.
מה יקור, איוואַן?
אומזיסט פֿאַרן פֿאַן!
פֿיר זיי צום רוח, איוואַן!
דער רוח וועט זיי נישט נעמען, מײַן פֿאַן.

וויגלידער

1

אוי דער שלאָף ער גייט און גייט
אויסגעפּוצט אין ווײַסן קלייד,
דאָ געזען, דאָרט געווען
און נישטאָ מער זײַן געביין.
טרעפֿט ער, פֿרעגט ער מיידעלעך,
אויף אַ וואַרעם הײַזעלע,
אויף אַ קליינטשיק יונגעלע
מיט אַ שטומען צונגעלע.
„דאָרט וועל איך מיר ליגן
און דאָס קינדעלע וויגן”.
זאָגט אים אונדזער מיידעלע:
„קום אַהער אין הײַזעלע!
דאָס שטובעלע איז וואַרעם
דאָס קינד מאַכט נישט קיין ליאַרעם,
דאָ וועסטו דיר ליגן
און דאָס קינדעלע וויגן”.

2

אוי, שלאָף-זשע קינדעלע
אָן איינאיינציק ווינדעלע,
ביז די מאַמעליו וועט קומען,
פֿון דעם פֿעלד דיר ברענגען בלומען.
איין בלימעלע וועט שמעקן מיט דרימעלע,
די צווייטע וועט ברענגען שלאָף אין וויג,
די דריטע וועט שענקען דיר דאָס גליק.
אוי, ס'זאָל נאָר שלאָפֿן און גליקלעך זײַן
און קיינמאָל נישט קראַנק זײַן און וואַקסן פֿײַן.

אוי, אַ וואַקסונג אין די ביינדלעך,
אַ געזונט און הונדערט חנדלעך,
גוטער שׂכל אין דיַין מוחל,
טיפֿער שלאָף אַצינד, פֿאַר מיַין טיַיער קינד.

טאַראַס שעווטשענקאָ

*

דער הימל נישט געוואַשן, פֿאַרשלאָפֿן די כוואַליעס
און גראָזן בייגן זיך אָן ווינט ביַים ברעג.
ווען וועט שוין, גאָטעניו, נעמען אַן עק
מיַין זיצן דאָ אין נישט פֿאַרמאַכטער תּפֿיסה,
ביַים ברעג פֿון מיאוסן, עקלהאַפֿטן ים,
נישט לעבן, נאָר אָפּקומען די וועלט אין גסיסה?
עס רעדט נישט, עס שוויַיגט, אין וויַיטן סטעפּ דאָס גראָז.
עס פֿרעגט נישט מער ביַי קיינעם נישט: פֿאַרוואָס?
די גראָזן בייגן זיך ביַים לעבן שוין פֿאַרגעלט,
דעם אמת ווילן זיי פֿאַרהוילן פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

אָוונט

אַ וויַינשלסאָד נישט וויַיט פֿון הויז
און כרושטשעס זשומען פֿריילעך פֿליִענדיק:
מיט אַקערס קערן פּויערים צוריק
און מיידלעך גייען זינגענדיק אַרויס
פֿון פֿעלד אַהיים, ווו מוטערס וואַרטן.

די טאָכטער טראָגט אַרויס דאָס עסן:
— משפּחה איז ביַים הויז געזעסן. —
עס לייַכט אין אָוונטהימל זיך אַ שטערן,
די מאַמע וויל איר קינד באַלערן,
דער סאָלאָווייטשיק אָבער לאָזט עס נישט.

אַנטשלאָפֿענע געבליבן זענ׳ די קינדער ליגן,
די קליינע קינדערלעך, די מוטער לעבן זיי
און אַלץ אַרום איז, אַלץ פֿאַרשוויגן.
נאָר הערן הערט מען נאָך אַ ניגון —
עס ציִען אים די מיידלעך און דער סאָלאָוויי.

פּערעבענדיאַ

פּערעבענדיאַ, אַלט און בלינד,
ווערזשע קען אים דען ניט?
ער וואַלוגעט זיך אַרומעט
מיט דער קאָבזע אין די הענט,
און מען קען אָט דעם וואָס שפּילט גוט
און מען דאַנקט אים פֿונעם האַרצן:
וויַיל כאָטש ער אַליין איז טרויריק
שטילט ער אָבער יענעמס שמאַרצן.
אונטער פּלויטן טאָגט ער, נעבעך,
אונטער פּלויטן נעכטיקט ער;
פֿאַר זיַין קאָפּ קיין אייגן ווינקל,
גליק מאַכט חוזק פֿון דעם אַלטן:
— אים איז אַלעס איינס!

זעצט ער זיך אַוועק און זינגט זיך:
„אוי, נישט רויש דו וועלדל״...
זיצט ער זיך און טראַכט ביַי זיך:
„אוי, אַ יתומל בין איך״...
קרעכצט ער אין זיַין גרויסן אומעט,
זיצנדיק אַזוי ביַים פּלויט.

אָט אַזוי לעבט פּערעבענדיאַ!
אַלט-צעבראָכן, ווונדערלעך!
לידלעך זינגט ער וועגן „טשאָלי״
לידלעך וועגן „טורטל-טויב״.
אין געוועט מיט מיידלעך זינגט ער
פֿרילינגס-לידער, וועגן „הריץ״
און אין שענק מיט די בחורים
זינגט ער וועגן „שענקערס וויַיב״.
און פֿאַר חתונה-געהאַטע זינגט ער
(ווו ס׳איז דאָ אַ שלעכטע שוויגער)
וועגן שלעכטן גורל, וועגן דער „טאָפּאָליע״
און דערנאָך „אין וועלדל״...
אויף די מאַרקן וועגן „לאַזאַר״,
אָדער זאָלן מענטשן וויסן,
ווי מען האָט פֿון „סיטש״ געריסן
שטיקער, ביז זי איז געפֿאַלן.
אָט ס׳אַ איינער פּערעבענדיאַ,
אַלט-צעבראָכן, ווונדערלעך!
גיט אַ לאַך און זינגט אויף שיין
און פֿאַרגייט זיך אין געוויין...
ווינטן בלאָזן, טאַנצן אום
אויף די פֿעלדער אומעטום.

אויף אַ היגל זיצט ער
און אַרום אים, — צו אַ ים גליַיך,
שפּרייט זיך אויס דער בלויער סטעפּ.
סטעפּ האָט בערגעלעך אַ סך
און ער איז מיט ווינטן ריַיך!
ווינט צעבלאָזט דעם אַלטנס טשיפּער
אָדער הערט זיך צו אַ שטילער,
ווי דער שפּילמאַן זינגט,
ווי זיַין האַרץ-געלעכטער קלינגט,
ווי די בלינדע אויגן וויינען,
הערט זיך צו און בלאָזט...
דער אַלטער באַהאַלט זיך,
אין סטעפּ אויף אַ היגל, נישט זען זאָל אים קיינער,
און ווינט זאָל צעבלאָזן די ווערטער אין פֿעלד,
וויַיל ווערטער פֿון גאָט זאָל נישט הערן די וועלט!
דאָס רעדט ער, ווען ער וויל, מיט גאָט זיך דורך,
דאָס זינגט זיַין האַרץ אויס שטילערהיַיט גאָטס שבח
און זיַין געדאַנק, ער הוליעט וויַיט דאָרט אויף די כמאַרעס
מיט אָדלערס בלאָ-באַקרילטע פֿליט ער גליַיך
און שלאָגט אַזש אָן ביז וויַיטע בלויע הימלען,
פֿון זון מוז ער וויסן, ווען ער רוט אויף איר אויס:
ווו נעכטיקט זי? און ווו קומט זי אַרויס?
פֿון באַרג טוט ער פֿרעגן: וואָס הייסט דען זיַין רו?
וואָס ים רעדט אַזוי זיך, דאָס הערט ער זיך צו.
און ווידער אין הימל, אויף דר'ערד איז נישט גוט.
אויף ערד, אויף ברייטער האָט קיין ווינקעלע אַזוינער,
וואָס ווייסט פֿון אַלעם און הערט פֿון אַלץ:
אַזוינעם איז קיינער אויף דער וועלט מקרב.

איינאייניציקער איז ער ווי גאָט איז איינאייניציק.
אים קענען די מענטשן, ווײַל אים טראָגט די ערד.
און וואָלטן געהערט זי, אַז ער זיצט אַליין דאָרט
און זינגט אויף אַ היגל און רעדט מיטן ים,
געלאַכט וואָלט אַ יעדער פֿון געטלעכן וואָרט,
אַ נאַר — אים גערופֿן, געטריבן פֿון זיך:
גיי הוליע, דו טיפּש, גיי זינג אויפֿן ים!"

גוט ביסטו, מײַן שפּילמאַן,
גוט איז אויך דײַן אויפֿטו!
טוסט אַ זינג, טוסט אַ קלינג
גייסט דיר אויף די היגלען!
גיי דיר, גיי, מײַן טויב!
ביסט שוין גראָ און אַלט
ס'הערצל ווערט אַנטשלאָפֿן באַלד...
זינגען זאָל דײַן האַרץ פֿון ווײַט,
הערן זאָלן נישט די לײַט,
און זאָל קיינער דיך נישט מײַדן,
מוזסטו, ברודער, פֿון זיי לײַדן!

אָט ס'אַ איינער פּערעבענדיאַ
אַלט צעבראָכן, וואונדערלעך!
און אַ „פֿריילעכס" זינגט ער שיין
און פֿאַרגייט זיך אין געוויין.

איוואַן פראַנקאָ

פראָלאָג צו דער פּאָעמע: „משה"

צעשלאָגן און צעשפּרייט און פאַרמוטשעט פאָלק מײַנס!
ביסט ווי אַ געליימטער אויף די שיידוועגן,
מיט רשעות מענטשלעכע, ווי קרעץ באַדעקט!

דעם גײַסט פון קומענדיקע דורות וועק איך,
פון שאַנד וואָס ברענען וועט די שפּעטערדיקע
בין איך געטראָפן טיף און קען נישט שלאָפן.

צי איז אויף לוחות אײַזערנע פאַרשריבן
זאָלסט זײַן דאָס מיסט פאַר אַלע דײַנע שכנים.
אַ צוגעפערד זיי אין לויפנדיקן וואָגן?

צי איז דײַן גורל שווין אויף תמיד, אייביק
פאַרדעקן שלעכטקייט דײַנע? אונטערטעניקייט
מיט פאַלשקייט צוטראָגן אַ יעדן, וואָס פאַרראַט.

און בינדט דיך, שפּאַנט דיך אין געשפּאַן פון טרײַקייט?
צי איז דיר ווירקלעך נישט באַשערט צו שאַפן
דאָס גרויסע ווערק פון הויפנס כּוח דײַנעם?

צי האָבן נאָר אומזיסט אַזויפֿיל הערצער
אין ליבשאַפֿט הייליקער צו דיר געבענקט,
דעם גוף און די נשמה דיר געשענקט?

צי גאָר אומזיסט פֿאַרגאָסן איז געוואָרן
דײַן לאַנד מיט בלוט און גרויסן זיך מיט פֿרײַקייט,
מיט שיינקייט און געזונט וועסטו שוין קיינמאָל מער?

אומזיסט צעפֿינקלט זיך אין דײַנס אַ וואָרט
אי קראַפֿט צי צאַרטקייט, פּאָטענץ און וויציקייט
און אַלץ, וואָס הויבט דעם גײַסט אין העכסטע הויכן?

אומזיסט צעגיסט זיך אין דײַן ליד אַ בענקעניש,
געלעכטער קלינגענדיקס, געוויין פֿון ליבשאַפֿט,
אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג און ליכטיקייט פֿון פֿרייד.

אוי, ניין! נישט לויטער טרערן, נישט נאָר זיפֿצן
איז דיר באַשערט! איך גלייב אין כּוח פֿון גײַסט,
אין תּחית-המתים-טאָג פֿון דײַן אויפֿשטאַנד.

ווו נעמט מען די מינוט, וואָס הערט זיך צו צום וואָרט
און ווו דאָס וואָרט, וואָס אין געבענטשטער שעה
אַ היילונג ווערט און שיסט מיט קנוילן פֿײַער?

ווו נעמט מען דאָס ליד, באַגײַסטערט און הייס.
וואָס רײַסט מיט זיך מיליאָנען-מיליאָסן,
באַקרילט זיי און פֿירט אויף וועג פֿון גאולה?

נישט מיר, פֿון זאָרג און לײַדן אָפּגעשוואַכטע,
פֿון ספֿקותן צעריסענע, פֿאַרשעמטע
איז אָנגעצייכנט דיך צום קאַמף צו פֿירן!

נאָר קומען וועט אַ צײַט און דו וועסט אויפֿגיין
מיט לײַכטנדיקן פּנים צווישן פֿרײַע פֿעלקער
וועסט אויפֿטרייסלען דעם קאַווקאַז און מיט דעם בעסקיד
אַרומנעמען זיך און אויפֿן שוואַרצן ים
וועסט לאָזן דאָס געשריי פֿון פֿרײַקייט
וועסט זײַן אַ באַלעבאָס פֿון אייגן שטוב און פֿעלד.

נעם צו דאָס געזאַנג, אַפֿילו פֿול פֿון טרויער,
נאָר רײַך מיט גלויבן; אָנגעווייטיקט, אָבער פֿרײַ;
דײַן צוקונפֿט מײַן דרויף, באַגאָסן מיט טרערן.

דײַן געניוס מײַן קליינטשיק חתונה־געשאַנק.

אויס „פּאַרוויענעטע בלעטער"

אַז וועסט הערן פֿון דרויסן אין טונקעלער נאַכט
ווי סע וויינט, ווי ס'ע קלאָגט עפּעס טרויריק,
זײַ דו רויִק אײַנגעאַנצן און זאָלסט נישט זײַן וואַך
מאַך דיך גאָרנישט דערפֿון, מײַן נשמה.

נישט קיין יתום איז עס, וואָס אָן מוטער, אָן היים
נישט קיין בעטלער אָן ברויט, וואָס ער בעטלט.
דאָס איז האַרצווייטיק מײַנס, פֿון מײַן בענקשאַפֿט ס'געוויין,
דאָס איז ליבשאַפֿט, וואָס קלאָגט אַזוי ביטער.

פּאַוולאָ טיטשינאַ

בריוו צום דיכטער

1

פֿון גריכנלאַנד אַ מאַפּע, קאָציובינסקי
און אויפֿן עטאַזשערל שטייט אַ שוואַן:
אָט דאָס איז אַלץ מײַן גאַנצע שטיבל,
זײַט מוחל קומט אַמאָל אַרײַן.

באַגריסן כ׳וועל אײַך ווי אַ פֿרײַנד.
איך וואַרט שוין לאַנג אויף אײַך.
נאָך לייענדיק אין אײַער ביכל
האָב איך געלאַכט, געוויינט אַ סך.

מיר חלומט זיך אי זון אי לידער
און פֿרילינגסטעג און איר.
איז קומזשעט טײַערער פּאָעט
אַלס אָנגעלייגטער גאַסט צו מיר.

קומט הײַנט אַרײַן: בײַ מיר אין שטוב
איז אויסער מיר נאָך בלומען.
כ׳וועל מורא האָבן און זיך פֿרייען
און וואַרטן לאַנג אויף אײַער קומען.

2

איר זענט, ווײַזט אויס, קיין היגער נישט —
ס׳איז אַלץ אין אײַער ליד פּאַראַנען, —
איך האָב געלייענט אײַך און נישט אַלץ,
נישט אַלץ האָב איך פֿאַרשטאַנען.

צי כ'בין אין פֿעלד, צי גאָר אין וועלדל —
עס דאַכט זיך תמיד מיר;
ביַי איַיך אין ביכל לעבט עס נישט
און דאָ לאַכט לעבן אומעטום אַפֿיר.

מע האָט נישט לאַנג אויף איַיך געשריבן:
„איר זענט פֿון דיכטונג אַ באַשיַינער".
ס'איז אָבער דאָך נישט, דאָך נישט דאָס,
שעווטשענקאָס לידער זענען פֿיַינער.

ס'איז אַלץ אַלץ אין איַיער ליד פֿאַראַנען:
סיַי וועגן פֿאָלק, סיַי וועגן אָרעם לאַנד,
נאָר ווי כ'זאָל דאָס צום האַרץ מיר נעמען —
זיַיט מוחל, איז מיר נישט באַקאַנט.

3

איך בין אַ סאָציאַליסטקע, אָן דעם צעפּל.
איך טו מיך וועלטלעך אָן. —
איר שעמט זיך ניט אין אָט די ציַיטן
צו זינגען וועגן שיינקייט, וועגן זון?

איך שריַיב צו איַיך — אַזוי וויל איך —
און פֿרעג איַיך נאָר די איינע שאלה:
צו וואָס ראַכיטישע סאָנעטן,
צו וואָס דען איַיערע לידער אַלע?

פֿאַר פֿאָלק, זאָגט איר, פֿאַר הונגעריקע?
שלים-מזלדיקער דיכטער פֿון סאָנעטן!
ווילסט האָדעווען דעם אַרבעטער
מיט טריאָלעטן?

דערווײַל געזעגן איך זיך. ס'איז נישט קיין ליבעס-בריוו
איר ווּנדערט אײַך אומזיסט!
נאָר זאָגן מוז איך אײַך: איר זענט אַ כּוח
און איר וועט זײַן אַ סאָציאַליסט.

איגאָר־ליד

(פראַגמענטן)

באַיאַן! דו סאָלאָוויי פון אַלטע צײַטן!
צו דיר געהער, דעם חיל צו באַזינגען:
דו קענסט אַ שפרינג טאָן ווי אַ סאָלאָוויי אויף בוים פון קלערן,
אַ לאָז טאָן אונטער כמאַרעס דעם געדאַנק.
צוזאַמענבונדנדיק מיט כּבוד ביידע העלפטן פון דעם דור.
אויף וועג פון טראָיאַן לויפנדיק דורך פעלד צו בערג
וואָלסטו געזונגען דעם געזאַנג פון איגאָר, אַלעגס אייניקל
אַזוי:

„נישט ווינטן האָבן ווײַט פאַרטראָגן די סאָקאָלן,
די קאַווקעס לויפן הויפנווײַז צום גרויסן דאָן...״

און אפשר וואָלסטו, נביא באַיאַן, אייניקל פון וועלעס
אַזוי געזונגען: בײַ דער סולע שטייען הירזשענדיק די פערד,
אין קיִעוו הערט מען ווי דער כּבוד קלינגט,
אין נאָווגאָראָד טרומייטערן טרומייטערס
און אין פוטיוול שטייען שוין די פאָנען גרייט.
עס וואַרט דאָ איגאָר אויף זײַן ליבן ברודער וסעוואָלאָד.
און בוי-טור וסעוואָלאָד זאָגט אים: דו, ברודער, איגאָר!
אייניינציק ביזטו מיר, דו איינציק ליכטיק-שײַנענדיקע וועלט!
מיר זענען ביידע זין פון סוויאַטאָסלאַוו!
נו, שפּאַן זשע, ברודער דײַנע גיכע פערד,
ווײַל מײַנע שטייען גרייט, געזאָטלט שוין אין קורסק.

געניטע זעלנער זענען מײַנע קורסקע לײַט!
אין וויקעלעך געוויקלט בײַ טרומייטער-שאַל
און אונטער העלמען אויסגעוויגט אין וויגעלעך,
מיט שפּיצן פֿון די שפּיזן אויסגעהאָדעוועט,
די וועגן זענען זיי באַקאַנט,
די טאָלן פֿאַר זיי אָפֿן,
די בויגנס אויפֿגעשפּאַנט,
דער פֿײַלן-טאַש געעפֿנט,
די שווערדן אויסגעשאַרפֿט.

און זיי אַליין ווי גראָע וועלף
אין פֿעלד זיי שפּרינגען,
זוכנדיק פֿאַר זיך אַ שם
און כּבֿוד פֿאַר דעם פֿירשטן.

*

פֿון פֿרי ביז אָוונט, פֿון אָוונט ביז באַגינען,
עס פֿליִען פֿײַלן האַרטגעקאָוועטע,
עס דונערן די זעבלס אין די העלמען,
עס שלאָגט אַ שפּיז אין צווייטנס שפּיז פֿון אײַזן
אין פֿרעמדן פֿעלד, אויף ערד פֿון די פּאָלאָווער.
און אונטער טריט פֿון פֿערד
איז פֿאַרזייט געוועז די ערד
מיט ביינער און מיט בלוט פֿאַרגאָסן.

וואָס הער איך זשומען?
אַ וואָסער קלאַנג לאָזט הערן זיך נאָך איידער טאָג?
דאָס קערט צוריק דאָס חיל איגאָרס,
רחמנות האָבנדיק אויף ווסעוואָלאָד זײַן ליבן ברודער.
געשלאָגן זיך אַ טאָג, דעם צווייטן
דעם דריטן טאָג געפֿאַלן זענען די פֿאָנען איגאָרס.

אויף ברעג פֿון רײַסנדיקן טײַך קאַיאַלע
צעגאַנגען זענען זיך די ברידער.
דאָ האָט פֿאַרפֿעלט דער בלוטיקער ווײַן,
פֿאַרענדיקט האָבן דאָ די סעודה די גענײטע רוסן:
די מחותנים האָבן אָנגעגעסן זיך
און זיי אַליין געפֿאַלן זענ׳ פֿאַר רוסיש-לאַנד.

עס וויענען די גראָזן פֿון ווייטיק.
עס בייגט זיך דער בוים פֿאַר בענקעניש צו דר׳ערד.

*

דו הערסט דאָס קול פֿון יאַראָסלאַוונע?
זי קלאָגט אַליין, ווי אַ זאַזוליע אין פֿרימאָרגן:
„אַ פֿלי טאָן וועל איך, ווי אַ פֿויגל אויפֿן דונאַי,
מײַן ביבער-אַרבל טינקען אין קאַיאַלע
און ווישן ס׳בלוט פֿון פֿירשטנס ווינדן אויף זײַן לײַב״.

עס וויינט אין שטאָט פּוטיוול יאַראָסלאַוונע:
באַגינען אויף דער מויער הערט מען איר געוויין:
„אָ! ווינט דו,ווינטל! וויעסט רײַסנדיק און שטאַרק!
איז אפֿשר קאַרג געווען פֿאַר דיר די הויעכן,
איז אפֿשר ווייניק דיר צו וויגן שיפֿן אויפֿן בלאָען ים?
פֿאַרוואָס-זשע טראָגן דײַנע לײַכטע קרילעס כאַנשע פֿײַלן
אויף זעלנער פֿון מײַן מאַן? פֿאַרוואָס-זשע, האַר,
האָסטו צעזייט מײַן פֿרייד אויף גראָזן פֿונעם סטעפּ?״

עס וויינט אין שטאָט פּוטיוול יאַראָסלאַוונע,
באַגינען אויף דער מויער הערט מען איר געוויין:
„דו דניעפּר, כּבֿוד-פֿליסנדיקער טײַך!
האָסט דורכגעבראָכן אויף פּאָלאָווטשע ערד די בערג,
אויף דיר געוויגט האָסטו סוויאַטאָסלאַווס שיפֿן.

איך בעט דיך, האַר, מײַן מאַן ברענג מיר צוריק
איך זאָל נישט דאַרפֿן יעדן טאָג באַגינען
אים שיקן אויפֿן ים מײַן אויסגעוויינטע טרער".

עס וויינט אין שטאָט פּוטיוול יאַראָסלאַוונע,
באַגינען אויף דער מויער הערט מען איר געוויין:
„דו לעכטיק, דרײַ מאָל לעכטיק-שײַנענדיקע זון!
פֿאַר יעדן ביסטו שיין און וואַרעם!
פֿאַרוואָס-זשע, האַר, האָסטו פֿאַרשפּרייט די הייסע שטראַלן
אויף קריגס-געניטע זעלנער פֿון מײַן מאַן?
אין פֿרעמדן פֿעלד האָסטו מיט דאָרשט
געבויגן זייער פֿײַל און זייער פֿײַלן-טאַש
געלאָזט פֿון בענקעניש פֿאַרשרימפּן ווערן?"

עפּעס וועגן די לידער

אויף דעם קייזער־שטראַז פֿון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור אין זייער שול און אויף וואַלדסטעזשקעס, שוין אויסער איר האָב איך צונויפֿ־געקליבן עטלעכע לידער פֿאַר מײַן אַלבאָם. כ׳האָב זיי נישט געטרוקנט, נאָר מיטן וואָרצל איבערגעזעצט אויף מײַן יידיש־ערד און זאָלן זיי ווײַטער בליִען אויך פֿאַר אַנדערע.

די זאַמלונג וויל דערפֿאַר נישט אָנגיין פֿאַר קיין אַנטאָלאָגיע. אָבער קענער פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור וועלן געפֿינען אין דער זאַמלונג כאָטשבי אָנצייכענישן פֿון די הויפּט־דרכים, אויף וועלכע זייער פּאָעטישע שאַפֿונג האָט זיך געלאָזט גיין.

אין אָנהויב פֿון זייער נאַציאָנאַלן אויסדרוק איז געווען דאָס פֿאָלקס־ליד. אַליין האָט דאָס פּויערים־פֿאָלק געזונגען זיך זײַן ליד: וועגן גורל און ליבע, וועגן איינזאַמקייט און אָרעמקייט, וועגן האָרעוואַניע און פּאַנש־

טשינע, וועגן טרויער און געזאַנג. פאַרן פאָלק איז דאָס ליד געוואָרן דאָס חיות און פאַר זיין ליטעראַטור דער עמוד־האש.

אָפּקלאַנגען פון די עלטסטע אוקראַיִנישע פאָלקסלידער געפינען מיר אין „איגאָר־ליד". דערנאָך קומען די דומעס, וואָס דערמאַנען מיט זייער ברייטקייט אין פאָרם און פרייקייט פון אויסדרוק אין די ווייטע אוקראַיִנישע סטעפּעס. נאָך אַ סך אַנדערע ספּעציפישע ריטמישע און מעטרישע פאָרמען באַהאַלטן די פּשטות און געזונטע נאַטירלעכקייט פון זייער ליד. די „קאָלאָמייקעס" מיט זייער כאַראַקטעריסטישן ריטם און בוי זענען לידער צום טאַנצן. אַנטשטאַנען זענען זיי אין קאָלאָמיי און געגנט און געוואָרן די פּאָפּולערסטע פאָרם פון אוקראַיִנישן פאָלקסליד. די מעלאָדיעס פון זייערע לידער זענען ס׳רוב מעלאַנכאָליש־פאַרקלערטע, פול בענקעניש און טרויער. מ. גאָגאָל זאָגט דעריבער, אַז פון דער אונטערדריקונג און באַדרענגעניש איז געבוירן געוואָרן דער וויטיק, וואָס האָט אין ערגעץ נישט געקענט זיך אַזוי בולט באַווייזן, ווי אין ליד פון דעם פאָלק.

טאַראַס שעווטשענקאָ (1814—1861) איז דער ווייטערער המשך פון פאָלקסליד. ר׳איז דער אויסדערוויילטער פון זיין פאָלק, ווייל דאָס פאָלק האָט אים אויסגעוויילט, כּדי ער זאָל זינגען פאַר אים דאָס ליד. אין שעווטשענקאָ גיסט זיך צונויף פאָלקסטימלעכע נאַטירלעכקייט מיט אינטעליגענטער מאָס, דער „קאָזבאַר" מיט דעם פּאָעט. זיין הויפּטמאָטיוו איז קאַמף פאַר אמת און פרייהייט.

איוואַן פראַנקאָ (1856—1916) ברענגט נייע מאָטיוון. ס׳איז דער גאַליציאַנער מיט אייראָפּעיִשער קולטור. דער דיכטער פון קאַמף מיט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער. אין שפּיץ פון זיין פּאָעטישער שאַפונג שטייט די פּאָעמע „משה", וואָס איז זיין ווידוי און זיין צוואה.

צווישן פראַנקאָ און טיטשינאַ איז דאָ אַ גוטער מהלך. פון מער כאַראַקטעריסטישע דיכטער איז כּדאַי כאָטש צו דערמאַנען: קוליש, שאַשקעוויטש, פעדקאָוויטש, אָלעס א. אַ.

טיטשינאַ פון איין זייט און מאַלאַניוק, ליפּאַ פון דער צווייטער זייט זענען סימנים פון דער מאָדערנער דיכטונג. צוויי ריכטונגען, פּאָליטיש און טעריטאָריעל צעטיילט, און אַרום זיי געפינען זיך אַ סך ווייניקער אינטע־

רעסאַנטע יונגע, ליפֿאַ איז דער נאַציאָנאַליסטישער טאָן־געבער פון די יונגע. דאָלענגאַ האָט אָנגערופן מאַלאַניוקן פּאָעט פון חושך און כאַאָס. און ער איז עס טאַקע. נאָך פינצטערער אָבער איז דאָלענגאַ אַליין, וואָס שטעלט אַוועק אַ „נאָרמאַנדישע קאָזאַקישע ראַסע” און שרייבט: „דאָס וואָרט „מענטשהייט” וועט תמיד בלייבן פאַר מיר פיינטלעך און פרעמד”. ס׳דער־מאָנט אין די ווערטער פונעם דייטש יאָסט: „ווען איך הער „קולטור”, לאָז איך אָפּ דאָס ציינגל פון מיין רעוואָלווער”. ווייטער שרייבט דאָלענגאַ: „מלוכה? אפשר דאַרפן מיר זי נאָך נישט. ביז מיר וועלן זי געווינען, דאַרף מען נאָך אַ סך דורות דערציִען אין העראָישן גייסט”. און מיינען מיינט ער דעם רענעסאַנס פון ברוטאַלקייט און חיהשקייט, דערציִונג מיטן קוק אויף צוריק. אויף די אַלע יונגע האָט טיטשינאַ געזאָגט:

אויף בלומען גייען זיי, אויף ראָסע
מיט אויגן הייליקע, פאַרגלאָצטע.
צופירן ברענגען זיי משיחן.
נאָר זון זאָלסטו נישט זוכן
אין זייער ליד, אין זייער שיינקייט!

נאָר מלכות!

*

אויף אונדזער ליטעראַרישן קעסל הויבט זיך דער מאָנאָמעטער יהואשס ביבל, מאַנגערס פעלקער זינגען, די לי־טאַי־פּע־לידער פון באָמזע, די נעגער־לידער פון באַגיש, פּעטשעניקס פאַרמעסט צו איבערזעצן די אָדיסייע — דאָס אַלץ ווייזט אָן, אַז ס׳פאַרגרעסערט זיך די שפּאַן־קראַפט פון דער יידישער ליטעראַטור.

קינת קאָלאָמיי

ווער האָט עס דעם כּוח אויסצוזינגען דעם ווייטיק און לויב פאַר דיר מיין שטאָט און מוטער, וואָס ביסט אַזוי שרעקלעך און מיאוס פאַרשניטן געוואָרן?

פון די בערג אין ציון זע איך דיך ווי אַ ליכט, וואָס ברענט תמיד אויף דיין חרובער מצבה, און איך דערמאָן דיך, ווי מע דערמאָנט אַ מאַמע, מיט דיין צניעותדיקייט און מיט דיין בריהשאַפט. איך וואָלט אָבער געוועזן פאַרשאָלטן און געליימט ווען איך וואָלט נאָר באַוויינט דיך און געבענקט נאָך דיר. דיין אומקום איז אתחלתא דגאולה. אין שווייס און גבורה בויען מיר וועגן פאַר די פאַרבלוטיקטע פיס פון משיחן. פון צפת גייט ער קיין ירושלים, פון דאָרטן קיין אילת. אין ים־סוף וועט ער זיך טובלען און אַ געשטאַרקטער אַרויסשיקן שיפן צו דער גאָרער וועלט מיט גוטע פּירות, איינגעפּאַקט אין פריידי, מיט שורה־גריזלעך, פול מיט קלוגע רייד.

ווער בענקט עס נאָך בבל, צי פּרס? ווער נאָך ספרד און אַשכּנז?

אַ סך סטאַציעס זענען געווען אויפן וועג צוריק קיין ציון. ס'איז געווען אויך אַ סטאַציע קאָלאָמיי. ביי דיר, צעאַקערטער בית־עלמין, האָבן מיר אַ סך געלערנט. זענען מיר מחויב אַוועקצושענקען אונדזער וויסן און אונ־דזער האַרץ פאַר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער.

1

פיר גאָטס־הייזער האָבן זיך געהויבן ביז אין הימל איבער קאָלאָמיי און געהיט די מאָראַל פון די פיר פעלקער, וואָס האָבן געלעבט איינער פון צווייטן, מקנא געווען זיך, פיינט געהאַט איינער דעם צווייטן און גערעדט אַ מאָל אויך וועגן ליבע.

די „הויכע שול" איז געשטאַנען מאַיעסטעטיש און ברייט אין דער געדיכטעניש פון יידישער אָרעמקייט און פרומקייט. אינעווייניק איז זי גע־ווען לופטיק און פאַרביק. אויף די ווענט אידילישע בילדער פון תנ"ך.

אויפן סופיט דער גאַנצער שטאָב מיט מלאכים. דאָס בת־קול פון חזן, באַגלייט מיט אַ פריילעכן קינדער־כאָר, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביי יעדן.

דער פוילישער „קאַסציאָל" האָט געמוזט אָנקומען צום יידישן גאָט: דער שם „יהוה", וואָס אויף זיין שפיץ האָט געפינקלט מיט גאָלד אין דער זון, האָט אים געראַטעוועט פון איינגעזונקען צו ווערן. אינעווייניק איז אַלץ געווען פול מיט אָנגעבלאָזענעם ברוגז און שלאַכצעקער שטייפקייט.

די אוקראַינישע „צערקווע" איז געווען מרה־שחורהדיק פינצטער און קאַלט. דאָ האָבן זיי געפּראַוועט זייער אָפּגעשטאַנענקייט און זייער שׂנאה.

דער דייטשער קלויסטער איז ווי אַ שפּיאָן געשטאַנען, אונטער די טויערן פון שטאָט און מאַסקירט, זיך געגרייט צום גרויסן רויב און מאָרד.

אין די געמויערטע הייזער אַרום מאַרק האָט פּולסירט יידישער אונטערנעמונגס־גייסט, וואָס האָט שוין שוואַכער געשטראַמט אין די דריי אַרטעריעס פון דער יידישער פּעריפעריע: די נייע וועלט, די וואָלאָווע־גאַס און די מאָקרע־גאַס. די דריי פרייע געטאָס זענען — דערנאָך — ביים דייטש געוואָרן געפּענטעט און פאַרטיליקט. אין דער אָרעמער פרייקייט איז מען אָפּגעקומען אַ לעבן, אָבער דער וועג איז געווען אָפּן קיין ארץ־ישׂראל, אין עבר־לים. די יוגנט האָט מיט פאַרשיידענע וועגן זיך געשטרעבט צו שאַפן פאַר זיך אַ נייע וועלט פון ברויט צו דער זעט.

צו דער שטאָט קאָלאָמיי האָבן זיך געטוליעט די יידישע ישובים פון קאָסעוו, קיטעוו, זאַבלאָטאָוו, יאַבלאָנאָוו, מיקוליטשין, גוואָזדיעץ. אַלע די ישובים האָט פאַרבונדן דער שווערער גערענגל פאַרן קיום, אויך די חסידישע לעבנסלוסט און בטחון אויף בעסערע צייטן.

2

אין משך פון 500 יאָר האָבן יידן בהדרגה איינגענומען קאָלאָמיי. די שטאָט איז געווען צעטיילט מיט „עירובים", כדי מען זאָל קענען שבת גיין איבערן גרענעץ, וואָס יידן האָבן פאַר זיך אַליין געשאַפן. און אויב שוין יאָ אַ יידישע שטאָט, איז דער בירגערמייסטער אָדער וויניקסטנס דער וויצע־בירגערמייסטער אַ ייד. דער דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט אַוודאי אַ ייד.

צום אויפנעמען אַ רבי אין שטאָט איז אַרויסגעפאָרן אַ קאַרעטע אין שפּאַן פון אַכט פערד און דער גרעסטער עושר איז געזעסן אויפן באָק.

חסידים האָבן זיך געטובלט אין דער אַלטער מקווה, ווו דער בעל־שם־טוב אַליין פלעגט זיך טובלען. חסידישע רבנים פלעגט מען אויפנעמען מיט געזאַנג. גוייִשע פּאָליציי האָט געהאַלטן אָרדענונג ביים צוגאַנג צום רבין, כּדי אַלע הונגעריקע נאָך אַ מופתל זאָלן קאָנען צוקומען צום רבין.

שמחת־תורה איז די שטאָט געווען פול מיט שטורקאַצן און פענדלעך, מיט ניגונים און טענץ. פּורים זענען פאַרשטעלערס און פּורים־שפּילערס געלאָפן פון הויז צו הויז מיט גראַגערס, שטעקעלעך, גלעקלעך, קלעזמערס מיט פידלען, פּויקן און באַסן. מיטן ערנסט פון מרדכי הצדיק איז אַרומ־געריטן אויף זיינע פיס „איגנאַץ מיטן פערד" און אַלע האָבן דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין טרעגערישן כּוח און זיין שטאַרקן קאָפּ צו טרינקען.

פאַר סוכּות האָבן קינדערישע טאַטעס מיט זייערע ערנסטע קינדערלעך זיך געשפּילט מיט אויפשטעלן לופט־שטיבלעך אויף גאַניקעס און די ווענט זייערע באַפּוצט מיט סטענגעס פון פאַרביקן פּאַפּיר. פונעם סכך האָט אַראָפּ־געהאַנגען דער אַרבוז דער לץ, וואָס האָט געשמייכלט און געווונקען מיטן כּוח פון דעם צאַנקענדיקן ליכטעלע אין אים און אַרויסגעשטעלט דערביי אַ לאַנגע צונג דער גאַנצער שלעכטער וועלט. ערב פּסח, וואָס נאָך אים האָט זיך געוויינטלעך נאָכגעשלעפּט ווי אַ שאָטן, די גוייִשע פּאַסכאַ, פלעגט אויפן יריד פלוצלונג ווערן אַ טומל, אַ צוזאַמענלויף אַרום אַ יידישן קעלער. אַ היסטערישע גויה האָט געשוווירן ביים יידישן בלוט פון ישוע, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי מען צאַפּט דאָרט דאָס גוייִשע בלוט פון אַ קינד פאַר יידישע מצות. די פּוילישע פּאָליציי האָבן זיך נישט געפּוילט און מיט דער זעלבער אמונה געקראָכן אין דעם יידישן קעלער און זיי האָבן געפונען האָלץ און קאַרטאָפל, קוואַסניצעס און קרויט, אַ פעסל באָרשט און אַ געריך פון פאַרדומפּנקייט.

3

אויף אַ יאָר־יאַריד איז די יידישע פעסטונג אויף איין טאָג אָקופּירט געוואָרן פון די אַרומיקע הוצולן. פון אַלע פיר עקן שטאָט זענען אָנגעפאָרן פערד און וועגעלעך מיט אַלעם גוטן: בערבעניצעס מיט ברינדזע, מיט גרינסן און אויבסטן, גראָבע פאַרביקע לייוונטן, געשניצטע פייפעלעך און וויגעלעך פאַר קינדער, ברוינע ליימענע טעפּ. לענגלעכע פעסלעך מיט

פלוימען און מאַלינעס און אַגיצעס. יידענעס פלעגן דאָס קויפן אויף צו קאָכן סירופּ, פּאָווידלע און איינגעמאַכטס „אויף נישט צו באַדאַרפן״.

דער צערעמאָניאַל פון לאַנגן קאָכן און מישן אונטערן פרייען הימל ביי דעם קופּערנעם קעסל, האָט פאַרמאָגט אין זיך אי היילקייט אי פרייד. גרויס איז דערביי געווען די שמחה פאַר די קינדערלעך, וואָס האָבן בעת מעשׂה געכאַפּט אויך אַ לעק.

אויף דעם יאַריד פלעגט טרעפן, אַז עמעץ איז אַריין מיטן דושל דעם צווייטן, אָדער איינער אַ פויער האָט ביים צווייטן עפּעס אַראָפּגעלקחנט פון וואָגן. איז געוואָרן אַ גראַטשקע, אַ גערודער. אינצווישן איז מיט אַ גרויסן סוויסטש אָנגעפּאָרן דאָס באַנדל פון פּעטשניזשן און אַלע פערד האָבן זיך מיט יראת־הכבוד געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. יידן האָבן גע־קויפט און פאַרקויפט און נישט געמאַכט זיך הערנדיק, ווען אַ העצער האָט עפּעס געפּריידיקט, בכן ס׳איז אַ בפירושע מצווה פיינט צו האָבן יידן. יידן האָבן דערוויל מאָביליזירט זייערע קרובים, קינדער און באָבעס, כדי צו קוקן אויף די הענט דעם „ערל״, וואָס האָט דערוויל פון דער מצווה עפּעס צוצונעמען ביים יידן, אויב ס׳לאָזט זיך.

4

האָט דער שבת־קודש, שוין פרייטיק פאַר טאָג צעשפּרייט זיינע פליג־לען איבער דער יידישער שטאָט און זי געבענטשט. די לופט האָט זיך מחיה געווען מיטן ריח פון ערב־שבת, וואָס די יידישע קוימענס האָבן אַרויסגעוואָרפן מיט עניוות: קנוילן טעם פון מאַנדעבורטשעניק (קאַרטאָפל־קוכן), געמישט מיטן קיצלדיקן ריח פון הייסע פלאָם־פּלעצלעך, פון גויִישן מאַלאַי, וואָס האָט שוין געהאַט דעם טעם פון אַ גר־צדק; איבער אַלע ריחות האָט זיך דערהויבן דער גערוך פון די געפלאָכטענע שבת־קוילעטשן מיט זאַפרען און מאָן. אַרום די גענעראַל־ריחות האָבן, ווי שאָלטעקלעך אַרומ־געוואָיוועט ריחלעך פון ראָגעלעך און האָניק־לעקעך, שטרודל און אייער־קיכלעך.

יידן הייבן אָן פרייטיק צו לויפן שנעלער ווי יעדן טאָג. עפּעס דאַכט זיך יעדן, ווי מ׳זאָל דאַרפן לויפן צו דער באַנסטאַציע אָפּוואַרטן אַ טייערן גאַסט. יעדערן פאַלט די אַרבעט פון די הענט און איידער די זון פאַרבייגט

זיך פאַר דער כּלה־שבת, הערשט שוין די שכינה איבער דער שטאָט און איבער די מענטשן.

...די מאַנסבילן זענען אַוועק אין די שילעכלעך און די ווייבער זענען מידע איינגעדרימלט אונטער די געבענטשטע שבת־ליכט מיט דער פריי־טיקדיקער יידישער צייטונג אין די הענט.

שבת האָט מען באַשיינפּערלעך געזען ווי די שטאָט געהערט צו די יידן. דער מאַרק איז ווי נאָך אַ באָד געווען שיין פּאַרקעמט. זעלטן האָט מען געזען אַ דאַר פערדל מיט אַ סקריפּנדיק וועגעלע, וואָס האָט זיך געשלעפּט פון איין קופּקעלע מיסט צום צווייטן. דאָס האָט אַ בידנער גאַזדאַ צוזאַ־מענגענומען דאָס פערד־מיסט פאַר זיין שטיקל פעלד און בלאָ־יודעים צו־געהאָלפן ריין מאַכן די לופט פון שבת־קודש. גאַנץ פרי האָבן עטלעכע הינקענדיקע און שיקלדיקע שבת־גויִים זיך אַרומגעדרייט ביים גערטנדל, ווי פאַרשלאָפענע, מיט גראָע טאָרבעס און געוואַרט, אַז מ׳זאָל זיי אַ ווינק טאָן צו גיין אונטערהייצן אין אויוון פאַר אַ שטיקל יידישן קוילעטש.

ווען האָט עס דען געאַרט, אַז אין דער ריינער יידישער לופט האָט אַרויסגעהויבן פון זיין געוועלב דעם קיילעכדיקן בויך דער שענקער בוגאַיסקי און אַ טריפענער ריח פון חזיר האָט זיך גערייכערט פון אים? אָדער ווען אַרט עס, וואָס דער גוי זשיבאַרסקי האָט אויף זיין קראָם־טיר אַרויסגעהאָנגען דאָס צוויי־גראָשן בלעטל „ראָזוואָי" מיטן אָרעם־נאַקעטן אויבנאָן: „סוואָי דאָ סוועגאָ פּאָ סוואָיע". אויף צו להכעיס זענען די יידן געווען די בעסטע לייענערס פון דעם גראָשנדיקן בלעטל און דער גויִישער פּאַרקויפער איז אפשר דערפאַר תמיד געווען אָנגעבלאָזן.

5

אויף פּאָקוציער ערד, וואָס איר הויפטשטאָט איז געווען קאָלאָמיי, האָט בשעתו געפראַוועט התבודדות דער בעל־שם־טוב. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער קומען פון די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס צווישן קאָסעוו און קיטעוו, אויפן יאַריד קיין קאָלאָמיי, כּדי צו קויפן אַ בייטש אָדער אַ לולב, אַ פּושקע שמי־רעכץ אָדער אַ פּושקעלע בשמים און איבערגעלאָזט צווישן יידן אַ ביסל אהבת ישׂראל און אַ טראָפּן עבודה מתוך שׂמחה. די צוויי מידות האָבן גע־פונען אַ תיקון אויף שפּעטער. די פּאַרמען האָבן זיך טאַקע געביטן, אָבער

דער באַוווּסטזיין האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט בעש״טישן תּוך. אויף דעם באָדן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַלעקסאַנדער גראַנאַך, אַ יונג מיט צוויי קרומע פיס, אַ בעקער־געזעלן, וואָס פלעגט ביים בעל־הבית אין „מצרים־געסל״ זינגען דעם „ווילדן־מענטש״ און דערביי אים פאַרברענען דאָס געבעק ברויט. זיין שפּיל טראָגט ער אַריבער אין „קאַסאַ אַשטשענדנאַשטשי״ און פון דאַנעט אַנטלויפט ער מיטן ליד „צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן״ אַזש קיין בערלין. דאָרט ווערט ער „מעפּיסטאָ״, דאָרטן שרייט ער אויס שיילאָקס צאָרן אויף דייטש פאַר דייטשן: „ווען איר שעכט אונדז, בלוטיקן מיר דען נישט?״ און אַ פאַרבלוטיקטער, אָבער פול מיט אהבת־ישׂראל, קומט ער צוריק קיין קאָלאָמיי. אין פוילן טוט ער אָן באַצייטנס די „געלע לאַטע״ שפּילנדיק „פּראָפעסאָר מאַמלאָק״ אויף יידיש.

און וואָס נאָך קאָן מען אַזוי גוט אָנרופן „עבודה מתּוך שׂמחה״ ווי מוזיק? דער יידישער אָרקעסטער פון מוזיקאַליש דראַמאַטישן פאַראיין „הלוי״ איז געוואָרן אין לויף פון יאָרן דער שם־טוב פון קאָלאָמיי. וויפל ליבע און פלייס האָט אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט קלמן היראָם מיט זיינע צוויי פּעקעס זין? און ווו איז העסיע באַרטן, דער ערשטער פידלער, ווו די ברידער פערנבאַך, ווו איז דער פויקער ערליך, דער באַס לייבציע באָרטן? ווו איז ד״ר ראָזנטאַל, דער פּרעזעס פון „קלוב״, דער האַרציקער ייד און איינציקער שפּילער אויף אַ ציטרע? ווו איז די שיינע קינסטלערין געניציאַ הייזלער? [1] און ווו זינדל ניימאַן, וואָס איז געווען ענלעך צו דעם יאַרעמטשער באַרג, וואָס פון אים רוישט שטענדיק דער וואַסערפאַל פון פּרוט? אַזוי נאַטירלעך איז ער געווען און אַזוי פריש־ברויזנדיק אויף אַלע שׂמחות. אויפן „קאַנאַל״ האָט ער זיך פאַרקויפט און פאַטשיילעס לאחדים פאַר גויעס. ערשט ווו איז חיים רינגלבלום? דער באַגייסטערטער און באַגייסטערער פון ציון? ד״ר מאַטעק קנאָפּף? באַצייטנס האָט אַרויסגעהויכט זיין נשמה בנשיקה משהלע הילזנראַט, דער פאַרליבטער אין יידישער היסטאָריע און פילאָסאָפיע. גרויס איז געווען זיין השפּעה אויף דער יוגנט. יאָ, עס איז

[1] די שוועסטער פון מיינע פריינד יוסף און עמיל רייזל־הייזלער. די דאָזיקע פאַרצווייגטע משפּחה האָט געגעבן פּרנסה פאַר אַ סך יידן אין זייער טריקאָטאַזש־פאַבריק.

נישט צו פאַרגעסן ישׂראל אָסטערזעצער, דאָצענט אין וואַרשעווער אוני־ווערסיטעט, מיין ערשטער „ראש קבוצה" אין „השומר הצעיר", דער עלע־גאַנטער תלמיד־חכם, וואָס פלעגט שפּעטער אין די זומערן פון געפּתיבהטן „דער אייגענער קלאַנג" [1] אַליין אַריינשרייבן אויף עברית זיינע לידער אין פּראָזע? און ד"ר לאַקס, דער פּרעזעס און דער אַפּוטרופּוס פון דער ציוניסטישער „יוגנט־אָרגאַניזאַציע" אין בית־ישׂראל און זיין רעכטע האַנט, משהלע דלפון? און גוגיק און זיין פרוי, וואָס האָבן אין זייער פּריוואַטער „תרבות־שול" געלערנט די גאַנצע שטאָט עברית בעברית? ערשט חיים חיות און זיין שוועסטערביילע, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל שטאָלץ און פּאַר־ליבטקייט אין יידיש אויסגעשטראַלט פון ווילנע ביז קאָלאָמיי? און ד"ר ישׂראל ביבער, דער הייסער ייד און גרויסער פּעדאַגאָג, דער מחבר פון לערנביכער פון נאַטור־וויסנשאַפט אויף יידיש? ווו איז אַהינגעקומען אַדוואָ־קאַט קרעמער, דער געזעלשאַפטלעכער טוער און רעפערענט פון דעם יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט „טוינבעהאַללע"? ווו זענען די ברידער שייערמאַן, וואָס האָבן מיט זייערע לעקציעס אין דער „טוינבעהאַללע" אינספּירירט דעם יידישן עולם צו לייענען און זיך באַטראַכטן? ווו איז חיים מאַיבאַרד, דער מאָדערנער לערער פון תנ"ך, וועגעטאַריער און אַנאַר־כיסט. נו, און שלמה שפּילפאָגעל, וואָס האָט אויף דער סצענע געהאַט דעם כוח פון אַ גראַנאַך און האָט אים פאַרתכלעוועט אין זיין פּרנסה פון וואַנט־מאָלער? ווו איז ווייזלבערג, דער באַטעמטער אויסזינגער פון יידישע לידער? און געניע לאַקס, די שטאָלצע פּרימאַדאָנע פון קאָלאָמיי? און ווו איז מלך קליין, מיין ברודער, וואָס האָט אויסגעזונגען־אויסגעשפּילט אויף זיין גיטאַ־רע, לידער און וויצן און פריילעך געמאַכט אַ האַלבע שטאָט? [2]

---

[1] אין דער צייטשריפט „דער אייגענער קלאַנג" האָבן צווישן אַנדערע גע־שריבן: קלאַראַ פוקס־ניסאַנאָוו (לעבט אין קריית־חיים); ד"ר יצחק קאַנ־טאָר (ניו־יאָרק); אַדוואָקאַט יעקב און שלמה ווילף (תל־אביב), אַדוו. פאַלעק ווייזער (לוואָוו).

[2] פון מיין גאַנצער משפחה איז געבליבן מיין קוזינע קלאַראַ ראָזנער־גאָלד־נער (רחובות), די טאָכטער פון מיין פעטער, דעם הייסן ציוניסט מענדל ראָזנער, ז"ל.

6

אַ באַשײנער פון קאָלאָמײ איז געװען נפתלי גראָס, װאָס האָט מיט זײַן דיכטערישן װאָרט אױסגעשטראַלט פון ניו־יאָרק ביז אַהײם. אַ ברײטן אָפּ־קלאַנג האָט געפֿונען די פּערזענלעכקײט פון ד״ר א. פּריש [2], דער פֿאָלקס־דאָקטער, דיכטער, זאַמלער פון ייִדישן פֿאָלקלאָר. פֿאַרלענדט איז געװאָרן ד״ר בנציון פֿעסלער, אַדװאָקאַט, דיכטער און רעליגיעזער טוער. ער האָט עטלעכע יאָר פֿאַרן חורבן אױסגעװאַנדערט, װי אױף זיך, די תּפֿילה:

דער מענטש, האַר, האָט בלוט צופֿיל,
שפּילט ער דאָס אַלטע, מענטשלעכע שפּיל,
אָן רו, אָן גליק, אַ פֿאַרחלומטער נאַר —
פֿאַרלענד אים נישט, האַר!

צו די שבת־יום־טובדיקע ייִדן האָט געהערט דער מגיד ר׳ יצחק װעבער [3], װאָס האָט שבת נאָך מיטאָג פֿאַר אַ ריזן עולם אימפּראָװיזירט משלים פֿון חכמה און לעבנספּירונג. עניװותדיק האָט רב תּאומים געשריבן די געשיכטע פֿון אַלטן קאָלאָמײ אין זײַן „זכרון־לראשונים״. לעבן קאָלאָמײ, אין דעלאַטין, האָבן צװײ פּרישע קװאַלן אָנגעהױבן צו ריזלען און אַזױ שנעל פֿאַרשאָטן געװאָרן פֿון דעם שׂונא: דער דערציילער מילקע (ירחמיאל) גרין, װאָס האָט געשאַפֿן די עפּאָפּײע פֿון די קאָלאָמײער טליתים־װעבערס און סאַניע הײפֿערמאַן, דער שעמעװדיקער נאָװעליסט.

7

װען די צאַרישע רוסן זענען שױן געשטאַנען הינטער קאָלאָמײ, האָבן נישט נאָר קינדער געגלייבט, אַז זײערע טשערקעסן האָבן נאָר אײן אױג אין שטערן, אַז זײ זענען טאַקע מענטשן־פֿרעסערס און מען האָט געפּאָלגט

2 זײַן טאָכטער מרים פּריש־סאַנדעק לעבט אין שװעדן.

3 זײַן טאָכטער רחל װעבער־לעלעק לעבט אין בני־ברק. זײַן אײניקל מאָטעק פּרעסלער לעבט אין קרית־ישׂראל.

ווען מען האָט געהייסן זיך עוואַקויִרן. מאַכן יידן פּעקלעך, קושן די מזוזה און לאָזן זיך אין וועג אַריין. יידן קומען קיין טשעכיע, אונגאַרן און ווין. „קירע״ איז אַ גוטער קייסער. יידן האָבן אים פאַרצויגן, גערופן יידישלעך: פראָים יאָסל, גיט ער אַלעמען אויף צו לעבן און וויל נישט, אַז זיינע יידן זאָלן, חלילה, אַרבעטן.

נאָך דריי יאָר ברענגט דער קייסער צוריק, מיט זיינע באַנען, כמעט אַלע יידן. פירן זיי מיט זיך נייע געקעכטסן, דייטשע מאָדעס און וועלט־לעכע מאַנירן.

די אוקראַיִנער, וואָס האָבן אין זייערע צוויי הימנען תמיד געזונגען וועגן טויט: „שטשע נע וומערלאָ אוקראַינאַ״ און „יאַק אומרו״ — האָבן נאָך צייט געהאַט אומצוװאַרפן עטלעכע קוישן מיט אייער און אויבסט פון יידישע מאַרקזיצערס און צו באַפעלן יידישע קרעמערס איבערצופאַרבן זייערע שילדן אויף אוקראַיִניש און זענען גיך אויסגעגאַנגען פון בענקע־ניש נאָך בלוט...

די רומענישע אַרמיי האָט נאָר וואָס אָפּגעטאַנצט איר טאַנץ אין מיטן שטאָט, האָבן זיך באַוויזן פוילישע זעלנער. געריטן האָבן זיי אויף פערד מיט פאַרריסענע פּיקעס און מיט פאַרביקע פענדלעך און נאָך זיי האָבן זיך געצויגן די לוויות פון די געהרגעטע „שומרים״ און דאָרפסיידן. אַ מרה־שחורה און אַ קללה האָט זיך געלייגט איבער פוילנס נייער מלוכהשאַפט.

אַפילו דער געקרוינטער אָדלער איז געהאָנגען אַ יעדערן איבערן קאָפּ, האָבן יידן זיך גענומען מיט חסידישן ברען צוריק אויפשטעלן זייערע גע־צעלטן: אין פראָטעסט אַרויסגענומען אַלע יידישע סטודענטן פון דער פוי־לישער גימנאַזיע און אַריבערגעפירט זיי אין דער אוקראַיִנישער, געמאַכט אַ פּרוּוו צו שאַפן יידישע וועלטלעכע שולן, געשפּילט יידיש טעאַטער, יידישע מוזיק, געעפנט ביבליאָטעקן, געשאַפן פאַרטייען, צייטונגען, צעכן, סוחרים־פאַראיינען, הכשרה־פונקטן, דרוקערייען, אייגענע ביכער, געהאַט אַ יידיש שפּיטאָל, יתומים־הויז. די דאָזיקע פאָרמען פון יידישן „זעלבסט־שוץ״, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך די אויפלעבונג פון יידישן גייסט, האָבן אויפגעבראַכט דעם פוילישן „האָנאָר״ און ער האָט געטאָן אַלץ, כדי צו צע־ברעכן דעם יידישן לעבנסדראַנג.

8

קאַרגע צוויי יאָר האָט די יידישע שטאָט געפּיבערט אונטער דער רוסי־שער הערשאַפט. קרומע האָבן געשריגן אין די גאַסן: אַלע גלייך! יידישע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט, אָרעמע אין גייסט האָבן געוויזן, אַז אַלץ געהערט צו זיי.

און די מאַסע איז געטריבן געוואָרן צו נצחונות־מאַרשן איבער דער שטאָט. מיט די בילדער פון די נייע הערשערס האָט זי געשפּאַנט, די מאַסע, און מען האָט געהייסן זינגען, אַפילו ווען יעדער האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון די טראַנספּאַרענטן. די נעכט זענען געוואָרן פול מיט מורא, די טעג אָנגעזאַפּט מיט שווייגנדיקן צער: סיביר, תּפיסות, בלבול, רויב, מענטשנס נקמה־אַקטן, „אַקציעס".

איין פאַלש ליכטל איז אָנגעצונדן געוואָרן אויף דער יידישער גאַס: די יידישע שול אויף יידיש. וויפל חוזק איז געווען אין דעם! אָן לערערס און לערנביכער אויף יידיש, אָן אינסטרוקציעס: אַ יידישע שול זאָל זיין!

שאַפּיראָס גימנאַזיע האָט שיער נישט אויסגעהויכט די נשמה און גע־מוזט אָנקומען צו דריי דאָקטוירים: צוויי מעדיצינערס און איין אַדוואָקאַט, וואָס האָבן געקנעלט יידישע ליטעראַטור מיט די לערערס און מיט די קינדער. אין דער יידיש־געוואָרענער שול האָבן די קינדער פון אַכטן קלאַס גימנאַזיע אויפגענומען מיט ליבע די יידישע דיכטערין רייזל זשיכלינסקי, וואָס איז פאַרן דייטש אַנטלאָפן פון וואַרשע. אין „גוויאַזדאַזאַל" האָבן מיר אָרגאַניזירט פאַר דער דיכטערין אַ קבלת־פּנים. ווי שווער איז אָבער געווען דער באַפעל אין לעצטן מאָמענט, אַז די דרשה וועגן רייזל זשיכלינסקי מוז געהאַלטן ווערן נאָר אויף אוקראַיִניש.

9

ווו זוכט מען שׂכל־הישר פאַר דעם אַלעמען, וואָס איז געשען מיט מיין יידישער שטאָט!? גאַנצע פעלקער, באַוואָפנטע, זיצנדיקע אויף אייגענער ערד צווישן אייגענע, זענען געפאַלן אויף די קני פאַר מענטשלעכער רשעות. אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך זענען באַלאַגערט געוואָרן פון מענטש־לעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן פאַרברענט יעדן געדאַנק, יעדן געזאַנג, יעדן קרעכץ. לאַנג געפּענטעטע כּוחות האָבן זיך אַרויסגעריסן פון שפּאַן און ווי

ווילדע פערד האָבן זיי געטראָטן איבער יידישע לייבער און געטרונקען גאָלד מיט בלוט, יידיש בלוט.

10

ווער האָט געמאַכט פון דיר, יידישער גאָט, אַ גיב־גאָט, נעם־גאָט? אַן אל מלא רחמים און אל נוקם ונוטר? ביסט דאָך נישט גוט און נישט שלעכט, ביסט פריי, גליקלעך און שטאָלץ, אַזוי ווי מיר ווילן עס זיין און קענען נישט...

און אַ געצן־דינערישע אַלטע גויע קען דערגיין נאָך אונדזער חורבן צו דעם זאָג: ווען איך האָב געזען ווי מ׳הרגעט אייך און אייערע קינדער, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, אַז איר האָט נישט קיין גאָט אין הימל. אירע קינ־דער און אירע קרובימס קינדער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אין זייערע פענצטער אַ מענטש אויף אַ שוואַרצן צלם, האָבן זיך באַלעקט מיט יידיש בלוט, געקוויקט זיך מיט יידיש פאַרמעגן — וואָס זאָגסטו, דו גויִשער גאָט, דערצו? און וועלכער גאָט האָט געהייסן אײַן ייד דעם צווייטן עוקר מן השורש זיין?

לאָמיר נישט הייליקן און נישט פאַרשוועכן, נישט דעם שוואַכן און נישט דעם שטאַרקן. לאָמיר זוכן און געפינען די געציילטע צדיקים צווישן די אומות העולם און צווישן אונדז יידן, וואָס האָבן געהאַט דעם אינע־ווייניקסטן כוח אָפּצוראַטעווען כאָטש איין יידישע נשמה און מיט דעם זאָלן זיי זיין מליצי־יושר פאַר דער וועלט, וואָס גייט אויס פון פחד פאַר אַ נאָך גרעסערער רשעות.

✶

...דער שבת־קודש איז אַוועק און שוואַרץ־שבת הערשט אין דער יידי־שער שטאָט קאַלאָמיי.

לאָמיר מאַכן הבדלה:

די וואָך זאָל אונדז קומען צו געזונט און פרנסה און צו מעשׂים טובים דאָ אין אייגן לאַנד, ווו פאַרוואָגלטע נשמות שאַפן די איינציקע טרייסט פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות.

REISEL
KLEIN



די מצבה פון מיין מאַמע איז די איינציקע מיט דעם עפּיטאַף אויף יידיש. פרוי אידאַ קעניג האָט נאָך דער מלחמה געשיקט מיר אַ פאָטאָ פון דער צעבראָכענער און פאַרווישטער מצבה. אויף דער איניציאַטיוו פון פרוי אידאַ קעניג האָט הער יוסף איינלעגער צוזאַמענגעשטעלט די שטיקלעך פון דער מצבה און זי אויפגעפרישט.

ד״ר שלמה ביקל

1

ער האָט געוואַנדערט פון קאָלאָמיי, איבער טשערנאָוויץ, בוקאַרעשט, פּתח־תקוה, ביז ניו־יאָרק און קומט תמיד מיטן געדאַנק צוריק קיין קאָלאָמיי און איבעראַל געפינט ער קאָלאָמייער בילדער און קלאַנגען. פון אָפּשטאַמונג אַ כהן, איז ער שטאָלץ אויף זיינע יידן און ער בענטשט זיי מיט ליבשאַפט („יידן דאַוונען״), ווייל ווי זאָגט עס ביקל ? „די ליבשאַפט צו אידייען איז אַ קלענערע מדרגה, ווי ליבשאַפט צו מענטשן״. מאָלט ער זיי נישט אידייאיש, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיי געזען און געהערט מיט פאַרשטענדעניש פאַר זייערע איידלקייטן און זייערע שוואַכקייטן. אַבי זיי זענען „צוגעבונדן צום כּלל פון יידישע דורות״.

קאָלאָמיי האָט לאַנג געוואַרט און שטאַרק געדאַרפט האָבן אַזאַ מענטש פון גייסט ווי שלמה ביקל, וואָס זאָל איר אויסמייסטערן אַזאַ מאַיעסטעטישן דענקמאָל, ווי זיין בוך „אַ שטאָט מיט יידן״. די דאָזיקע שטאָט פון חסידות און השׂכּלה, יידיש און העברעיִש, ציוניזם און סאָציאַליזם, די שטאָט פון לעבעדיקן גייסט און יידישן געמיט, די וואַרעמע היים פאַר שעפערישקייט פון אַזוינע ווי אַלעקסאַנדער גראַנאַך, איציק מאַנגער, נפתלי גראָס און חיים גראָס, ד״ר ישׂראל ביבער, י. טעפער, חיים חיות, יוסל סאַנדל, ד״ר פריש, אַדוואָקאַט פעסלער, דאָצענט אַסטערזעצער, ד״ר עטינגער, ד״ר א ראָזנבוים און, ייבדל לחיים, ד״ר יוריס, ד״ר דב נוי און מאיר נוי און נאָך און נאָך. די דאָזיקע שטאָט האָט געמוזט פאַרמאָגן עפּעס ספּעציפישעס, וואָס איז די „פּאָלסקע בראַטעס״ געקראָכן, ווי אַ ביין אין האַלדז. דערפאַר האָבן זיי, דערהערנדיק דאָס וואָרט קאָלאָמיי, געזוכט עס צו פאַרמיאוסן מיט פלאַכע ווערטלעך פון חוזק. האָט געמוזט קומען שלמה ביקל דער מבין דבר מתוך דבר און אַרויסהייבן פאַר דער אייביקייט יידישע שיינקייט און גוטסקייט און געפונען זי אויף אַלע זיינע וועגן, אָבער אויך אין קאָלאָמיי.

אין זיינע „עסייען פון יידישן טרויער״ זעען מיר, אַז ביקל דער יוריסט גייט אין די וועגן פון אברהם אבינו און פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. וויל ער אָבער נישט מען זאָל זאָגן, אַז זיין סניגורישאַפט איז צוליב זיין באַרמהאַרציקייט. ער וויל מען זאָל זען, ווי ער שטעלט זיך יורידיש אַנט־קעגן דעם מאַנגל פון געזעצלעכקייט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו נאָך אין אונדזער יאָרהונדערט האָבן די מענטשן נישט אָנגעכאַפּט דער וועלטס גערעכטיקייט ביי די פיס. און ס׳איז געשען מיטן יידישן קאָלאָמיי און אַ סך אַנדערע יידישע שטעט אין גלות, דאָס זעלבע וואָס מיט סדום, להבדיל, אַפילו ס׳האָבן דאָרט געהויזט מער ווי צען צדיקים. שלמה ביקל האָט צוגעשטעלט אַ רשימה פון מער ווי צען צדיקים אין קאָלאָמיי און צווישן זיי אַזוינע „פיש״ ווי: ר׳ הלל ליכטנשטיין, דער שטאָט־רבי און דער ערשטער פייערדיקער יידישיסט, זוסמאַן שפּינדל, דער הויכער היסטאָ־ריע־פּראָפעסאָר אין אַ דייטשער מלוכה־גימנאַזיע, וואָס האָט די געוואַגט־קייט צו רעדן אויף אַ קול אַ געדיכט און פאַרביק קאָלאָמייער יידיש; הערש ראָט, דער גמרא־מלמד, וואָס האָט מיט אַ טאָן פון באַרג סיני גע־לערנט די קינדער, אַז „אַ ייד דאַרף זיך אויסהיטן פון מסירה״; חיים מייבאַרט, דער אַסקעט, פילאָזאָפישער אַפּיקורס, אייביקער קבצן און דערצו לערער פון תנ״ך מיט דער הברה ספרדית פון ביקלען און אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויך פון מיר; שלמה חלפון, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט זיינע ספיקות און האָט דעם מוט אַרויסצוטרעטן אַקעגן אַ שטאָט מיט יידן און אויך דעם מוט אַליין צו פאַרענדיקן זיין עולם־הזה; כאַסקל איציק ראָזנשטאָק, דער מלמד און שפּינאָזיסט, וואָס האָט געוווינט אין ענגן און פינצטערן שפּינאָזאַ־געסל און געהאַט דאָרט כמעט אַן ענלעכן סוף, ווי שפּינאָזאַ; מעכל קאָן, דער מאָדערנער ייד מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, וואָס האָט אָבער געזען דעם אמתן מהות פון יידישער מיסטיק דווקא אין חסידיש; דער רבי בחור, וואָס האָט געפירט טיש פאַר עמך מיט פאָלקסטימ־לעכן הומאָר; און ווו זענען די הייליקע שטאָט־משוגעים און די סודותפולע למד־וואָווניקעס, ווי דער וואַסערפירער און דער דראַטאָווניק?

2

געטאָן האָט זיין עבודה שלמה ביקל אין אַ זאַפטיקן קאָלאָמייער יידיש.

דערביי איז ער געווען העברעיִשער לערער, געענדיקטער יוריסט און וועט בלייבן פֿאַר דער אייביקייט דער עלעגאַנטער עסייאיסט און דער סאָלידער ליטעראַטור־קריטיקער („שרייבער פֿון מיין דור"). די פֿאַרבינדונג פֿון „גאַ־ליציאַנער דאָקטאָר" מיט העברעיִש, יידיש און קולטור־שעפֿערישקייט איז נישט איינציק אין פֿאַל שלמה ביקל און איז געוואָרן אַ שם־דבר און אויך אַ צילברעטל פֿאַר פֿוסטע וויצן פֿון ציניקער אויס קנאה. נישט נאָר אין וואָרט איז ביקל פֿאַרליבט, נאָר אויך אין יידישן פֿאָלקסווערטל, וואָס איז שאַרף אין יידישן חן. אין זיינע ביכער קען מען געפֿינען, ווי ראָזשינקעס, איינגעקנאָטן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע ווערטלעך, ווי למשל:

— ווערסטו מוזן תשובה טאָן, הערש לייב!

— וואָס פֿאַראַ מין איז תשובה, זכר צי נקבה?

— נקבה.

— ווייסט דער רוח! און איך האָב צו איר אַזוי ווייניק יצר־הרע!

אָדער:

מלקות ערב יום־כּיפּור. אברהם דער שדכן שלאָגט דעם פֿרומען פֿייוויש האַלאַפּיאַטניק און ציילט נישט.

— וואָס שלאָגט איר ר' אברהם? איר האַלט דאָך שוין ערגעץ ביי זעכציק!

— אַז ער ליגט, שלאָג איך.

— ר' פֿייוויש! וואָס ליגט איר?

— אַז ער שלאָגט, ליג איך.

אָדער:

דער רבי בהור פֿאָרט אין דריטן קלאַס. פֿרעגט אים אַ נגיד:

— רבי! ווי קומט עס, וואָס איר פֿאָרט אין דריטן קלאַס?

— איך בין אַ רבי פֿון דריטן קלאַס, פֿאַר איך אין דריטן קלאַס. ווי קומט עס אָבער, וואָס דו, וואָס ביסט אַ שייגעץ פֿון ערשטן קלאַס און פֿאָרסט מיטן דריטן קלאַס?

אָדער:

צום רבי בחור איז ביי נאַכט אַריינגעפֿאַלן אַ יידענע, דערלאַנגט אים אַ פּדיון און געבעטן אים ער זאָל ראַטעווען איר טאָכטער, וואָס ד"ר ראָזנ־העק האָט שוין אויפֿגעגעבן.

— איין רבי קען אין אַזאַ שווערן פֿאַל, ווי דיין טאָכטער, גאָרנישט אויפֿטאָן. איך מוז האָבן אַ קאָנסיליום מיטן טאַלער רבי.

ווען זיינע חסידים האָבן אים געפֿרעגט צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן, האָט דער רבי בחור געענטפֿערט:

— לאָז נאָך אַ ייד, וואָס קען גאָרנישט העלפֿן, נישט שלאָפֿן אַ נאַכט פֿאַר אַ קרוין.

אָדער:

שלמה חלפֿון פֿלעגט זאָגן: די מענטשלעכע אמונה דאַרף אויך האָבן דעם צווייפֿל, ווי ר׳ זישע אַניפּאָלער האָט עס באַוויזן אויף אַ משל: מען טאָר זיך נישט פֿאַרלאָזן, אַז גאָט זאָל העלפֿן דעם אָרעמאַן. העלף אים תּיכּף, מיט וואָס דו קענסט! (פֿון בוך: אַ שטאָט מיט יידן).

אפֿשר האָט שלמה ביקל נישט מיטגעזונגען און נישט מיטגעטאַנצט מיט די חסידים, זינגט אָבער דער ניגון פֿון חסידות אין אים. ער האָט אַנטפּלעקט דעם ריינעם קערן פֿון חסידות און די גוואַלדאָוונע מיסטישע נשמה־יתרהדיקייט אין איר. (ר׳ נחמן בראַצלעווער אין בוך „שרייבער פֿון מיין דור״).

פֿון פּרצן האָט ביקל געלערנט און איבערגענומען זיך מיט דער „הע־ראָישער געוואָגטקייט, אַרויסצוראַטעווען פֿון אונטער דעם אַש פֿון דורות דאָס הייליקע, גייסטיקע פֿייערל, וואָס באַרעכטיקט די פֿאַרגאַנגענהייט, מאַכט שענער און זיכערער די קעגנוואַרט און גיט אַ זין דער צוקונפֿט״. (פֿון בוך: „אין זיך און אַרום זיך״).

מיט זיין אייגענעם ברודער אליעזר (באַקאַנט אַלס ד״ר לאָטאַר ביקל, כירורג און קאָנסטאַנטין ברונערס נאָענטסטער פֿריינד און מפֿרש אין עט־לעכע ביכער), האָט שלמה געפֿירט אַן אידייאישן קאַמף. אליעזר האָט אויך איבערגענומען זיך מיט ברונערס רוף צו אַסימילאַציע און צו גייסטיקער שליחות פֿון יידנטום „פֿאַר וואָס מיר דאַרפֿן צאָלן מיט פֿאַלקישן אונטער־גאַנג״. (פֿון בוך „דריי ברידער זענען מיר געווען״). אליעזר האָט אָבער צום סוף קאַפּיטולירט, ווען ער האָט געשריבן: „...ווען ברונער זאָל געווען דערלעבן דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, וואָלט ער באַגריסט מיט פֿרייד דאָס דאָזיקע געשעעניש, וואָס איז נייטיק געוואָרן דורך דער אויסוואָרצ־לונג פֿון אַ גרויסן טייל פֿון אייראָפּעיִשן יידנטום און וואָס די נייע היסטאָ־

רישע קאָנסטעלאַציע האָט עס מעגלעך געמאַכט". פון טאָראָנטאָ האָט אליעזר געשריבן צו שלמהן: „...אין ישׂראל איז אַלץ געזונט און עכט, ווייל עס איז דער אויסדרוק פון אַן אָרגאַניש־ווערנדיקער אומה".

3

ביקלס טריבונעס זענען דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", די „צוקונפט" און אַנדערע. אין אַלע זיינע פובליקאַציעס באַנוצט ער אַ לייכטן און קלאָרן סטיל, מיט אַ רייכער מחשבה־שפּראַך, מיט אינטויִציע און עסטעטישן געשמאַק, וואָס ביקל איז מודה, אַז „ער קען זיין אַ רעזולטאַט פון אַ סך לשם־שמים מאָטיוון, אָבער אויך פון אַ היפּש ביסל פּראָזאַישע סיבות" (פון בוך: „שרייבער פון מיין דור"). ביקל איז קולטור־רייף, האָט זיין אידייאישע וועלט־גאַנצקייט און דערביי און אפשר טאָקע דערפאַר הענגען אים נישט נאָך קיין פּסיכאָלאָגישע צויטן און ער איז פריי פון בטלנישע, נודנע און אַזוי פּאָפּולערע, לויט פאַרשידענע מאָדע־שולן, פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן.

גיט אַ קוק אויף ביקלען אָדער אויף זיינס אַ בילד, צי זעט איר נישט אַ סקעפּטישן שמייכל אויף זיין פּנים? ער אַליין האָט וואַרשיינלעך אַרייַנגעקוקט אין זיך און דערפאַר האָט ער געקענט זיך מודה און מתוודה זיין:

„...סקעפּטישער שמייכל איז איבער דער לענג פון די עטלעכע ביכער מיינע דער הויפּט־כּלי־זין, מיט וועלכן איך האָב געפּרוּווט באַרויִקן זיך און די אַלע געשטאַלטן, וואָס וועגן זיי האָב איך נאָכטראַכטעריש דערציילט אין מיינע עסייען... דער־אָ סקעפּטישער שמייכל העלפט נישט בלויז זיך אויספּלאָנטערן פון מאָראַלישע און געדאַנקלעכע ריסן, נאָר ער העלפט אויך ברענגען רו, די רו פון קענען אַ מינוט לאַנג אַ קילן שמייכל טאָן איבער זיך אַליין. אַזוינע מינוטן זענען לויט מיין דערפאַרונג די שענסטע אין לעבן".

אַ שווער שטיקל אַרבעט האָט געמאַכט שלמה ביקל רעדאַקטירנדיק דעם יידישן „פּנקס קאָלאָמיי" (1957). אין אַ יזכּור־בוך דאַרף מען נישט זוכן קיין מעלות און נישט קיין חסרונות. אמת איז, אַז יעדער איינער וויל דערמאָנט ווערן און וויל אויך געפינען אַ גוט וואָרט וועגן זיינע אומגעבראַכטע אייגענע און נאָענטע. אויף אַ סך קריטישע באַמערקונגען פון אַ סך איז דאָ אַ תירוץ: ביקל איז איבער 40 יאָר געווען אויסער קאָלאָמיי.

ד״ר געלבער האָט נישט געפֿונען קיין געשיכטלעכן מאַטעריאַל אין ישׂראל פֿאַר די 40 יאָר. און דער איניציאַטאָר, זאַמלער און אָרגאַניזאַטאָר [1] פֿונעם מאַטעריאַל איז אויך פֿון די צוואַנציקער יאָרן אין ישׂראל און צוגעשטעלט ביקלעך לויט זיין אני־מאמין, זיינע פֿון אים אַליין איבערגעזיפּטע מאַטע־ריאַלן. דערפֿאַר איז דער באַשיידענער, אָבער עלעגאַנטער „פּנקס״ (1957) אַרויס ווי דער ערשטער טייל, וואָס וואַרט אויף דעם צווייטן. אין יאָר 1972 איז אַרויס דער „ספר הזכרון של קהילת קולומיה״ אויף עברית, ווו ס׳געפֿינען זיך אויך מיינע עטלעכע אַרטיקלען אויף זייטן 227, 243, 247, 270, 272.

עס איז אפֿשר שוין געקומען די צייט, אַז נישט נאָר יזכּור זאָל געזאָגט ווערן נאָך אונדזערע ליבע, נאָר מיר זאָלן מאַכן באַגעגענישן פֿאַר אונדזערע קינדער אין ישׂראל מיט די רעשטלעך פֿון יענע אַלטע, גוטע און שרעק־לעכע צייטן און דערציילן זיי אין נוסח פֿון שלמה ביקל וועגן המשך פֿון אונדזער עקזיסטענץ אַלס פֿאָלק, וואָס בויט מיט ליבע, בלוט און שווייס זיין אייגן לאַנד לעולם ועד.

אין דער בענקעניש און אין דעם טרויער דאַרף זיין דער ווילן צו שאַפֿן אין דער אייגענער היים עפּעס בעסערס, שענערס און אייביקס.

און עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט אויסבויען די ריזיקע דענקמאָל־שטאָט מיט אַלע קינסטלערישע מיטלען, ווו עס וועט זיין אַוועק־געשטעלט סימבאָליש יעדער חרוב־געוואָרענער פּונקט פֿון אונדזער עבר און דאָרט וועט זיך אויך געפֿינען קרית־קאָלאָמיי, ירושלים דגליציה, אַ זכר לחורבן.

---

[1] י. טייטלבוים.

ד״ר העריק קרעמער

אין מיין זכרון איז געבליבן דער קדוש אַדוואָקאַט קרעמער[1] אַלס אַ בולטער פאַרשטייער פון די באַגריפן: פּאַלקסמענטש, גאַליציאַנער דאָקטאָר, עסטערייך־אונגאַרישער בירגער מיט דייטשער קולטור־אַטמאָספער, מיט איין וואָרט :תורה און חכמה און געפּוצטע שטיוול.

וועגן די „גאַליציאַנער" קאָן מען דערציילן וויצן, וויפל מען וויל, וועט מען לאַכן פון די וויצן אָדער פון די דערציילערס. אָבער פאַר די גאַליציאַ־נער: דרך־ארץ!

די צוגעהעריקייט פון גאַליציע צו דער עסטערייך־אונגאַרישער מאָנאַר־כיע האָט די דאָרטיקע יידן „געלאָזט" לעבן לויט זייער ווילן און קענען. נאָר אויסגענוצט זיי פאַר דער פאַרדייטשונג פון דער געגנט. אָבער נישט ווילנדיק האָט די אַקציע געשטאַרקט און געהויבן די חשיבות פון יידיש. אַ סך, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע שאַפונג אויף דייטש, זע־נען אַריבער צו יידיש, וואָס האָט באַרייכערט דעם יידישן גייסט־אוצר און געגעבן אויך אַ צושטייער דעם פילשפּראַכנדיקן קולטור־קאַליידאָסקאָפּ. אויך איציק מאַנגער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן דייטש.

ד״ר קרעמער האָט אָנגעשריבן זיין בוך וועגן קרימינעלן געזעץ לויט דער תורה דווקא אויף דייטש. נאָך אַלעמען: וואָס איז נעבעך שולדיק די שיינע דייטשע שפּראַך און די רייכע דייטשע קולטור, ווען דער מענטש, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, וויל גיכער אויפעסן יענעם, ווי לאָזן זיך פון יענעם אויפעסן?

---

[1] די פרוי פרידאַ מאַרמאָראָש־קרעמער און זייער טאָכטער עדית קרעמער־רוזשאַנסקי לעבן אין תל־אביב און פאַרנעמען זיך מיט וויכטיקע געזעל־שאַפטלעכע פונקציעס.

ד״ר קרעמער האָט געענדיקט יוריספּרודענץ אויף דייטש אין ווין. איז אַוודאי לייכטער געווען צו שרייבן זיין בוך אויף דייטש. אויסער דעם האָט זיין צוגעבונדנקייט צו זיין פֿאָלק געוואָלט באַווייזן די גויִים, אַז אונדזער עלטסטע ליטעראַטור איז געווען אַנדערש פֿון דער גויִישער גריכיש־רוימי־שער קולטור און שוין דעמאָלט פֿאַרשפּרייט הומאַניזם, געלייטערטע מענטש־לעכקייט און פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט.

כּמעט אַלע יידישע אינטעליגענטע פֿאַכן האָבן דעמאָלט געשטודירט אויף דייטש. אין דער געאָגראַפֿישער און פּאָליטישער אַטמאָספֿער: ווין, פּראַג, גאַליציע־בוקאָווינע איז דייטש געווען די קולטור־שפּראַך און די מעדיצינער, אַדוואָקאַטן, לערערס און אַנדערע האָבן זיך צום טייל אויך נשמהדיק אַסימילירט, אָבער דער גרעסטער טייל איז צוריקגעקומען אין שטעטל פֿון טאַטע־מאַמע און געוואָרן פֿאָלקסטימלעך־נאָענט מיט אַלע יידן דורך יידיש.

צו דעם סאָרט אינטעליגענטן האָט געהערט ד״ר ה. קרעמער. נאָך זיינע שטודיעס אין ווין איז ער צוריקגעקומען צו טאַטע־מאַמע אין קאָלאָמיי. דער פֿאָטער איז געווען אַ נישט־דיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט ביי אונדז געהייסן אַ ווינקל־שרייבער און אויסגעקענט זיך אין אַלע רעכטלעכע גענג. זיין מוטער האָט שטאָלצירט מיט געטע, שילער און היינע, ווי מיט דעם גרעסטן קולטור־אוצר.

די שפּראַך פֿון די יידישע מאַסן איז געווען יידיש. אין דער שפּראַך האָט מען גערעדט אין דער היים, אויף דער גאַס און אין דעם פֿאָלקס־אוניווערזיטעט, וואָס מען האָט אָנגערופֿן דעמאָלט „טוינבי־האַלע״ צום כּבוד פֿון אַרנאָלד טוינבי, וואָס האָט איינגעפֿירט אין ענגלאַנד צו געבן פּאָפּולערע לעקציעס פֿאַר אַרבעטער אויף פֿאַרשידענע טעמעס. טוינבי אַליין איז געווען אַ גוטער פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון פֿינאַנס־פּראָבלעמען. (1852 ־ 1883). אגב: טוינבי, דער היסטאָריקער און אַנטיסעמיט, איז זיינס אַ קרוב.

אין קאָלאָמיי איז ד״ר קרעמער געווען דער גרינדער און אָפֿטער רעפֿע־רענט אין דער „טוינבי־האַלע״, וואָס פֿלעגט פֿאָרקומען אין „בית־ישראל״ לאָקאַל. איך בין געווען אַ גימנאַזיע־תּלמיד, אַ „שומר־הצעירניק״ און שטענ־דיק געגאַנגען מיט מיין טאַטע־מאַמע צו די שבת־צו־נאַכט־רעפֿעראַטן. אויסער ד״ר קרעמער פֿלעגן אָפֿט רעפֿערירן: ד״ר ראָזנהעק, די ברידער

שייערמאַן, חיים רינגעלבלום און אַנדערע. איך פלעג פאַרשרייבן אין אַ העפט דעם תוכן פון אַלע רעפעראַטן און עפּעס וועגן די רעפערענטן אַליין. נישט נאָר די דאָזיקע נאָטיצן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער היטלער־מגיפה. אפשר געפינט זיך אין עפּעס אַ דייטשן קעלער אַ סימן צוזאַמען מיט די ביכער און דאָקומענטן־זאַמלונגען?

פון די מוצא־שבת־אָוונטן אין דער „טוינבי־האַלע" געדענק איך אויך אַ וויציקן מאָמענט. אַ געוויסער רעפערענט איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און נישט געקומען. האָט מען געבראַכט דעם ד"ר קרעמער פון דער היים, כּדי ער זאָל ראַטעווען די סיטואַציע. האָט ער אָנגעהויבן זיין שמועס און געזאָגט:

„אַ ייד איז געפאָרן מיט זיין יינגעלע קיין קאַרלסבאַד. האָט דאָס יינגעלע אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ נאַקעטער פרויען־סטאַטוע און געפרעגט דעם פאָ־טער, ווער דאָס איז. האָט דער פאָטער איבערגעלייענט דעם נאָמען אירי"ס און געזאָגט:

איך ווייס נישט וואָס מיר איז, זאָל איך וויסן וואָס איר איז?"

ד"ר קרעמער האָט גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש, גערעדט קורץ און שאַרף און מיט הומאָר.

אַזוינע יידן פאַרגעסט מען נישט, אַזוינע יידן דאַרפן בלייבן אין פאָלקס זכּרון אויף אייביק.

יצחק טייטלבוים

אויב ער שרייבט דיר אַ בריוו, איז ער אויף עטלעכע גרויסע בויגנס. עס קוואַלט פון אים אַ קוואַל פון גוטן ווילן צו פאַראייביקן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם קלאַנג: קאָלאָמיי. שרייבט ער, קומט ער. אַפילו קראַנקערהייט.

ס'האָט גערעגנט, געדונערט און געבליצט. האָט ער טעלעפאָנירט, אַז ער וועט אַרום פיר אַריינקומען צו מיר. מיין פרוי האָט געמיינט, אַז אין אַזאַ גאַסרעגן וועט ער זיכער נישט קומען.

פונקט אַרום פיר איז ער אַריינגעקומען מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ קאַלאַמייער זאָג: ס'איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אין אַזאַ דרויסן, אָבער איך בין געקומען...

און דאָ דערציילט ער אַ משל. אַ דינסט איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן און ליגנדיק אין קיך געדרעדט צו זיך, אַז זי חלשט נאָך אַ ביסל וואַסער. אָבער זי האָט נישט קיין כּוח געהאַט זיך אויפצוהויבן. האָט די באַלעבאָסטע ביי זיך אין צימער געהערט, ווי די דינסט קרעכצט, האָט זי אַ רוף געגעבן: דבורה! דערלאַנג מיר אַ גלאָז וואַסער! האָט זיך די דינסט שנעל אויפגעהויבן און געבראַכט דעם טרונק. האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט: נעם, נעם, דאָס איז פאַר דיר!

דער נמשל? טייטלבוים, אַז עמעץ זאָגט קאַלאַמיי, איז ער תיכּף דאָ! יאָ געזונט, נישט געזונט, פאַר זיין האַר און באַפעלער איז ער תמיד גרייט!

רופט עס אַן האָבי, איז עס תמיד טייטש ליבשאַפט. און מיט דער ליבשאַפט שטעקט ער אַן יעדן. ער האָט עטלעכע שעה דערציילט וועגן די מאַטעריאַלן צום „ספר־קאַלאַמיי", וועגן די זעלטענע בילדער, ווי די סטאַציע קאַלאַמיי מיט אַ פיאַקער, וואָס ער וויל אַריינשטעלן אין בוך צוזאַמען מיט מאַנגערס ליד „אויף דער סטאַציע קאַלאַמיי" אין אָריגינאַל און אויף עברית. ער האָט אַ בילד פון משהלע דלפון. דער וויזיט האָט מיך אַריינגעפירט אין טראַנס און איך האָב אָנגעשריבן פאַרן בוך, וואָס איר וועט לייענען.

נישט אַלע וותיקים זענען אויסגעטריקנט געוואָרן פון דער ישׂראל־זון, פון די שווערע אַרבעטן און נאָך שווערערע אַרבעטלאָזיקייט, פון די אַראַבישע אָנפאַלן, פון די דריי מלחמות. טייטלבוים איז געקומען אַלס חלוץ אין 1924. וואָס ס'האָט אים דערהאַלטן אין זיין פרישקייט, איז די שיינע, נוצלעכע און געבענטשטע באַשעפטיקונג מיט דעם צוגרייטן דאָס בוך „קאַלאַמיי".

צו דער רעאַליזירונג פון דעם דערהויבענעם ציל גייט ער און מלאכים פירן אים דערצו.

באַגריסונג צום דערשיינען פון „ספר־הזכרון"

ס׳איז נישט געשמאַק צו זאָגן, ווי מען זאָגט עס:

— ער האָט געהאַט אַ שיינע לוויה.

— מען האָט אים געשטעלט אַ שיינע מצבה.

— דער ספר־הזיכּרון איז אַ שיין בוך.

דערפאַר וויל איך זאָגן, אַז דער ספר־הזכּרון [1] איז געגליכן צו אַ שווערן שטיין, וואָס עטלעכע אירע האָבן אים געקייקלט יאָרן־לאַנג ביז היינט און ביז אָט דער פאָרעם.

זאָגט נישט, אַז די טוערס אַרום דעם בוך האָבן נאָר פאַרגעסן דאָס און יענץ, אַז זיי האָבן זיך טועה געווען אַ סך מאָל בתמימות און מיט אַ באַהאַלטענער כּוונה:

ס׳איז אַ טייל פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, דאָס נישט זיין אַבסאָ־לוט אָביעקטיוו.

פונעם רוח־הקודש אין אַ מענטשלעך ווערק קאָן מען אַריינפאַלן אין התלהבות, פאַר פּשוטער האַרעוואַניע מוז מען האָבן דרך־ארץ און דאַנק־באַרקייט!

מיר, דאָס ביסל איבערגעבליבענע פון דעם חורבן, וועלן אַריינקוקן אין דעם ספר און איבער דעם געפיל פון צער און ווייטיק, וועלן מיר זיך באַטראַכטן ווי די אויסגעקליבענע פון דער השגחה, כּדי צו פרייען זיך מיט דער גאולה פון אונדזער פאָלק און לאַנד.

און אַ טייל פון אונדזערע קינדס־קינדער וועלן באַקענען זיך מיט דעם בוך און וועלן מיט נאָך גרעסערער עקשנות אַלץ טאָן פאַר אַ פרייע! שטאָלצע! און שטאַרקע מדינת־ישׂראל!

---

[1] מ. שוצמאַן, מיין געוועזענער תלמיד פון דער יידישער גימנאַזיע, היינט „דובר" פון „עמידר", האָט אויף מיין איניציאַטיוו גענומען זיך ענערגיש צו דער אַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט דעם „ספר־הזכּרון" אויף עברית.

משהלע דלפן און ד״ר לאַקס

דאָס איז חלילה נישט געווען קיין צונאָמען און אַוודאי נישט קיין פסעוודאָנים. אַזוי האָט ער געהייסן פון נאָך דער מילה זיינער און אַזוינער איז ער געווען זיינע אַלע יאָרן: אַ קבצן אין זיבן פּאַלעס.

ער איז נישט געווען קיין גרויסער באַדאַרפער: אויף זיינע קורצע, דאַרע פיסלעך זענען אַלע פּאָר הויזנס גוט געווען. און האָט ער געטראָגן אַ רעקל, איז עס אים דערגאַנגען ביז צו די קני. וואָס־זשע טויג שוין אַ מאַנטל? דאַרף ער נישט און ער האָט נישט.

קיינער קען זיך היינט נישט פאָרשטעלן אַפילו אין חלום, קאָלאָמיי אָן דעם באַנדל און אָן משהלע דלפן.ביידע פלעגן רוישן, פון ביידע פלעגט רינען. פון באַנדל דאָס וואַסער, פון משהלע מיט רייד. און ביידע פלעגן יאָגן פון איין עק צו דער צווייטער. נאָך וואָס טויג אַ טעלעפאָן? ער זאָל יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק קאַליע ווערן? משהלע דלפן ווערט קיין מאָל נישט קאַליע.

קומט איציק מאַנגער אין שטאָט. שלאָפט שוין געוויינלעך די גאַנצע שטאָט. ווער שלעפּט אייך אַרויס פון בעט? משהלע דלפן! איציק מאַנגער וויל זען מענטשן און וויל טרינקען לחיים.

צו אַ זיצונג אָדער אַ דרשה פון אַ ציוניסטישן עסקן קומט משהלע דלפן מיט דער איינלאַדונג אין מיטן טאָג. דעמאָלט איז דאָ צייט צו קריטי־קירן דעם רעדנער, וואָס ער איז שוין זיין חבר איקס יאָרן. ער וועט אייך נישט דערציילן קיין אויסגעטראַכטע מעשיות, נאָר אַלץ וואָס ער האָט גע־הערט פון אַנדערע.

משהלע דלפן איז אייגנטלעך דער שטאָט־שליסל. ביי אים געפינט זיך דער שליסל פון „בית־ישׂראל״, פון „הלוי״ און צו אַלע גרויסע מענטשן פון שטאָט. למשל ד״ר לאַקס. גייט ער מיט אים איבער דער שטאָט, שושקעט מען זיך אַזוי ווי פּאַט און פּאַטאַכאָן זענען אַרויס פון פילם.

אַ מאָל האָט ער מיר דערציילט: איך און ד״ר לאַקס גייען אַזוי און מיר רעדן, קומט צו מיר צו איינער פון האָטעל לעבן מאַגיסטראַט און רעדט מיר איין אַ סוד, אַז אַלעקסאַנדער גראַנאַך געפינט זיך אין דעם האָטעל

און וויל תיכף, אַז די פּני פון דער שטאָט זאָלן קומען אים אויפנעמען. יאָ שפּעט, נישט שפּעט. וואָזשע איר געדענקט נישט, ווי איך האָב אייך גע־האַלפן זוכן די הויזן?

וואָס נוגע דעם ד״ר לאַקס, האָט משהלע אַ סך צו זאָגן: „קודם כּל איז ער אַ הייסער ציוניסט, דאָס מיינט, ער הייסט יענעם פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. און ווען משהלע נעמט דעם שליסל פון „בית־ישׂראל״, זאָגט ער אים תּמיד, אַז איך זאָל אייך בעטן: נאָר נישט קיין קאָמוניזם!״

מאירל דעם רבּי בחורס

אַזוי האָט מען אים גערופן לויטן יחוס. זיין דייטשער נאָמען איז געווען מאיר לויפער.

אָבער מידות, גוטע צי שלעכטע, ירשנט מען נישט פון נאָמען, נאָר פון טאַטע־מאַמע. דעם פאָטערס „טיש״ האָט ער נישט באַקומען בירושה. ווייל ער איז געווען צו יונג. אָבער דעם דראַנג צו פירן חסידים און פון זיי צו לעבן, דאָס האָט ער געהאַט אין בלוט.

ווען ער איז אַלט געווען אַ זעקס־זיבן יאָר האָט ער געלערנט ביים קאָרשעווער מלמד אין חדר. דעמאָלט האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ אַ גרויסן סאַמעטענעם קאַפּעליוש, אַ שוואַרצע אַטלאַסענע זשיפּיצע האָט קאָנטראַס־טירט מיט דעם ווייסן, גרויסן טלית־קטן. און אויף די פיס גלאַנצנדיקע לאַקשיכלעך און ווייסע זאָקן איבער די קני. צווישן די איבעריקע קינדער איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי אַ כּישוף־מאַכער מיט אַ שפּרוך:

גיב מיר דעם עפּל, וועל איך דיך בענטשן.
אויב נישט, וועל איך דיך שעלטן.

דעם דעוויז האָט ער געירשנט. דער געדאַנקען־גאַנג האָט אים באַגלייט ביז צו זיין מיאוסן טויט.

ווען ער איז אַרויס פון די הייליקע בגדים, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וואָכנצייטונג אויף יידיש. האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מאירלס צייטונג וועט זיין דער היפּך פון טאָטענצאַפּצס שאַנטאַזש־בלעטל. הויבט זיך גאָרנישט אָן! ער האָט מאָדערניזירט זיין געירשנטן דעוויז:

גיסטו, וועל איך דיך בענטשן.
אויב נישט, וועל איך דיך שעלטן.

אין אַלע זיינע מעטאַמאָרפאָזן אַלס ווייסנבערגס אַ תלמיד, אַלס טעאַ־טער־מאַכער, אַלס קאָמוניסט, האָט אַרויסגעריטשעט דער באַקאַנטער רע־פרען.

און ווען די רויטע אַרמיי איז געקומען אונדז אויסלייזן פון דעם ביסל פרייקייט וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט, האָט ער זיך אַריינגעשטופּט מיטן רבינס „כּוח" אין דירות־אַמט אַלס שיק־ייִנגל.

אין אַ כמורנעם מאָרגן האָט ער געקלונגען אין גלאָק פון מיין קאַבינעט. בין איך אַרויסגעגאַנגען צו אים, פרעגן וואָס ער וויל. איז ער געשטאַנען מיט אַ גויִשן דאָרפס־שייגעץ, וואָס האָט געהאַט דאָס העמד איבער די הויזן און אַ שווערע ביקס אויפן אַקסל. ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט אונטער דער נאָז, רעקווייזירן מיין וואַרט־צימער פאַר אַ רויטן אָפיציר. ווען ער האָט מיט כּוח אַרויסגעכאַפּט דעם שליסל פון דער טיר, האָב איך אים אַראָפּגעשטויסן פון די עטלעכע טעראַסע־טרעפּ און אים צוגעזונגען זיין רעפרען:

גיסטו, וועל איך דיך בענטשן.
אויב נישט, וועל איך דיך שעלטן.

סאָוויעטישע „אויסלייזונג"

1

אין די פרימאָרגן־שעהען פון 1.9.1939 האָבן עטלעכע באָמבעס אויפ־געוועקט די שלאָפנדיקע און יעדער אויף דער גאַס האָט געפּרוווט אויפ־קלערן דאָס אומפאַרשטענדלעכע אויף זיין אופן. שפּעטער האָט דער פּוילי־שער בריוו־טרעגער געבראַכט די פּאָסט און ווי אַ מיסטישער שליח דער־ציילט סודותדיק און מיט זיכערקייט, אַז היטלער איז אַריבער די גרענעץ, נאָר די לופט־כּוחות פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע שטייען שוין אויף דער רומענישער גרענעץ און וועלן קומען צו הילף. מענער זענען

מאָביליזירט געוואָרן, די איבעריקע שטייען אין לאַנגע רייען, כּדי צו געבן זייערע אָפּגעשפּאָרטע זלאָטעס פֿאַר דער קריגס־הלוואה און פּרויען לויפֿן פֿון געשעפֿט צו געשעפֿט און קויפֿן אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ.

דאָס יידישע שפּיטאָל איז געוואָרן אויסגעליידיקט פֿון קראַנקע און לויט אַ באַפֿעל צוגעגרייט געוואָרן פֿאַר אויפֿצונעמען פֿאַרוווּנדעטע. דער ביז איצטיקער דירעקטאָר ד״ר טייכער האָט אַריינגעבראַכט צו מיר די שליסלען און געבעטן, אַז איך זאָל איבערגעבן זיי, ווען מען וועט פֿאַרלאַנגען, דער פּוילישער אַרמיי. איך האָב געוווּנט אַקעגן יידישן שפּיטאָל. צו מאָרגנס זענען אַריינגעקומען צו מיר צוויי פּוילישע דאָקטוירים אין מיליטערישע בגדים און איך האָב זיי איבערגעגעבן דאָס שפּיטאָל. זיי זענען געווען מיד און צעבראָכן און רעזיגנירט. דאָס איינציקע, וואָס האָט דערפֿרייט זיי, זענען געווען די ריין־פֿאַרבעטע בעטן, ווו זיי האָבן זיך תּיכּף אַוועקגעלייגט שלאָפֿן.

אין מאַרק שטייען קופּקעלעך יידן און פֿירן זייער פּאָליטיק. אַ חסידישער ייד מיינט, אַז ס׳וואָלט שוין אפשר בעסער געווען, אַז די רוסן זאָלן אַריין צו אונדז. זיי זענען טאַקע כּופֿרי־בעיקר, אָבער הרגענען נישט קיין יידן, ווי היטלער.

סטאַלין האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. די רויטע אַרמיי אויף טאַנקען און לאַסט־אויטאָס איז אַריינגעפֿאָרן אין שטאָט. ביים מאַגיסטראַט האָבן די קאָמוניסטן פֿון שטאָט און אַ ביסל דערשראָקענע מענטשן אויפֿגענומען די געסט. שיינדעלע שעכטער האָט באַגריסט די רויטע אַרמיי. אַ סאָוויעטישער אָפֿיציר האָט גערעדט אויף יידיש.

אַלע פּאָסטנס פֿון דער מיליץ ביז דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג האָבן באַזעצט יידן־קאָמוניסטן. די סאָוויעטן האָבן גענומען זיך שנעל איבערצושטעלן דאָס לעבן אויף זייערע רעלסן. דער נייער שטאָט־פּרעזידענט, באַיקאָ, האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס הייסט אַ יידישע גימנאַזיע מיט פּוילישער אונטערריכט־שפּראַך. דאָס איז געווען די פּריוואַטע שאַפּיראָ־גימנאַזיע, אַ נעסט פֿון אַסימילאַציע.

דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר זיידמאַן פֿון דער שאַפּיראָ־גימנאַזיע איז אַריינגעקומען צו מיר אין קאַבינעט און געזאָגט: היינט בין איך געקומען דו זאָלסט ראַטעווען נישט איין קראַנקן, נאָר אַ קראַנקע שול. באַיקאָ זאָגט,

אַז לויט זיין גוייִשן שׂכל לערנט מען אין אַ יידישער שול אויף יידיש, אין אַ פוילישער שול אויף פויליש א.אַ.וו., בעט ער, דיר, זיידמאַן, אַז איך מיט עטלעכע מיינע חברים זאָלן קומען לערנען יידיש די לערער און די קלאַסן. איך האָב צוגעצויגן דעם אַדוואָקאַט יעקב ווילף און דעם מעדיצינער ד״ר יצחק קאַנטאָר און מיר האָבן געטיילט זיך מיט דער בכּבודיקער אַרבעט. איך האָב באַנוצט זיך מיט מיין רייכער יידישער ביבליאָטעק, געלייענט פאַר די קינדער אויסגעקליבענע פראַגמענטן פון אונדזערע קלאַסיקער. בעסער האָבן די ייִנגלעך אויפגענומען די יידישע לעקציעס. די מיידלעך האָבן זיך אַ צייט לאַנג געהאַלטן פרעמד און רעזערווירט. ווען רייזל זשיכלינסקי איז געקומען אַן אַנטלאָפענע פון וואַרשע קיין קאָלאָמיי, האָב איך געגעבן דער אַכטער קלאַס אויסצולערנען די קורצע און שיינע לידער פון רייזל אויף אויסנווייניק און דערנאָך איינגעלאַדן די דיכטערין אין קלאַס, ווו זי האָט קודם געהערט די קינדער דעקלאַמירן אירע לידער און דערנאָך האָט זי מיט פאַרמאַכטע אויגן געזאָגט אירע נייע לידער און געענטפערט אויף די פראַגן פון די תלמידים.

די מעדיצינישע אַרבעט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאָרעם פון פּאָלי־קליניקן, צעוואָרפן איבער דער שטאָט. די מאַכערס זענען געווען ד״ר בילאַ־זאַר, דער טעכניקער־דענטיסט אַלוויל, ד״ר ראָזנקראַנץ, ד״ר האַבער. אַלע דאָקטוירים האָבן געטאָן זייערע אַרבעטן אַלס שקלאַפן. דער איינציקער, וואָס איז נישט געגאַנגען אין שפאַן פון די מאַכערס איז געווען ד״ר טייכער. ער האָט אָבער אין זיין איינזאַמקייט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ער איז גע־שטאָרבן ביי זיך אין דער היים.

זייער אָפט פלעגט מען אַלע מעדיצינער מיטן געהילפס־פּערסאָנאַל שלעפן מיט טראַנספּאָרטן איבער דער שטאָט און געהייסן זינגען דאָס ליד, אין וועלכן „נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, ווו מען דערכעט אַזוי פריי״. אָדער מען פלעגט מאַכן פאַרזאַמלונגען, ווו אַ שיכּורער קאָמוניסט האָט באַליידיקט פערזענלעך דאָקטוירים און געדראָט אַלע מיט קללות און חרמות. איין מאָל האָט מיר ד״ר פריש געזאָגט: ווען דו וועסט הערן, אַז איך בין געשטאָרבן, זאָלסטו וויסן, אַז איך האָב מיך אַליין פאַרסמט. ער האָט אין שפּיטאָל פעסטגעשטעלט ביי אַ סאָוויעטישן פּאַרטיי־טוער לעווקעמיע, וואָס דערוויי קען מען דעם קראַנקן נישט העלפן מיט גאָרנישט. האָט מען געדראָט דעם

ד״ר פריש, אַז אויב דער קראַנקער וועט שטאַרבן, „אַטוויטשאַיעש גאַלאָוואָי״.

אַלע געשעפטן, הייזער זענען צוגענומען געוואָרן. אויפגעקומען איז דער מלוכה־האַנדל און די קאָאָפּעראַטיוון. די פּאַספּאָרטיזאַציע האָט נאָך מער דערנידעריקט דעם מענטש און פאַרשטאַרקט די בהלה צווישן די געוועזענע גבירים און די פּליטים פון פּוילישע געגנטן, אָקופּירטע פון היטלערן. ביי נאַכט פלעגן אַריינפאַלן עטלעכע סאָוויעטישע מיליציאָנערן מיט אַ לאָקאַלן פּאַרטיי־עדות אין אַזוינע שטיבער און געהייסן זיי מיטנעמען דאָס נייטיקסטע און מיטגענומען זיי אויף אַ לאַסט־אויטאָ ביז צו דער באַן־סטאַציע און פון דאַנעט קיין רוסלאַנד אין קרימינאַל אָדער פאַרשיקונג. אַ סך מענטשן האָבן נישט געשלאָפן ביי זיך אין דער היים, כּדי אויסצומיידן די „כאַפּעניש״. ביי מיר פלעגט אָפּט נעכטיקן אין קאַבינעט אליעזר אונגער, דער היינטיקער מזרחי־טוער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט איז דער באַפעל, אַז די רעדנער אויף יידישע אימפּרעזעס דאַרפן רעדן אוקראַיִניש. אַזוי האָב איך געמוזט אין דער לעצטער מינוט איבערזעצן מיין רעפעראַט לכּבוד דער דיכטערין רייזל זשיכלינסקי פון יידיש אויף אוקראַיִניש. צו מיין מזל האָב איך געהאַט געלערנט אין דער אוקראַיִנישער גימנאַזיע און דאָס אַריבערגיין אויף אוקראַיִניש איז מיר נישט געווען שווער.

2. רוסלאַנד

פראַנט. זעלנער אָן הענט, אָן פיס, אָן אויגן, אָפענע ברוסטקאַסטנס, ליידיקע שיידלס. די נייע איניעקציע־שפּריצן טויגן נישט: איין טייל איז צו גרויס, אָדער דער צווייטער טייל צו קליין. כאַאָס אויף דער גאַנצער ליניע: פּאַלטאַווע, כאַרקאָוו, וואָראָשילאָווגראַד, קויבישעוו. גענעראַל סיקאָרסקי האָט זיכער נישט געמיינט צו ראַטעווען דאָס ביסל יידן פון די לאַגערן און פון דער אַרמיי, אַוודאי נישט סטאַלין. אָבער זייער אָפּמאַך האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן לעגאַלן און שוואַרצן מאַרק אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע, דערשראָקענע יידן, וואָס האָבן זיך געריסן צו דעם „נייעם״ לעבן, כּדי נאָך צו דערלעבן אומצוקערן זיך צו פרוי און קינד, צו טאַטע־מאַמע, צו דער געוועזענער היים אין פּוילן.

אין פּאָלטאַווע האָט דער אוקראַיִנישער לערער, אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געזאָגט: נאָך וואָס עוואַקויִרן זיך? מיר וואַרטן שוין אויף היטלערן. דאָ איז אונדזער היים.

אין אוזבעקיסטאַן האָט אַ סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי געפרעגט: אין פּוילן זענען דאָ קאָלכאָזן? ניין? דאָס איז גוט!

אין שפּיטאָל אַריין האָט מען געבראַכט מענטשן, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט אויף די גאַסן און נישט געקענט זיך שטעלן אויף די פיס. די סאַניטאַרן האָבן געמאָלדן ביי יעדן טראַנספּאָרט: נאָך עטלעכע „טויטע". דאָס זענען געווען באַפרייטע פון אַ לאַגער. נאָך אַלעמען האָט אַ קאָמיסיע מיך געפרעגט: ווי איז עס מעגלעך? אַזוי פיל טויטע?

אין שטאָט — אַ שרעקלעכע עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. די שפּיטע־לער און שולן פאַרלייגט מיט קראַנקע. נאָך אַלעמען פרעגט מען: ווי איז עס מעגלעך? אַזוי פיל לייז?

יעדער איז אַ שפּיאָן, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַ גנבֿ. און אויב ער איז נאָך אַן אינוואַליד פון דער „פּאָטערלענדישער" מלחמה, מעג ער שוין טאָן, וואָס ער וויל.

און די ערלעכע מענטשן פון אַרבעט און נויט, בייסן זיך די נעגל פאַר בושה.

אַן נ.ק.וו.ד.־מענטש איז אַ מאָל געקומען מיר זאָגן בסוד־סודות די גוטע בשורה: ס'איז דאָ אַן אָפּמאַך מיט אַמעריקע, איבערצוגעבן אַ שטיק מיטל־אַזיע פאַר קאָנסערוון און שיך.

אַ צווייטער אָפּמאַך, וואָס האָט פאַרשקלאַפט פּוילן אויף יאָרן, האָט אָבער באַפרייט דאָס ביסל לעבנגעבליבענע יידן פון סטאַלינס רעזשים און פאַר אַ טייל איז פּוילן מיט איר ריח פון יידיש בלוט געוואָרן נאָר אַ הכשרה־סטאַציע צו זוכן דעם וועג צו דער אייגענער היים.

אויטאָ־פּאָרטרעט

ווער האָט דאָס ליב דאַטן? נאָר היסטאָריקער, וואָס לעבן דערפֿון. אָבער אַז איר ווערט וויסן פֿון מיין געבוירן־יאָר 1905, וועט איר בערך נאָך צען יאָר קענען מיט אַ לייכטן געמיט אַ זאָג־געבן: הלוואי זאָלן יינגערע פֿון אים ניט שטאַרבן.

קרימט אייך נישט: איך בין אַ גאַליציאַנער. און טאַקע פֿון קאָלאָמיי מיטן באַנדל אין מיטן שטאָט, וואָס האָט געסאָפּעט און געשלעפּט עטלעכע פעסלעך נאַפֿט צום לייטערן און געלייטערטע טראָפּנס בעל־שם־מיסטיק פֿון סלאָבאָדאַ־רונגורסקאַ, דאָס ווינאַרט פֿון ד״ר סטאַניסלאַוו ווינצענס. (לייען: איציק מאַנגער: אַ זעלטענער פּוילישעיר פּריץ, מיין „נאָענטע געשטאַלטן״, ז׳ 511).

וואָס אמת איז אמת: מיין מאַמע איז געלעגן־געוואָרן מיט מיר אין זאַבלטאָוו. אָבער טאַקע נישט מער. אָבער שפּעטער האָט מיך דער פֿעטער אורציע יעדעס יאָר אַ צי געטאָן אין שטעטעלע, מיך מיט מיין ברודער. דער פֿעטער איז געווען גרויס אין זיין אָרעמקייט און ריזנדיק אין זיין חסידישער התלהבות [1].

ביז 9 יאָר בין איך געווען אַ הערער פֿון תנ״ך אין חדר פֿון קאָרשעווער רבין, ווו דער אמתער פּעדאַגאָג איז געווען ראובן דער בעלפֿער: ער פֿלעגט זייער שיין דערציילן אויף יידיש דעם סיפּור־המעשׂה פֿון דעם נייעם קאַפּיטל און דערנאָך אים געגומען טייטשן. שווער איז מיר געוואָרן אויף דער נשמה, ווען ראובן האָט פּאַרלאָזט ווייב און קינדער און תנ״ך און זיך

---

[1] לייען: מאיר העניש: „„מבית ומחוץ״, דף 50, געצל קרעסל: „משה קליינמאַן״.

געלאָזט גיין איבער די הייזער. דאָס האָב איך געזען און נישט פאַרשטאַנען דעמאָלט, ווען איך האָב געלערנט אין פּראָג, כּדי עס יאָ צו פאַרשטיין. אַזוי ביזן היינטיקן טאָג: תּיקו. מיין מאַמע האָט נישט געלערנט און אויף איר פאַרלאַנג האָט מיך דער רבי אין די שיינע זומערטעג דערמאָנט, אַז איך מעג גיין אין שטאָט־פּאַרק צו אָטעמען מיט פרישער לופט. לייבציע באַרטן פלעגט זיין מיין אונטערפירער. אויך מאירל דעם רבי בחורס איז געגאַנגען אין דעם חדר. מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש, מיט אַ לאַנגער זשופּיצע, מיט געדרייטע פּאות, האָט ער תּמיד ביי אונדז אַלץ אויסגענאַרט: גיסטו מיר דעם עפּל, וועל איך דיר בענטשן; גיסטו נישט, וועל איך דיך שעלטן. (לייען: שלמה ביקל: „אַ שטאָט מיט יידן", ז' 124).

די ערשטע וועלט־מלחמה.

צי מען האָט יאָ געהייסן, צי נישט: יידן זענען געלאָפן. מיט אַ פערד און וואָגן זענען מיר אַוועק ביז מאַרמאַראָש־סיגעט. דאָרט האָבן מיר קינדער געזען, אַז מאָן פאַלט גאָרנישט פון הימל, נאָר מען קויפט עס פאַר אַ גראָשן: ס'איז ווייס, וואַרעם און געשמאַק; ס'איז פּשוט קוקורידזע אויף אַ הייסער בלעך.

דערנאָך זענען מיר אַנטלאָפן מיט דער באַן, קודם אויף וואַגאָנען מיט שטיינער, דערנאָך אין בהמה־וואַגאָנען. געקומען אין דאָרף וועלען, וואָס ליגט אין די סודעטן־בערג פון טשעכיע, האָבן מיר קינדער איינגענומען דעם באַרג און דאָס האַלבע פידעלע, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פון ווין, איז געהאַנגען אַזוי לאַנג אויף דער פייכטער וואַנט, ביז עס איז זיך צעפאַלן אויף פּיץ־פּיצלעך. שפּעטער זענען מיר אַריבער אין אַ שטעטעלע טאַכאוי, ווו מיר זענען געווען אין דער דייטשער פאָלקשול די בעסטע תּלמידים און ביים מוזיק־לערער די בעסטע פידלשפּילער. אויסער דעם האָבן מיר (איך און מיין ברודער מלך) געהאַט צוויי הכנסה־קוואַלן: אויפצו־קלייבן אַ זאַק מיט קעסט (קאַשטאַנעס) און באַקומען אין אַ געוועלב דער־פאַר צוקערלעך. מען האָט געזאָגט: די קעסט טריקנט מען, מע מאָלט זיי און מען גיט עס צו צום מעל אויף ברויט. מיר פלעגן אויך לערנען יונגע־לייט מיט ווילדע בערדלעך, דעם עסטרייכישן הימען: דאָס זענען געווען מיר־נישט דיר־נישט קאַנדידאַטן אויף ראַבינערס, אַבי נישט געהרגעט צו ווערן אָן אַ פאַרוואָס אויף אַ פראָנט.

נאָך דער מלחמה: אויס קייסער, צוריק פוילן. און אַ נייער מלוכה־הימען. קורצע צייט געגאַנגען אין אַ יידישער שול. דאָרט זיך אָנגעשטעקט מיט יידיש. פון דאַנעט אַריבער אין דער פוילישער פאָלקשול א.ג. פּיראַמאָוויטש, ווו דער לערער פלעגט אַהיים שיקן יידישע קינדער מיטן שרייב־פענדל אָן אַ שפּיץ...

כמעט אַלע יידישע תלמידים פון דער פוילישער גימנאַזיע זענען אַרי־בער דעמאָנסטראַטיוו אין דער אוקראַיִנישער גימנאַזיע, אַלס פּראָטעסט קעגן דער אכזריות פון דער פוילישער סאָלדאַטעסקע, וואָס האָט אין זייער ערשטן אַריינמאַרש דערשאָסן עטלעכע בחורים פון „השומר הצעיר״[1].

אין דער אוקראַיִנישער גימנאַזיע איז זייער קרעכץ פון אַ מינדערהייט געווען נאָענט צו אונדזער קרעכץ, זייער בענקעניש נאָך מלוכהשער פריי־קייט ענלעך צו אונדזער בענקעניש און זייער קאַמף קעגן פּאַרמיאוסן און פאַרשטויסן די אוקראַיִנישע שפּראַך, פונקט ווי ביי אונדז מיט יידיש.

אויסער די אַלע אַלט־קלאַסישע „חכמות״, האָבן מיר זיך אָנגעזאַפּט אין משך פון אַכט יאָר נישט אַזוי מיט ליבע צום אוקראַיִנישע פאָלק, ווי מיט מער פאַרשטענדעניש און צוגעבונדנקייט צום אייגענעם, געפּלאָגטן יידישן פאָלק. און די געפילן האָבן באַלעבט די „ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע״, וואָס איז אין דער סטרוקטור געווען דער המשך פון „השומר־הצעיר״. אין לאָקאַל פון „בית־ישראל״ האָבן „קבוצות״ דיסקוטירט, גע־לייענט מענדעלע אויף יידיש, ביאַליקן אויף העברעיִש, אַ כאָר האָט גע־זונגען, אַ דראַמאַטישער קרייז האָט געגרייט זיך, די געשריבענע צייטשריפט „דער אייגענער קלאַנג״ האָט פיקסירט דעם אינהאַלט און ריטם פון אָרגאַ־

---

[1] אין דער „קבוצה״ איז אויך געווען חנה ראַמלער־לעדערפיינד (חיפה). וועגן דער מערדערישער אַקציע פון דער פוילישער סאָלדאַטעסקע קעגן די „שומרים״ אין סלאָבודקע־לעשנאַ שרייבט אויספירלעך אלי ראַטנער (מגר. רודניצקי), אַ חבר פון דער דאָזיקער „השומר הצעיר״ הכשרה, אין זיין בוך: „דאַס עטישע סעמינאַר״, אין דעם קאַפּיטל „איינע אָסט־יודישע יוגענדבעוועגונג״. פון א. ראַטנער האָב איך באַקומען אין יאָר 1972 זיינס אַן אינטערעסאַנטס בוך: „אַוס שפּינאָזאַס היימאַט אונד קאָנ־סטאַנטין ברונערס צופלוכטשטאַטע״,ביידע ביכער צו באַקומען ביי: מגר. רודניצקי, דאָרטמונד, פּרינץ־פרידריך־קאַרל־שטראַסע 9.

ניזירטע 120 יינגלעך און מיידלעך. איך בין געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער אינטערעסאַנטער אַרבעט (כ׳בין געווען „ראש הסתדרות״), אַז איך האָב פאַרגעסן אין דער שול: האָבן מיר עטלעכע לערערס געהייסן זיצן נאָך אַ מאָל אין דער זעקסטער קלאַס.

נאָך מאַטורע פאָרן מיר קיין לעמבערג מאַכן עקזאַמען, כדי אָנגענומען צו ווערן אויף מעדיצין. עס זיצט אַ גאַנצער טיש מיט פוילישע פּראָפעסאָרן. איינער פרעגט מיך: וואָס פאַר אַ נומער פון קאָלנער טראָג איך. דער שטרענגער פעדעל פירט אַריין יעדן איינעם מיט איין טיר און נאָך איידער מען קוקט אָן די פּרצופים פון דער „קאָמיסיע״, פירט ער דיך אַרויס מיט אַ צווייטער טיר. דאָרט שטייט נאָך אַ בחור, ווי אָפּגעבריט: אים האָט מען געהייסן מאַרשירן פון איין טיר צו דער צווייטער.

גייען מיר עסן אין אַ רעסטאָראַן. פרעגט איינער פון דער גרופּע: פאַר יעדן איינעם אַ לעפל, פאַרשטיי איך; אָבער וואָס טויג יעדן איינעם אַ מעסער?

פאָרן מיר אַלע קיין פּראָג[1]. ביים קאָלאָקוויום פון „מוח״, זאָגט צו מיר אַ דייטשער אַסיסטענט מיט אַ צעשניטענער מאָרדע: הער אַבראַהאַם! זי ווערדן מיססען נאָך איין מאָל קאָממען... פרעג איך אים: פאַר וואָס? ווייל מיין מוח איז נאָך גאַנץ...? און אייערער...

אין די קאַרגע 6 יאָר מעדיצין אין פּראָג האָב איך, אויסנוצנדיק די אוניווערזיטעטס ביבליאָטעק, איבערזעצט אין אַ פרייעם פערז דעם עפּאָס „דאָס וואָרט וועגן איגאָרס חיל״ (איגאָר־ליד) אויף יידיש. נאָך דעם, ווי היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט פּראָפ. שלאַפער אָוועקגעזעצט די דייטשע סטודענטן ביים עקזאַמען פאַר זיך, די יידישע הינטער זיין פּלייצע.

---

[1] פון די הונדערטער חברים זענען געבליבן נאָכן חורבן די מעדיצינער: קראַוסהאר (ת״א), פעכט (עפולה), שטיין (חדרה), וואַלאַך (חיפה), וועכטער פ״ת), שטערן (ת״א), וועלגרין (ת״א), פרוי כהנה (ת״א), פרוי קוניצא־גאָלדשטיין (ירושלים), שיפּטער (ת״א), קויש (ת״א), דענטיסט ד״ר קויפ־מאַן און פרוי (רמת־גן).

און ווידער אַ מאָל האָב איך געהערט: הער אַבראַהאַם! זי ווערדן מיססען נאָך אַ מאָל קאָממען... האָב איך אים געזאָגט: איר זייט אייך טועה... דאָס האָבן די דייטשן ביר געטרונקען און אַלץ פאַרגעסן... און איר האָט גאָרנישט געזען, ווער ס'האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגן...

מיט אַ דיפּלאָם, ווי אָן אַ דיפּלאָם: גיי שריי חי־וקיים... מע טאָר נישט אַרבעטן, נישט פאַרדינען. נאָסטריפיצירן, ד.ה. נאָך אַ מאָל פון אָנהויב עקזאַמענס אויף פויליש. ווען? אין 4 יאָר אַרום. פאָר איך קיין וואַרשע. מיט מיין יונגער לאָטע. איך געפעל דעם פּראָפעסאָר מיכאַלאָוויטש און איך ווער אָנגענומען אין זיין קינדער־קליניק. בראָקמאַן, דעמאָלט דאָצענט, העלפט מיר ביים דעקאַן, פריִער אָנצוהויבן די נאָסטריפיקאַציע.

באַראַנסקי, דעמאָלט אַדיונקט, הייסט מיר גיין, ווייל כ'האָב נאָך נישט נאָסטריפיצירט. ער האָט דעקלאַמירט: „דורא לעקס, סעד לעקס". ד"ר בראָודע־העלער נעמט מיך דעם צווייטן טאָג אין איר „קינדער־שפּיטאָל". איך שרייב כמעט יעדע וואָך אַ מעדיצינישן פעליעטאָן אין דער „פאָלקס־צייטונג" און ווער גוט באַצאָלט. אויסער דעם פאָר איך אַהיים מיטן טראַמוויי צו אַזוינע, וואָס באַשטעלן מיך טעלעפאָניש, כדי צו מאַכן זיי איניעקציעס [1].

איציק מאַנגער, וואָס האָט געדרוקט דעמאָלט זיינע חומש־לידער אין דער „פאָלקסצייטונג" האָט מיך דאָרט רעקאָמענדירט. עטלעכע מאָל זיך געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אָן האָנאָראַר. איין מאָל האָב איך אַריינגעטראָגן דעם איבערזעצטן עפּאָס, „דאָס איגאָר־ליד" צו נחמן מייזל. האָט ער מיר געזאָגט: גיט מיר גיכער לידער וועגן שפּאַניע. און אַזוי איז ביי אים פאַרפאַלן געוואָרן דער מאַנוסקריפּט, וואָס מיין ברודער מלך האָט אַזוי מאָלעריש אים אויסגעצערטלט. פראַגמענטן זענען דאָ אין מיין ביכעלע „מיין אוקראַיִנישער אַלבום", (1937).

אַ נאָסטריפיצירטער, אַ ספּעציאַליזירטער, קום איך אויף אַ האַלב יאָר קיין לעמבערג אויף דער קינדער־קליניק פון פּראָפ. גראָער. מיט דער דאָרטיקער שרייבער־גרופּע טרעף איך זיך אָפט (אימבער, אַשענדאָרף, שודריק א.אַ.).

[1] אין וואַרשעווער „טאָז" האָלט איך לעקציעס אויף יידיש וועגן מעדיצין. אין דער „סאָציאַלער מעדיצין" האָב איך אָפּגעדרוקט עטלעכע גרעסערע אַרבעטן. אויך אין „פאָלקסגעזונט" (ווילנע).

אין קאַלאָמיי מאַך איך אַ „טאָז־אָפּטיילונג", שרייב אין די לאָקאַלע בלעטער, האַלט פּאָפּולערע מעדיצינישע לעקציעס און פּראַקטיציר אַלס קינדער־דאָקטער.

צווייטע וועלט־מלחמה. צוויי יאָר געווען אַ קנעכט אין דער היים: קאָ־מוניסטישע מערב־אוקראַיִנע. אין 1941 מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. איבערגעלאָזט פרוי און דעם כּמעט צוויי־יאָריקן לוסיעק (שלמה) און קוים זיך דערשלעפּט מיט דער דעזאָרגאַניזירטער באַן קיין זשמערינקע. אַ קליין יידיש שניידערל מיט אַ גרויסער טאָרבע, מיט אַ גאַז־מאַסקע האָט מיר נאָכ־געיאָגט מיט קליינע טריטלעך און איך האָב זיך געלאָזט פון אים כאַפּן... געמיינט, אַז איך בין אַ דייטש... אוי האָט מען זיך דאָ אָנגעליטן... אַצינד טאָר מען ערשט נישט בלייבן מיט די אוקראַיִנער... זיי וואַרטן שוין אויף היטלערן...

אין מיליטערישן האָספּיטאַל געהיילט זעלנער מיט שטיקער מוח, שטי־קער לונגען, שטיקער פּיס אויף דעם קישן. אויף אַ באַפעל האָב איך עוואַ־קויִרט מיט דער באַן אַ גרויסן טייל שווער קראַנקע. דערנאָך געזוכט דעם נעכטיקן טאָג: אין פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו, קויבישעוו, טאַשקענט. דאָ געוואָרן פּאַרלייזיקט אונטער עטלעכע דאַרע ביימעלעך. אין דער קינדער־קליניק וויל מען מיך, ווייל די דאָקטוירים זענען אויפן פראָנט, אָבער דער שונא סאָוויצ־קי, וואָס איז געווען אָבל־זדראוו אין סטאַניסלאַוו, איז דאָ אין מיניסטעריום דער פּאַרטייזלער פון אַרבעט פאַר פאַרבלאָנדזשעטע דאָקטוירים: ער שיקט מיך קיין אמור־דאריא. פאַר איך אָן אַ בילעט, אָן געלט אין דער ריכטונג פון בוכאַרע. ביי נאַכט גיט מען, מיך און נאָך איינעם, (ד״ר נאַכט), איבער דער נ.ק.וו.ד. אין קאַטאַ־קורגאַן. דער פאַרשלאָפענער אָפיציר האָט מיך אויסגעפרעגט און טעלעפאָניש געוואָלט פאַר אונדז צוויי פּלעצער אין האָ־טעל. איז נישט געווען, האָט מען אונדז צוגעפירט אין אַ „טשייכאַנאַ". צו מאָרגנס האָב איך באַקומען אַרבעט אין דער קינדער־קאָנסולטאַציע. משה קאַטיק ווערט מיין בעל־ביתטע. מאַרעק גאָלדפאַרבס משפחה גיט מיר געשמאַקע עסנס. דורך דער „מילך־קיך" העלף איך יידישע און פּוילישע הונגעריקע צו באַקומען אויף מיין רעצעפּט אַ פּאָרציע רייז מיט מילך, אַ פּודינג.

אַ פינצטער שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן דער „פוילישער פונקט״ צוזאַמען מיט דער נ.ק.וו.ד.: פלוצעם געהייסן אַלע „פוילישע״ זיך רע־גיסטרירן; מען פאָרט... וואוהין? מען האָט מיר אונטערגעשיקט שדים, אונ־טערזאָגערס און צי דו ווילסט, צי ניין: פּאָליציי טרייבט דיך אַרויף אויף אַ לאַסט־אויטאָ צו דער באַן. פאַרפאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, אין אַ מדבר. דער רעגן האָט געוואַשן, די פרעדסידאַטעליעס פון קאָלכאָזן האָבן געטריבן אין זייערע קאָלכאָזן מיט קניטלעך די יידישע משפחות און דער ווינט האָט געוויינט מיט די קינדער.

אין „קינדער־היים״ א.נ. פון סטאַלין האָט יעדער איינער געקענט זען דאָס אמתע פנים פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד און ווען דאָס פנים האָט געשראָקן ביי נאַכט, דער האָט געקענט דערקלערן זיך צו דער גרעסטער געדאַנקענלאָזיקייט: דעם הבל־הבלים פון אידייען, פון תורות און פרינציפּן.

און ווען דאָס אַלץ איז מיר קלאָר געוואָרן, בין איך אַוועק אין אַ הפקר און אין אַ הונגער אויף דער סטאַציע קערמענע: אפשר וועט געלינגען מיט די פוילישע מונדורירטע שונאים צו פאַרלאָזן דערוויל דאָס דאָזיקע לאַנד און קומען קיין ארץ־ישראל.

בין איך אַזוי געזעסן אויף אַ שטיין, ווייל ס׳איז מיר שוין געווען שווער צו גיין. האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אַ מענטש, הויך אין וווקס און מיט רויטלעכע האָר. ס׳איז נישט קיין מעשה פון אַ מדרש. און ער רופט מיך אָןביים נאָמען און ער גיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין זיין לינקער בוזעם־קע־שענע: 15.000 רובל וועט זיין גענוג אויף אין דערוויל פאַר מיר און פאַר אייך? דאָס איז געווען קאָפּל ראָזנהעק[1]. ווען זיין געלט האָבן מיר אויפגע־געסן, בין איך געוואָרן צוריק דאָקטאָר אין אַ שפּיטאָל און געמאַכט פון קאַפּלען אין אים דער פאַרזאָרגער און אַראָפּגעבראַכט אויף מיין פערד „וואַסקע״ פאַר אים אַ שיינע, יונגע, באַלעבאַטישע פרוי.

וועגן מיינע ווייבער־געשעפטן וועל איך נישט דערציילן. נאָר איינע יאָ. ווייל אַלע באַגעגענישן מיינע מיט פרויען זענען געווען געלעגנהייטלעכע,

---

[1] לעבט אין פתח־תקוה. שלמה קימעל, דער צווייטער אינטענדענט אין שפּי־טאָל, לעבט אין באר־שבע.

פריידיקע, נאַטירלעכע. נאָר איינע איז געוואָרן גורלדיק. ווען ס'איז אויס־געקומען מיר צו אַרבעטן אויף אַ נייעם פּלאַץ, האָב איך דערווייל גע־נעכטיקט אויף דער ערד אין אַ באַלעבאַטישער שטוב. דאָ האָבן אינטעלי־גענטן אויסגעשטופּט זייער פּוסטקייט מיט קאָרטן־שפּיל און הוילן געלעכ־טער און איך, ליגנדיק ביי דער וואַנט, האָב זיך געמוטשעט, כּדי צו פאַר־שלאָפן דעם צער. נאָר איין פרוי האָט געשוועבט דאָ אין אַליין אויפגעגנייטע טיכענע שיך און געפרעגט מיך איין מאָל און נאָך אַ מאָל: פאַר וואָס זאָלט איר אייך מוטשען? איר האָט נישט קיין צייט, וועל איך פאַר אייך זוכן אַ דירה. אין עטלעכע אָוונטן שפּעטער זאָגט זי מיר: אויב איר ווילט, קענט איר שוין גיין אין אייער דירה. בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ „טשייכאַנאַ" זוכן אַ מאַן, וואָס זאָל מיר העלפן איבערטראָגן מיינע זיבן זאַכן. דאָרט איז שוין שטילע נאַכט: מענטשן ליגן אויף די הוילע ברעטער, שנאָרכן, הוסטן, קרעכצן און פון דער קאַפּטילקע טאַנצן אומהיימלעך שאָטנס אויף די ווענט. איך זאָג מיט אַ ציטער: אפשר וויל עמעצער פאַרדינען און העלפן מיר איבערטראָגן אַ פּעקל מיט שטוב־זאַכן אויף דער נייער דירה? פּלוצ־לינג שפּרינגט אויף איינער, כאַפּט זיינע צוויי קוליעס און שטייט שוין אָנגעשפּאַרט אויף זיי לעבן מיר: פאַר אייך וויל איך עס טאָן. איר האָט מיך באַפרייט פון וויטיקן, איר געדענקט? איך האָב אייך דערקענט אין אייער קול. אַצינד קען איך זיך אָפּדאַנקען. ס'האָט נישט געהאָלפן מיין זאָגן, אַז דאָס פּעקל איז שווער און דער וועג איז ווייט. און אַזוי זענען מיר: רחל, דער אינוואַליד און איך געגאַנגען איבער די שמוציקע, נאַסע וועגן צו דער נייער שטוב.

אין דער נייער דירה האָב איך געפונען פריש אויסגעקאַלכטע ווענט, אַ ווייס שטיקל גאַזע אויף דעם קליינעם באַגלאָזטן לאָך אין וואַנט, אַ טיש מיט דריי פיס און עטלעכע אונטערגעשטעלטע ציגל, אַ באַנק און אַ געשטעל פון עטלעכע ברעטער צום שלאָפן און אַ בלעכערן אויוועלע. האָב איך אַרויסגענומען פון רוקזאַק אַ פלאַש משקה, אַ פושקעלע אַמעריקאַנער קאָנ־סערוון און ביים ליכט פון גרינע, רויטע, בלאָע ליכטעלעך האָבן מיר גע־טרונקען לחיים. דער אָוונט איז געווען פעסטלעכער פון אַלע פעסט און הייליקער פון אַלע רבנישע מאַכערייקעס.

מען ברענגט מיר מתנות: לעבעדיקע שאָף און רינדער. האָט וועגן דעם געלייענט דער ראש פון נ.ק.וו.ד. אין אַן אַנאָנימען בריוו צו אים און זיך באַגייסטערט צווישן זיינע אונטערטעניקע: אָט דאָס איז מיר אַ דאָקטאָר! דאָס פאָלק האָלט פון אים, ווי פון אַ הייליקן און ברענגט אים קרבנות. און מיר האָבן אויפגענומען געסט און פאַרטרונקען די צרות און געשטאַרקט זיך אין בענקעניש נאָך עפּעס אַנדערס. משה וואַלדמאַן (היינט אין פּאַריז) איז אויך געווען צווישן אונדזערע געסט. וואָס פאַראַ וואָגעניש אין יענע יאָרן: דער פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן האָט אָרגאַניזירט פאַר אים אין קינאָ אַן אָוונט און איך האָב געלייענט מיין רעפעראַט אויף יידיש און וואַלדמאַן האָט געלייענט זיינע יידישע קינות וועגן וואַרשעווער חורבן.

פּסח 1944 האָבן מיר געפּראַוועט אַ סדר: געסט יידישע און גויִישע, אויף די טישן האָבן זיך געקרומט די ליכט, וואָס רחל האָט געמאַכט פון פּאַראַפין און פאָדעם; אַ פעסעלע וויין און עטלעכע מצות פון די בוכאַרער יידן; פלייש, פון קרבן פּסח און מיין אויף רוסיש אָנגעשריבענע אגדה מיטן הויפּט־מאָטיוו: לשנה הבא בירושלים.

דערווייל פאָרט מען קיין פּוילן. אין קראָקע אויף דער סטאַציע קומט אונדז אַקעגן דאָלעק פעלער[1]: „ווייזט מיר, וועל איך אַראָפּנעמען אייערע זאַכן צו מיר. 5 צימערן וועט איך זיין גענוג? און אַ זעקל גאָלד וועט אונדז סטאַיען?" אויך „אַנטל מיטן פאַנטל" וויל זיך אָפּדאַנקען און אונדז נעמען דערווייל אין זיין קיבוץ און פון דאַנעט קיין ארץ־ישׂראל. אָבער דער גורל טרייבט דיך ווייטער מיט דער באַן, וואָס וויגט דיך איין און שלעפּעריק אַזוי זענען מיר שטיין געבליבן אין אַ שיינעם זונטיק אין אַ קאַלירטן דייטשן שטעטעלע (מינסטערבערג ־ זיעמביצע). דאָ געמאַכט סאָציאַלע מעדיצין פאַר די מאַסן, דאָ געפירט אָרגאַניזירטע קולטור־אַרבעט פאַר די יידן, דאָ געוואָרן ציוניסטיש־טעטיק אין התאחדות פּועלי־ציון, קרן־קימת און קרן־היסוד. דאָ ווערט געבוירן רפאל. אויף אַ הערצל־ביאַליק־אַקאַדעמיע האָב איך געזאָגט: ...היים בלייבט היים. בעסער צו לעבן איין טאָג אין דער היים מיט כּבוד, ווי אַ סך טעג אין גלות אין חרפּה און באַדריקונג. אויף דער

---

[1] זיין פרוי און זון לעבן אין פּתח־תקוה.

עצמאות־אַקאַדעמיע, אָרגאַניזירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָב איך גערעדט אויף פּויליש וועגן דער גראַמיקאַ־דעקלאַראַציע און דער שטאָטישער רב אויף יידיש וועגן משיחס צייטן.

נאָך אַלעמען האָט מען געהייסן מיר איבערגעבן אין דער פּאָליציי אַלע פּראָטאָקאָל־ביכער, סטעמפּלען און שליסלען פון דער פּאַרטיי. פון צייט צו צייט האָט מיך געפירט אַ פּאָליציי דורך דער שטאָט צו זיי און געהייסן מיר איינטונקען די פינגער אין טוש און אָפּדרוקן זיי. אין אַ פּאַרמיטאָג, ווען איך בין געווען באַשעפטיקט אין פּאָליקליניק, וואָס איך האָב פאַר דער שטאָט אויסגעבויט, איז מען צוגעפאָרן מיט אַ לאַסטאויטאָ צו מיין דירה, יידישע קאָמוניסטן און פּאָליציי האָבן אַרויסגעוואָרפן אַלץ פון די שטיבער און מיין פרוי מיט קינד אַריבערגעפירט אין אַ נאָסער, טרויעריקער דירה.

ווען מען האָט געקענט אַריבערגייין די גרענעץ, האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל ליקווידירט און געגרייט אין וועג אַריין. האָט מען מיך געבעטן עטלעכע מאָל צו זיין אַ זשענטלמאַן, אָפּטרעטן מיין פּלאַץ פאַר מאַמעס מיט זויג־קינדער (צימערמאַן; אַקערמאַן). ווען איך האָב געבעטן אַ פּאַס, האָט מען אָפּגעזאָגט.

אויף קאָסטן פון געזונט־מיניסטעריום בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן מיט מיין משפּחהלע קיין ליגניץ, ווו איך האָב אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דעם נייעם קינדער־שפּיטאָל. (לייען די פּראָטאָקאָלן פון שפּיטאָל אין מיין אַרכיוו). אין ליגניץ איז געבוירן געוואָרן דניאל. און דאָ האָבן מיר זיך דערוואַרט אויף דער דערלויבעניש צו פאָרן קיין ישראל.

אַלע, וואָס באַגעגענען מיך אין גאַס אויפן וועג אַהיים פון דער אַר־בעט, גיבן מיר אָפּ מזל־טוב: זיי ווייסן שוין פונעם בריוטרעגער די גוטע בשורה, וואָס ער טראָגט פאַר מיר אין טאַש, אָבער אין דער היים וואַרטן מיר לאַנג אויף אים. שפּעט איז ער געקומען, נאָכן פּאַרטיילן זיין גאַנצע פּאָסט: אַצינד האָט ער געמיטלעך אויסגעטרונקען די פלאַש ספּירט מיט פאַרבייסן און אַ שיכּורער אַהיימגעשלעפּט זיך, כּדי ווייטער צו פאַרטרינקען אויך דאָס מזומנע טרינק־געלט.

צום פּאַקן איז געקומען שמואל קירשנבוים און איך האָב פּונקט דע־מאָלט געליייענט און פאָרגעלייענט אין שטוב שטיינבעקס: טרויבן פון כּעס, און אַלע האָבן מיר געוויינט.

די דירה אונדזערע האָט מען איבערגעשריבן פאַר אַ גויע, וואָס שטעלט זיך פאָר אַלס דאָקטאָרין פון לאָדזש. ווען זי איז געוואָרן חוצפּהדיק, געגו־מען טראָגן אירע בענקלעך און בעטן אין מיין דירה, האָבן מיר זי מיט אירע בענקלעך און מיט אַ שטראָם פון ווערטער וועגן די מעשׂים־טובים פון פּאָ־ליאַקן אונטער היטלערס השגחה, אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה. האָט זי מיט איר אונטערפירער אין אַ באַאַדלערטן מונדיר פון אַ באַנער אַריינגע־טראָגן אין דער פּראָקוראַטור צוויי אַנקלאַגעס: איך האָב באַליידיקט זי, דעם פּוילישן מונדיר און דאָס פּוילישע פאָלק. האָט מיך דער פּראָקוראָר פעלדמאַן מיטן שטאַטפּרעזידענט אויסגעהערט און נאָר געבעטן איינס: פאַרן אַוועק־פאָרן איבערגעבן זיי די שליסל פון דער דירה און אַליין נישט איבערגעבן זיי קיינעם.

און אַזוי האָבן מיר זיך ווידער געזעגנט מיט דער באַן ביז ווין. דאָ האָט די סוכנות אונדז איינקוואַרטירט אין אַ האָטעל און געפּראַוועט פאַר אונדז אַ סדר, ווייל ס'איז געווען פּסח. לויטן פּלאַן האָבן מיר געזאָלט פאָרן פון איטאַליע מיט אַ שיף. פּלוצעם האָט מען אונדז אין דער נאַכט איבערגעפירט אויפן פליפלאַץ, אַריינגעפירט אונדז אין אַ מאַגאַזין, ווו ס'האָבן זיך גע־פונען כאַאָטיש צעוואָרפן אונדזערע רענצלעך און דייטשע אונטערטרייבערס מיט דער הסכּמה פון צוויי שווייגנדיקע סוכנות־דרענגער האָבן געהייסן שנעל נעמען נאָר עטלעכע קלייניקייטן און דאָס גאַנצע געפּעק, אָן וואָג, אָן רעצעפּיסן איז געבליבן הפקר אין מאַגאַזין. נאָך לאַנגע חדשים אין האָטעל אין תל־אביב, האָבן מיר פון חיפה אָפּגענומען ליידיקע רענצלעך.

איין רעדאַקטאָר (פּעקאַטש) האָט אָפּגעדרוקט מיין „שהחיינו...", צוגע־זאָגט צו באַצאָלן דערפאַר און געפּרוווט פאַרזויערן מיך מיט זיין אולקוס־קוואָס. דער צווייטער (מ. צאַנין) האָט אָפּגעדרוקט מיין „כשבאנו..." (7 אוי־גוסט, 1957) און נישט צוגעשיקט קיין צייטונג, נישט קיין האָנאָראַר, נישט קיין דאַנק. ווען איך בין, נאָך עטלעכע וואָכן, אַריינגעקומען אין דער רע־דאַקציע, האָט צאַנין אַריינגעקוקט אין קאַרטאָטעק און געזאָגט: איר האָט אָפּגענומען 15 פונט. האָב איך אים געזאָגט: איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע מאָל... אָבער אין זיינע כיטרע פעליעטאָנען קעמפט ער פאַר אַ בעסערער, גערעכטערער און אידעלער באַציִונג צום „עולה חדש".

איבעראַל עפּעס אַ ביטול, בטלנישע איבער־חכמות און ווי אַ שלע־פּעריקע מידקייט. שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט: נאָר אַ סערוויס, אָדער אין די הענט אָדער אין קאָפּ, קען זיי אויפוועקן. אין סוכנות: קום נאָך אַ מאָל, וועסט מיד ווערן, וועסט נעמען אַ דירה, וואָס קיינער וויל זי נישט, אויסער דער שטאָט, נישט פאַרענדיקט, אין שכנות פון שטינקענדיקע פאַ־בריקלעך (לעדער, פעדערן, וואַרשטאַטן). אין מפא״י זאָגט חיים רוקח: אַז איך זאָרג פאַר דיר, וואָס דאַרפסטו זאָרגן? גיי שפּאַצירן ביים ברעג פון ים, מאַך אַ לעבן און איך וועל דיך שוין פאַרשטענדיקן, ווען די דירה, דאָס געלט און די אַרבעט וועלן שוין וואַרטן אויף דיר. נאָך אַ שטיקל צייט גיי איך הערן אַ גוט וואָרט: נישטאָ מער חיים רוקח, נישטאָ אַפילו, ווער ס׳זאָל לאַכן פון מיר. אין מרכז קופּת־חולים זאָגט אַ שטאָב פון דאָקטוירים מיט פּקידים: קינדער־דאָקטוירים דאַרפן מיר נישט, ווערט אַ „כללי״, אַן אָרטאָ־פּעד... זאָג איך: שאַרלאַטאַנען זוכט איר, נישט קיין פאַכלייט. אין „בילינ־סון״ זאָגט ד״ר יוניס ז״ל: די מאַסן־עליה פון דייטשער אינטעליגענץ האָט געפונען דעם אויסוועג: אין שטאַל, אין לול... נאָר די פּוילישע דענערווירן זיך... אויף זיין מלמדישער אָפּיניע גיט מען מיר אַרבעט אין אַ מעברה נאָר 6 שעה, אין אַ צריף, אין אַ שטינק, אין אַ סביבה פון פינצטערניש, פון פאַרבערעכער־טיפּן, מיט 60 ביז 100 פּאַציענטן אין אַ פאַרמיטאָג, מיט אַ הונגער־לוין, וואָס נאָר מיינע פאַרקויפטע שטוב־זאַכן ווייסן עפּעס דערפון. און ווען צוויי אַנטי־מלוכהשע, פאַרביטערטע, פּוסטע יידעלעך האָבן געקענט אַראָפּגנבענען אַ האַלבע שעה פון די 6, האָבן זיי מיר געגעבן אַרבעט אין אַן ענלעכער סביבה פון ערב־רב, דאָרטן ווו אַ פּענסיאָנירטע דאָקטאָרין האָט געהאַט באַצאָלט פאַר אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. דאָ האָבן זיי אונטערגע־שטעלט אונטערוועלט־טיפּן און היסטעריזירטע פּאַציענטן, כּדי צו פאַרביי־טערן מיר דאָס לעבן און די אַרבעט און מאַכן מיך שוייגן, וואָס נוגע נאָר־מעס, פּרנסה און כּבוד.

אין דער זעלבער צייט שרייב איך אין „איתנים״ מיינע מעדיצינישע אַרטיקלען פאַר דעם פאָלק, פאָר אַרום אין דער פּראָווינץ, געשיקט פון מחלקת־הסברה, מרכז קו״ח מיט אַ רעפעראַט וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס צעפּרעסן דעם צוטרוי פון אַ פּאַציענט צום דאָקטאָר אין קו״ח. אַ תּמצית פון די רעפעראַטן איז געווען אָפּגעדרוקט אין „קטיף ב״, „ישראל־צייטונג״ און

„פֿאָלקסגעזונט״ (פּאַריז). אין דער זעלבער צייט דרוק איך אַ סעריע הומאָ־רעסקן אין „ישראל צייטונג״, אין „היינט״ (מאָנטעווידעאָ) אויף מעדיצי־נישע טעמעס.

אין דער זעלבער צייט זאָגט מיר אַ גראָבער יונג, וואָס פּאַראומרייניקט די וועגן צו יידישער מלוכהשאַפֿט, צו לאָגישער און געזונטער קראַנקן־באַדינונג, פּאַרטרייבט שוין יאָרן לאַנג דאָקטוירים פֿון פּתח־תקוה קיין אַמעריקע (ד״ר קאַפֿקאַ, ד״ר קרית־ספר א.אַ.), בויט אויף לינקס און אויף רעכטס אַמבולאַטאָריעס... זאָגט ער מיר: דו ביסט דאָך אַ שרייבער, אַ גראַ־מאַטנער... און ער נאַרט ווידער אָפּ מיך מיט אַ שטיק פּאַפּיר און אויך די ליידנדיקע, יידישע מאַמעס מיט קינדער ביז 60 אין אַ פּאָרמיטאָג און רופֿט אַרויס פּאַרביטערונג און יוירונג.

און כּדי פֿון צייט צו צייט אַרויסצוגיין פֿון דער ספּערע פֿון ענגשאַפֿט, קנעכטשאַפֿט און משטיינס געזאָגט וויסנשאַפֿט, האָב איך געפּרוּווט שאַפֿן אַ ספּערע פֿון מער פֿרייערע לופֿט און פֿאַנטאַזיע. ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אין דער ליטעראַרישער וועלט, געפֿינען זיך שוין אבן־נגפֿס, געמאַכט פֿון מענטשלעכן עגאָיזם. איז אינצווישן אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער אָרביטע אַ שטי־לער באַשרייבער פֿון שטיקלעך פֿרייד און טרויער: אריה שרפֿי. דערנאָך גייט אַוועק דער שטורמישער אליעזר קאַליר [1].

איציק מאַנגער איז געקומען פֿון ניו־יאָרק צו דער פֿאָרשטעלונג פֿון זיינע מגילה־לידער, איז אים פֿאַר פֿרייד אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

---

[1] כ׳האָב אָרגאַניזירט עטלעכע אינטערעסאַנטע באַגעגעניש פֿון די פּתח־תקוהער שרייבערס, אַ מאָל ביי יוסף חנני, אַ מאָל לכבוד אליעזר קאַליר ביי משפּחה שוהם, אַ מאָל ביי משפּחה חיים און אסתר זאַמעצקי, עטלעכע מאָל ביי אונדז לכבוד איציק מאַנגער, לכבוד אבא גאָרדין, דעם דיכטער טקאַטש, דעם קאָמפּאָזיטאָר מאיר נוי און אַנדערע. ביי די אַלע באַגעגע־נישן האָט דער דיכטער י. צ. שאַרגל געלייענט זיינע נייע לידער. ביי אונדז אין שטוב אויפגענומען דעם באַרימטן אַרטיסט נוח נאַכבוש און פֿרוי.

אָבער ווען ער האָט אין טעלעפאָן צו מיר שוין געזאָגט: איך וויל זיך זען מיט דיר, זענען מיר געווען ביי אים אין רמת־אביב. מיט יוסף בר־אל, אַ פריינד פון יידיש, אַ קענער פון עברית און מיין איבערזעצער פאַרן „קטיף״.

מוצא־שבת (15טן יאַנואַר 1966) זענען מיר געווען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ש. אברבנאל און ש. האַמבורגער האָלטן נאָך צוזאַמען אַרום אבא גאָרדינס „פּראָבלעמען״. דאָרט האָב איך געפונען שלמה ביקלס: עסייען פון יידישן טרויער. און פון דער זייט 101 „וועגן אַ מענטשנס לעצטע ווער־טער״ ציטיר איך:

„...די זכיה אַרויסצוברענגען פון זיך ערב אַריינגאַנג אין דער גרויסער שטילקייט אַ מין סוף פּסוק, וואָס זאָל געבן די אונטערשטע שורה פון אַ לעבן, זאָל געבן אַן אָנווונק אויפן סך־הכל פון דערפאַ־רונגען און פון איבערלעבענישן, אַזאַ זכיה געהערט צו דעם זעלטע־נעם ביסל עכטע פרייד, וואָס איז דעם מענטשן באַשערט״.

איגנאַץ מיטן פערד,
אָדער פורים אין קאָלאָמיי

ר׳ איגנאַץ! מיר זענען געקומען קויפן אייער פערד!

ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין ברייטן גוף אויף דעם לאַנגן, היל־צערנעם טיש, וואָס נאָר ביי די זוימען נאָך איז געווען צו זען פרישע ווייסקייט פון די אָפּגעשניצטע שטיקלעך האָלץ צו די נעגל. ער האָט גוט אונדז אָנגעקוקט און געזאָגט:

— וואָס איז? ס׳מאָנט מיך דען עסן?

— ר׳ איגנאַץ! מיר צאָלן אַ גוטן פּרייז. לאָזט אונדז כאָטש אָנקוקן אייער פערד!

— ס׳שטייט אויפן בוידעם. מיין יידענע וועט אייך פאָרשטעלן פאַר אים. קריכט אַרויף מיט דער לייטער נאָר גיט אַטכונג, אַז איר זאָלט נישט צעברעכן אייערע קעפּעלעך.

— קומט אויך! מיר וועלן אייך מאַכן אַ בילד מיטן פערד.

— פּורים! שוין נישט לאַנג צו וואַרטן! דעמאָלט בין איך אויפן פערד און אַלע פירן מיך אַרום בכבוד גדול איבער דער שטאָט. דעמאָלט איז אויס טרעגער-יונג, צוריק מלך! אַ גאַנץ יאָר בין איך ביי זיי אַלץ אין דער קאָרט און זיי די צדיקים אין פעלץ. אָבער אין פּורים לאָזט זיך אויס, אַז דער צדיק בין איך און דאָס אַלץ נאָר צוליב מיין געליבט פערדל.

מיט אַזוינע פּאָר פּסוקים האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל מיט איגנאַצעס פערד. זיין יידענע, אַ נידעריקע, קרעמפּע, מיט אַ פאַטשיילע פאַרקניפּט אונטער דעם ליידיקן פיסקעלע, האָט שטיי-ענדיק אין ווינקל זיך צוגעהערט צו די דיבורים. זי קען איר מאַן, דעם עקשן. אָבער ס'אַ שאָד די פּאָר גילדן, וואָס מען ברענגט אַריין אין שטוב דאָס ערשטע מאָל אין לעבן ממש פאַר גאָרנישט. אויך מיר אַ פערד! אַפילו קיין היי אין סידור דאַרף עס נישט. אַ שטיק האָלץ מיט פאות, נישט מער... ווען נישט דער בראָנפן אין איגנאַ-צעס מאָגן, וואָלט דאָס פערדל זיינס אַפילו אין פּורים נישט געשפּרונגען. אַזוי האָט זי זיך געטראַכט און גענומען רעדן עפּעס אַנדערש:

— ווייסטו וואָס, איגנאַץ? לאָמיך דיר אַרויסגעבן דיינע מל-כותדיקע בגדים פון קופערט און אַזאַ בילד, דו מיטן פערד און מיט מיר, וועט זיין אַ שיינע מתנה פאַר אונדזערע קינדער אין אַמעריקע. וואָס מיינסטו, אַז נישט?

— לאָמיך געמאַך! ס'איז נישט דיין עסק און נישט דיין סוס! עפּעס קעלבט זיך ביי מיר מיט פערד?

— אויב דו רעדסט שוין וועגן קעלבן, וויל איך דיר זאָגן, אַז דו טויגסט נאָך צו מאַכן אַ פערד. דו הערסט דאָך, מען גיט געלט דערפאַר. מען וויל דאָך נישט אומזיסט. מיט אַזוינע פערד-הענד-לער האָסטו נאָך נישט געהאַט צו טאָן. כ'וועל דיר ברענגען פונעם זאַרינעק אַ גאַנצע קאַלאַדע, וועסט צולייגן דיינע צוויי ידיים, קיין עין-הרע זאָל זיי נישט טרעפן און ס'וועט אַרויס אַ פערד, ווי אין דער מגילה שטייט.

טאַקע ווייבערישע רייד, האָט זיך געטראַכט איגנאַץ, אָבער אַ מאָל האָט זי אויך רעכט.

— צוריקגערעדט: צו וואָס דאַרפט איר צו אַלדע רוחות מיין פערד?

— פאַרן בית-המקדש!

—וואָס פאַראַ בית-המקדש? אין ירושלים?

— יאָ! ירושלים ד׳ליטע. פאַרן „ייוו״אָ״ הייסט עס.

— פאַרדרייט מיר נישט דעם ספּאָדעק! איר קענט דאָך אַפילו נישט די פערד-שפּראַך! צו אַ פערד, אַז איר וועט אַ יעכץ טאָן: וויאָ, וועט עס נאָך הולכן, אָבער ייוואָ, מיט וואָס עסט מען דאָס? אפשר וועט איר מיר מוחל זיין: כ׳האָב שוין געזען פערד, אָבער אַזוינע נאָך נישט געטראָפן. נעמט אייך דעם העלד מיינעם! אפשר וועט איר פון אים לערנען שׂכל. וואָס טויגן די פּוסטע רייד? גיט געלט און גייט אייך לחיים ולשלום!

מאַנגעריאַדע

„לאָמיר גיין קיין ווערבעזש"

אַזוי האָט מאַנגער מיר געזאָגט, און מיר זענען אין אַ שבת-נאָכמיטאָג געגאַנגען מיט דער סאָביעסקע-גאַס צו דער ווערבע-זשער בריק, פון וואַנען מען האָט געזען די נאַקעטע יידישע יינג-לעך ביים טייך פרוט, ווי זיי רייטן אויף די ציגן; ווי זיי רעדן אַלע יידיש אין גראַמען.

אָט דאָ זענען אונדזערע קינדער-יאָרן — האָט מאַנגער אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט און אונטערגעברומט אַ קינדער-ליד.

מיר גייען ווייטער. די בריק איז לאַנג און ברייט. אין מיטן ציִען זיך די שינעס (רעלסן) פון דעם לאָקאַלן באַנדל, וואָס פאַר-בינדט די סטאַציע קאָלאָמיי מיט די אויסגעמאָלקענע נאַפט-גרובנס אין סלאָבאָדאַ רונגורסקאַ. שלמה ביקל האָט אויף אַן אָוונט, וואָס מיר האָבן פאַר אים געמאַכט אין „בית-סוקולוב" (תל-אביב), פאַרגעשטעלט דעם ווערבעזשער געפּילפּול: ער איז גע-ווען די הויפּט-אַרטעריע פון דער שטאָט, וואָס איין העלפט האָט געצויגן צום פרוט נאָך פרייד, די צווייטע העלפט האָט געצויגן דורך דער קלעבאַניע-גאַס צום טרויער, צום בית-הקברות. פאַר אַ פאָר טעג זענען מיר געפאָרן מיט מאַנגערן אויף דעם וועג צו קבר-אָבות; היינט גייען מיר צופוס. אויף יענער זייט בריק קיניגט דער שענקער קעניג. מאַנגער דערמאָנט זיך, אַז ער פלעגט יינגל-ווייז גיין מיט זיין טאַטן אַהער אין שבת-שענק טרינקען אַ גלאָז ביר און פאַרבייסן מיט געפעפערטן אַרבעס, און אָן געלט. אונ-טער עטלעכע ווערבעס, שטייען איינגעגראָבענע לאַנגע טישן מיט שמאָלע בענק, און דער בעל-הבית אין דער שבתדיקער זשיפּיצע

מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ דערלאַנגט ביר מיט אַרבעס. ער דערלאַנגט שלום-עליכם דעם גאַסט, פרעגט אויף מיין משפחה און איילט זיך צו די פריש אָנגעקומענע געסט. וועגן געלט רעדט מען אַפילו נישט, אויך נישט וועגן אַדרעסן. אין מיטן דער וואָך קומט ער אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש אַראָפּ אין שטאָט און זאַמלט אויף ביי יעדן אין דער היים דאָס געלט פון דעם שבת-דיקן כיבוד. דאָס האָט געהייסן נאמנות.

אויף דער נאַכט האָט מלך און איך איינגעלאַדן אַ ביסל יידישע מענטשן (זינדל ניימאַן[1], ד״ר פּריש, אַדוו. שנעלבאַרג, גע-ניע לאַקס, דענט. וויזלבערג, און ער זאָל זיין אָפּגעשיידט: נויגאָט, וואָס לעבט אין רמת-גן). מיין מאַמע האָט געשטראַלט פאַר פרייד און דערלאַנגט יענעם כיבוד. מיין טאַטע האָט געשפּילט פאַר מאַנ-גערן אַ „דוינע״ אויפן פידל. אַלע האָבן געזונגען זיין ליד „רבינו תם״ און מלך האָט מיט זיין גיטאַרע געפּרעגט:

טרעפט, ווער ס׳האָט דאָס ליד געמאַכט? היידל-דידל-דאַם...
— אַ שניידער-יונג האָט עס געמאַכט צו להכעיס דעם רבינו תם;
שבת צווישן טאָג און נאַכט, האָט אַ לץ אַריינגעלאַכט
אַקוראַט צום גראַם, אַקוראַט צום גראַם.

און מאַנגער האָט געענטפערט, און פערל האָבן זיך אים גע-שיט פונעם מויל. פון וואַנען האָט ער גענומען די פערל?

צווישן קאַסעוו און קיטעוו
שטייט אַ גילדענער ברונעם.
אין טיפן, קלאָרן וואַסער
האָב איך אַ זון געפונען.

---

[1] זיינע זין זענען פּראָפ. ד״ר דב נוי (פֿאָלקלאָר, ירושלים) און דער קאָמ-פּאָזיטאָר מאיר נוי (תל-אביב).

דאָס ליכטיקע וואָרט אויף די ליפּן,
דעם גאָלדענעם שיין אין דער האַנט.
איך בין דער לעצטער אַפּאָסטאָל
פון ניי-אַנטפּלעקטן לאַנד.

יאָסל טאַפּיצירער

צו אַלוויילן אין שענק אין דער קהילה־קדושה קאַלאָמיי האָט די זון זעלטן און אַ ביסל זעזעוואַטע אַריינגעקוקט נאָר דורך דער טיר. אינעווייניק איז דאָס מאָל געווען פריש אויסגעקערט. ביי די פּאָר טישלעך זענען געשטאַנען די בענקלעך לײדיקע, אויסגעשטעלטע, ווי צו אַ פּאַראַד. יאָסל טאַפּיצירער, אַ קרעפּקע יידל מיט צוויי וואָנסעס, פּעטע און איינגעדרייטע אין צוויי חשובע ספּיראַלן, איז געשטאַנען ביים בופעט אָנגעשפּאַרט אויף זיין געלן, גראָבן שטעקן און געכאַפּט אַ שמועס מיטן שענקער. אויפן וואַנ־גאַנג־בערדל פון אַלווייל איז געווען אויסגעגאָסן דער ערנסט פון דאגת־פּרנסה, און צוליב דעם אויך האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ הויך, שוואַרץ קאַפּל.

דער דריטער בין איך אַריינגעקומען. שטייענדיק האָבן מיר געוואַרט אויף איציק מאַנגערן. ער האָט אַראַנזשירט די באַגעגעניש מיט זיין פעטער יאָסל אין שענק. ס'איז געווען פאַר מיטאָג, פונקט אין אַ טאָג אָן אַ יריד. מאַנגער איז, ווי בלאָנדזשענדיק און אין אַ פאַרלעגנהייט, צוגעקומען צום בופעט. יאָסל האָט אים אָפּגעגעבן אַ ברוך־הבא לויט זיין שטייגער:

— וואָסי? האָסט פאַרגעסן, איציק, מיין אַדרעס? מיין שטוב איז שוין קיין שטוב נישט?

מאַנגער האָט געזוכט ווערטער און געפּלאָנטערט:

— געקומען... אויף קבר־אָבות...

— רעדזשע אַזוי! — האָט אים יאָסל גענומען אַרויסהעלפן — צו די טויטע ביסטו געקומען?... איצט פאַרשטיי איך שוין... אָבער מיר לעבעדיקע קענען דאָך העלפן, אַז זייערע נשמות זאָלן זיך אַריינכאַפּן גלייך אין גן־עדן

אַריין... מיט אַ פשוטן „לחיים", מיין איך... דערלאַנגטזשעט, ר' אַלווייל, בראָנפן מיט אַ שטיקעלע הערינג...

מאַנגערן איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער אויף דער נשמה און אַ פונק פון לצנישער פרייד איז געפאַלן אויף דעם געגרייטן טיש. מיט אַ שאַרמאַנטן שאָרך האָט ער פאַרביסן יעדעס גלעזעלע בראָנפן מיט אַ גלאָז ביר. אַזוי זענען מיר געזעסן און אַריינגעהערט זיך אין דער שטילקייט פון שענק אין אַן אלול־טאָג אָן אַ יריד. אין דער שטילקייט, ביי דעם טיש, האָב איך גע־הערט דעם עכאָ פון דער מאַנגער־מעלאָדיע, וואָס איז „היימיש, ליב און טייער".

ווען מאַנגער האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעזונדערט פון אונדז, האָט יאָסל טאָפּיצירער מיך אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי וועט נאָך אַ מאָל זיין פון איציקן אַ לייט?

וואַרשע

פאַר נאָכט פלעג איך צומאָל אַריינכאַפּן זיך אין ליטעראַטן־פאַראיין. רחל אויערבאַך מיט מאַנגערן נעמען מיך מיט פון דאָרטן, כדי צו ווייזן מיר זייער נייע דירה. אויפן וועג זאָגט מאַנגער: גיי, רחל! גרייט צו דאָס אָונט־ברויט און מיר וועלן אַ שפרינג־געבן אין דער דרוקעריי און אַ קוק־טאָן אויף דער קאָרעקטור. באַלד זענען מיר אין דער היים.

און שוין זענען מיר אין באַר „צענטראַל". נאָך אַ גלעזעלע מיט אַ גלאָז, שטייענדיקערהייט, און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל זיצן מיר שוין ביי אַ טישל. נישטאָ וואָס זיך צו איילן: די זעצערס זענען סיי־ווי נאָך נישט פאַרטיק מיטן זעצן דעם גראָבן פרייטיק־נומער. דאָרט דרוקן זיך איצט זיינע „מגילה־לידער" און מיינע „מעדיצינישע עקסקורסיעס". און רחל קאָכט דאָך ערשט די וועטשערע... און מאַנגער רעדט וועגן לייוויקן. ער איז פּאַטעטיש, לייוויק. ער בלישטשעט, ער שרייט. מאַנגער נעמט מיך אָן ביים קראַוואַט: איך וואָלט נאָך געוואָלט האָבן די זכיה און כאַפּן לייוויקן

אַזויביים קראַוואַט און זאָגן אים: דו ביסט דער נאַציאָנאַלער דיכטער, ביסטו? אַן אָנשטעלער, אַ ליטעראַרישער ליגנער ביסטו...

און אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט ביז מיר זענען דערגאַנגען. רחל ליגט מיטן פּנים אין קישן און וויינט. מאַנגער איז ווי פאַרלוירן און שווייגט. „האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט מער נישט צו טרינקען... און שולדיק זענט איר..."

„אַוודאי — זאָג איך — בין איך שולדיק און נישט דער זעצער... אַז ס׳איז קאַלט, איז נישט תמיד דער הייצער שולדיק..."

דער שטורעם איז אַריבער. רחל דערלאַנגט דאָס עסן. איך באַוווּנדער יעדן ווינקל אין דער נייער דירה. בפּרט מאַנגערס אַרבעט־צימער און ביבליאָטעק. רחל פאַרמאָגט אַזוי פיל מאַמעשע צערטלעכקייט צו אים!

דער גורל האָט אָבער אַרויסגעטריבן מאַנגערן באַצייטנס פון וואַרשע, כּדי ווייטער צו לעבן. שליחות? אפשר טאַקע יאָ.

אין יאָר 1942 איז ער אין לאָנדאָן. ווי אַזוי קומט מאַנגער אַהער? דורך פאַריז, מאַרסעי, טוניס, אַלזשיר, ליווערפּול ביז קיין לאָנדאָן. דאָ גיט ער אַרויס אַליין, אין פאַרלאַג „אַליינעניו", זיין בוך „וואָלקנס איבערן דאַך". איז דאָס בוך אויך לכּבוד דער ליכטיקער געשטאַלט אין זיין לעבן און זיין ליד, דער שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. פאַר איר איז דאָס ערשטע ליד אין דער זאַמלונג:

כ׳וועל אויסטאָן די שיך און דעם טרויער\
און קומען צו דיר צוריק —\
און שטעלן זיך פאַר דיין בליק.

און רעד צו מיר גוטע ווערטער,\
און זאָג מיר, אַז איך בין דיין קינד.\
און קוש מיר אַראָפּ פונעם שטערן\
די צייכנס פון מיינע זינד.

אין יד־לבנים

אין יאָר 1958 האָט די עיריה פון פתח־תקוה אָרגאַניזירט אין „יד־לבנים״ אַן אָוונט פאַר איציק מאַנגערן. איך בין שוין געווען אַן „אייניאָרי־קער פתח־תקוה׳ער, האָב איך פרייוויליק אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער אויף יידיש וועגן אים, כדי צו קענען באַגריסן מיין באַליבטן דיכטער און מיין פריינד. ביים אַריינגאַנג האָב איך געגעבן דעם כתב־יד די אָרגאַניזאַ־טאָרן און געבעטן מיך לאָזן עס לייענען צווישן די באַגריסונגען. זיי האָבן עס איבערגעלייענט, געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שלעכט, אָבער „דאָ אין דעם זאַל רעדט מען נישט יידיש״.

מאַנגער האָט פונקט דעמאָלט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. אַ פולער זאַל מיט יידן האָט געשמאַק געלאַכט פון הער־שעלעס שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן די גבירים און כלי־קודש. און ביי דעם שפּיצל אין מרחץ, ווו הערשעלע נעמט געלט פאַר „שמייסן״ און שמייסט נישט, און ביי די ווערטער: „שמיץ קומט אייך טאַקע, נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אַליין געלייגט, בין איך אייך מוחל...״ איז מיר אויך לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה.

און אַצינד, הערט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן:

„זיבן שטעט האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, ווייל יעדע איינע האָט געוואָלט זיין דער געבוירן־אָרט פון גריכישן פאָלקס־טרובאַדור האָמער.

וועגן דעם וויגעלע פון איציק מאַנגער קריגן זיך דערווייל נאָר דריי שטעט: יאַס, טשערנאָוויץ און קאָלאָמיי. וועלכע מעטריקע איז די אמתע? איך מיין, אַז די מעטריקע, געשריבן אַליין פון דיכטער מיט זיין אייגענער האַנט און האַרץ.

ווייל ווען מען הערט זיך אַריין אין דער מוזיק פונעם רוב מאַנגערס לידער, פאַרנעמט מען באַלד דעם זיפץ פון פאַרזאָרגטע, פאַקוציער פּראָסטע יידן און באַלד זייער לאַך מיט טרערן; מען דערהערט דעם סקריפּ פון בעל־שם־טובס וועגעלע, געפּירט פון זיין סטאָפּטשעטער זיידן און דעם קרעכץ מתוך שמחה פון די חסידים, ווייל „הייליק איז די וועלט און דריי

מאָל שיין״. און דאָס אייניקל, דער וואָזשנער קנאַקער אין גראַמען, קומט אָפט צו גאַסט קיין קאַלאַמיי, ווו ס׳וואַרטן אים אָפּ אויף דער סטאַציע די געהויקערטע צוויי שאָטנס פון זיין באָבע און זיין זיידע. זאָגט די באָבע: „אין זיינע גראַמען ציטערט און וויינט די נשמה פון זיין מאַמען״.

מאַנגער איז אויסגעוועז אַ וועלט. חלילה, נישט פון תענוג וועגן און נישט אויס לוקסוס. אָבער זיין „גאָלדענע פּאַווע״ צוזאַמען מיט זיין גע־קרוינטער שניידער־משפחה, צוזאַמען מיט אונדזערע אָבות־אַבותינו, פליט נאָר אויף די וועגן פון קאָלאָמיי קיין ווין, אָדער פון סטאָפּטשעט קיין קאָלאָמיי, און קומט נישט אַרויס אויסער דער דאָזיקער ליניע.

אַפּראָפּאָ האָמער: זאָל קיינעם נישט פאַרגלוסטן צו פאַרגלייכן מאַנגערן מיט אים. ווייל מען קען נישט געפינען קיין ענלעכס צווישן אַן איינגעזע־סענעם, געזונטן פאָלק ביים ים און דעם יראת־שמים און יראת־גוים־ייד אין אָרעמען קאָפּוציע, אין די קאַרפּאַטן־בערג. אַזוי איז אויך נישט צו געפינען קיין ענלעכס צווישן האָמערישן הומאָר מיט זיין ברייטן און זאַטן העקסאַמעטער און מאַנגערס קורצן און קאַרגן פאָלקסליד אָפט מיט אַ פּאָר־שפּיצטן שמייכל.

דער שלעכטער גורל האָט געוואָלט, אַז די יידן צוזאַמען מיט זייער־נישט־זייערן באָדן זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן; איז געבליבן נאָר זייער געזאַנג און געוויין אין מאַנגערס לידער.

און דערפאַר ווייל זיין ליד איז אמתדיק און שיין, וועט עס געזאָגט און געזונגען ווערן מיט פאַרשידענע מעלאָדיעס עד סוף כל הדורות.

אין „בית־התלמיד״

אין יאָר 1961 איז געקומען מאַנגער קיין ישראל. עס איז גראָד אויס־געפאַלן זיין 60סטער געבוירנטאָג. דאָס מאָל האָט די מחלקת התרבות פון פתח־תקוה אָרגאַניזירט פאַר אים אַן אָוונט אין „בית־התלמיד״. עס האָבן וועגן מאַנגערן געלייענט רעפעראַטן אויף עברית, זכאי, יוסף חנני און י. צ. שאַרגעל. מיינע עטלעכע ווערטער אויף יידיש האָב איך געלייענט אויף דעם באַנקעט:

...אויף מעדיצין ווערט געזאָגט, ווי אויף איינגעמאַכטס, אַז מען זאָל זי נישט באַדאַרפן. קען מען אויך אַזוי זאָגן אויף דיכטונג? אַוודאי און אַוודאי נישט. ביידע געפינען זיך אין דער ספערע פון קונסט. ביידע הערן זיך אַריין אין גורל פון מענטש, אין זייערע ליידן און אין זיינע פריידיקע מאָמענטן. ביידע האָבן ליב דעם מענטש און ווילן אים העלפן...

ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, באַרירט און באַהויכט יעדן איינעם דאָס וואָרט פונעם דיכטער. צי מען הערט זינגען איציק מאַנגערס ליד „אויפן וועג שטייט אַ בוים", צי „רבינו תם", צי מען לייענט זיינע חומש־ און מגילה־לידער, איז — ווי מאַנגער זאָגט עס אַליין:

אַ זמר מאַכט תמיד ליכטיק
די ערגסטע פינצטערניש.

נישט פילפולדיקע אַנאַליזן, נישט פילאָלאָגישע ספעקולאַציעס מאַכן דעם דיכטער נאָענטער צום מענטש. נייערט זיין אייגענער מיסטישער כוח, וואָס קען אונדזער געמיט באַוועגן ביז דער גרעסטער הנאה. דעם כוח פאַרמאָגט מאַנגער.

און דערפאַר בלייבט ער אין גייסט־פילטער אויבנאָן, און וועט בלייבן אויף דורות. טאַקע אויף יידיש, וואָס איז בבחינת סטראַדיוואַריוס פאַר מאַנגערן. אָן שאָדן חלילה פאַר עברית. ביידע שפּראַכן זענען געגאַנגען געאָרעמט, ווי חתן־כלה, דערנאָך ווי מאַן און ווייב, אַ מאָל זיך געוועורטלט און אַ מאָל געקושט. און תמיד איז די רייד וועגן שלום־בית. צוליב וואָס? מאַנגער ענטפערט:

ביי לאַנגע הילצערנע טישן זיצן פּראָסטע יידן און זיי הערן:
אַט זיפצן זיי פאַרזאָרגטע און, אַט לאַכן זיי מיט טרערן.

מאַנגער רופט אָן זיין לעבן אַליין — אַ באַלאַדע: ס'איז טרויעריק און שיין, און אויף זיין וואָגל גייט אים תמיד נאָך אַ מלאך, אַ מאָל אַ פריילע־כער, אַ מאָל אַ טרויעריקער. איז מאַנגער דערפאַר חלילה אַ פעסימיסט? אָבער־וואָ! ווי קען דאָס זיין, אויב ער זאָגט, אַז:

גאָט טרויערט איבער קברים נישט,
גאָט פרייד זיך מיט דער וויג.

און מיט אָט דער בענקעניש נאָך דער וויג, קומט מאַנגער אָפט צו אונדז קיין ישׂראל. ס׳איז ווייניק נאָר נאָכצוזינגען מאַנגערס ליד:

אַז ווויל איז צו דעם, וואָס גייט אַהיים
נאָך יאָרן זיין אין דער פרעמד.

מען דאַרף אים העלפן, ווי מען העלפט אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, כּדי ער זאָל קענען שעפּריש און זאַט לעבן צווישן אונדז די צווייטע העלפט, וואָס ס׳קומט אים נאָך ביז 120. וואָס פאַראַ פּאַטענט פאַרלאַנגט דען מאַנגער?

אַז די גאָלדענע פּאַווע מעג פליִען איבערן לאַנד
און טראָגן די ליבע־גרוסן פריי פון קאַנט צו קאַנט.

מיר קענען בויען שטעט, פלאַנצן וועלדער, געפינען גאַז, אָבער מאַכן דיכטער קענען מיר נישט. דער אמתער דיכטער קומט צו אונדז איין מאָל אין אַ יובל. און דערפאַר מוזן ענדערן די טאַקטיק, די וואָס נעמען אויף „עולים־חדשים״: מקרב־זיין און נישט פאַרטרייבן.

מיט מאַנגערן אין וואַרשע 1948

אין אַ שבת נאָכמיטאָג פון יאָר 1961, האָב איך געהערט אַ שוואַך און צעהאַקט קול דורכן טעלעפאָן: איך וויל זיך זען מיט דיר; איך פאָר צוריק.

פריינד טיקאָטשינסקי איז מסכּים צו פאָרן מיט מיר קיין רמת־אביב און ברענגען מאַנגערן צו אונדז. אין איילעניש פאַרבעט איך אַ ביסל געסט אויף דעם זעלבן אָוונט. אַלע, וואָס זענען געקומען, האָבן אַוועקגעשטעלט

אַ פלאַשקע מיט משקה. ביים לחיים, לאָזט זיך אויס, אַז מאַנגער טרינקט־נישט. די ווייסע פלעשלעך זענען פאַר בושה רויט געוואָרן און די רויטע פאַר כּעס בלאַס געוואָרן. יעדער זאָגט אַ וואָרט, אַ ווערטל. מען נעמט זיך ציִען: אויפן וועג שטייט אַ בוים, שטייט ער איינגעבויגן... מען וויל מאַנ־גערן אויפהויבן. מען דערציילט עפּיזאָדן אין צוזאַמענהאַנג מיט אים אָדער מיט זיינס אַ ליד, מען בעט זיך ביי אים: זאָגט עפּעס, מאַנגער! פּאָעטן זענען תּמיד יונג...

אַ שווייגנדיקער, אַ מידער האָט ער אַרויסגעצויגן פון אַ טעקע זיין פּראָזע־בוך „נאָענטע געשטאַלטן", אויפגעמישט אויף זייט 499 און געגעבן מיר צו לייענען. דער עסיי הייסט: „מיין באַגעגעניש מיט אָדאַם מיצקיע־וויטש". „אין אַפּריל 1948, פּונקט צום „פינפטן יאָרטאָג פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָט מען אַנטהילט דעם וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל". אַ טאָג פאַר דער אייגנטלעכער צערעמאָניע איז פאַר אַ קליינער צאָל איינ־געלאַדענע פאָרגעקומען די דערעפענונג פון דעם ניי־געשאַפענעם יידישן מוזיי, וואָס ס'האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דער קונסט־קריטיקער יוסף מאַנדל. דער מוזיי האָט פאַרנומען צוויי צימערן אין אויפגעפרישטן געווע־זענעם יודאַיִסטישן אינסטיטוט. דאָס איז געווען דער איינציקער בנין אין דער געגנט, וואָס איז געבליבן גאַנץ. צווישן די מלוכהשע פאַרשטייער זע־נען געווען דריי גרויסע יידישע פּאָעטן: איציק מאַנגער, וואָס איז געווען דער דעלעגאַט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און געקומען פון לאָנדאָן; אברהם שלאָנסקי, דער דעלעגאַט פון ישׂראל און יוליאַן טובים. מאַנגער איז געווען געשפּאַנט און האָט מיט זיין רעדע געשפּאַנט די צוויי מבֿינים געסט. אין דעם עסיי שרייבט ער, אַז ד"ר קליין, אַ באַקאַנטער פון פאַר דער מלחמה... האָט מיך אָוועקגערופן נאָך מיין רעדע און מיר פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן כאַפּן אַ טרונק, אפשר אַ ביסן. זיך אַ ביסל באַרויִקן. אַרויס פון דעם צעשרויפטן צושטאַנד. ס'האָט נישט קיין זין צו לאָזן די נערוון אויף הפקר".

אָבער קודם־כּל בין איך, נאָך אַ גענוג שווערן שפּאַציר איבער שטיי־נער און אָפּפאַל אַריין מיט מאַנגערן אין אַן אַפּטייק און פאַרבונדן אים מיט זאַלב עטלעכע פינגער, וואָס ער האָט זיך אָפּגעבריט: ער האָט געלאָזט אַ ליכטל ברענען און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. האָט זיך זיין קישן אָנגעכאַפּט,

האָט ער עס געלאָשן מיט די פינגער. דאָס איז געווען אַ נאַכט פאַר זיין אַרויספליִען פון לאָנדאָן קיין וואַרשע. דערנאָך זענען מיר אַוועק זוכן אַ רעסטאָראַן. אומעטום איז געווען פול. זונטיק. אַ העפלעכער פּאָלאַק האָט אונדז פאַרבעטן צו זיין טיש. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט און דער פּאָלאַק האָט געזאָגט זיין נאָמען: אַדאַם מיצקיעוויטש. און ווען ער איז שוין געווען גאַנץ שיכּור, האָט ער געזאָגט: „...די דייטשן האָבן געטאָן אַ וויל שטיקל אַרבעט מיט דעם, וואָס זיי האָבן ליקווידירט די יידן. איין זאַך קאָן ער זיי נישט מוחל זיין: איר ווילט אויסשיסן די יידן, נעמט זיי אַראָפּ צו דער ווייסל און שיסט זיי אויס. וואָס זענען שולדיק די פּוילישע הייזער, פּויליש פאַרמעגן?...“ מאַנגער שרייבט ווייטער: „...איך האָב זיך אויפגע־הויבן פון בענקל. ד״ר קליין, וואָס האָט איבערזעצט דעם געשפּרעך פון פּויליש אויף יידיש און פאַרקערט, האָט זיך אויך אויפגעהויבן, גרייט צו פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן. איך האָב געהייסן מיין פריינד איבערזעצן פאַרן פּאָליאַק וואָרט ביי וואָרט: „אַז ער איז אַ שיכּור און אַן אַנטיסעמיט זע איך, נאָר אַז ער הייסט אַדאַם מיצקעוויטש, גלויב איך נישט״.

אגב, ביי דער מוזיי־דערעפענונג האָב איך זיך געטראָפן מיט בערל מאַרק, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז „מיין אוקראַיִנישער אַלבאָם“ געפינט זיך אין דער יידישער ביבליאָטעק. ער האָט אין אַ שבת־נומער איבערגע־דרוקט אין „נייעם לעבן“ אַ טייל דערפון. אויך האָב איך באַגעגנט זיך מיט אליעזר אונגער, אַ ישׂראל־דעלעגאַט פון „מזרחי״. ער האָט וויינענדיק דער־ציילט, אַז ער האָט פון מיין שטוב פאַרקויפט אַלע ווערטזאַכן: ווען איך בין מאָביליזירט געוואָרן אין 1941 האָב איך אים איבערגעגעבן די שליסל. מיין פרוי און קינד זענען געווען ביים שווער. מער האָב איך זיי נישט גע־זען. ביים געטאָ־דענקמאָל האָבן די אַלע ווונדן ווידער אָנגעהויבן צו בלוטיקן.

איצט פֿאַר איך זיך וואַלגערן אין דער היים...

אָ, מאַמע מײַנע, מידקייט, איך בין מיד,
פֿון גוי, פֿון ייד, פֿון לײַדן און פֿון ליד
פֿון מיר פֿון דיר, פֿון שײַן און פֿון געוויין...

אין יאָר 1965 קומט מאַנגער פֿון ניו־יאָרק אויף דער פּרעמיערע פֿון זיינע „מגילה־לידער". אַ נס אין ניסים־לאַנד: יונג און אַלט גייען זען און הערן דעם סטיליזירטן פּורים־שפּיל אויף יידיש. און מאַנגערס אייביקער חלום איז גאָר אמתע רעאַליטעט...

ווערט אים פֿאַר פֿרייד דאָס לשון אָפּגענומען. מען פֿאַרשטענדיקט מיך, אַז ער ליגט אין „איכילאָוו". פֿאַר איך מיטן דיכטער רובינליכט צו אים. מאַנגער ליגט, שווייגט, שמייכלט. פֿרייט זיך, גלעט מיך מיט די אויגן און מיט דער באַוועגלעכער האַנט. איך טרייסט אים: דאָס אַלץ גייט אַריבער און מיר וועלן זיך נאָך זען אין פֿריידן.

און באמת: נאָך עטלעכע חדשים הער איך ווידער זיין שוואַך און צעהאַקט קול אין מיין טעלעפֿאָן: איך וויל זיך זען מיט דיר. זענען מיר מיט יוסף בר־אל געפֿאָרן צו אים קיין רמת־אביב. ער זיצט, ער גייט צו ביסלעך, ער פֿרעגט, ער ווייזט אונדז די דייטשע איבערזעצונג פֿון זיין בוך „דאָס בוך פֿון גן־עדן". מיר דעקן אויף פֿאַר אים זיין איצטיקן האָראָס־קאָפּ: אַלץ איז דאָ פֿאַר אים: ליבשאַפֿט, געלט און כּבוד. בלייבט אים נאָך צו ווינטשן אַ רפֿואה שלימה. און געניע נאַדיר גיט צו פֿון איר זייט שטאָלץ; ווען מאַנגער וואָלט נאָר געווען, נישט מער ווי מיין מאַן, וואָלט איך אים גענומען צוריק קיין ניו־יאָרק. אָבער ער געהער דאָך דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, קען איך נישט נעמען אויף מיר אַזאַ אחריות און פֿאָרן מיט אים אין די שווערע ווינטער־חדשים קיין אַמעריקע... וועלן מיר שוין איבערווינטערן דאָ.

און דערנאָך דאָך צוריקגעפֿאָרן, דאָרט האָט זיך זיין געזונט־מצב ווי־דער פֿאַרערגערט. נישט דאָס וועטער האָט עס געמאַכט, נאָר די עלטער.

און מאַנגער גלויבט, ווי יעדער וואָס ליידט, אַז נאָר אין ישׂראל האָט מען אים געהאָלפן, וועט מען אים אויך דאָס מאָל העלפן. מיט דער הילף פון אונדזער פּרעזידענט זלמן שזר, וואָס איז דיכטער אויפן כסא־המלכות און האָט אין מאָמענט פון השתפכות־הנפש ליב אַליין אָנצושרייבן אַ ליד אויף יידיש, איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן מאַנגער מיט זיין פּרוי קיין ישׂראל.

„איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים...״

איצט געפינט ער זיך אין גדרה, אין הויז פאַר כראָניש־קראַנקע.

— — — — — — — — — — — — —

אַמאָל האָט ער געשריבן:

„אויב לעבן הייסט וואָגלען, הפקר־זיין און וויסט,
טאָ שלייַדער איך מיין שם אין אַ קופּע מיסט.
כ׳וויל נישט דיין גוטסקייט, לאָז מיך אויסגיין דאָ אַליין״.

המשורר איציק מאַנגער — בלתי־ידוע

נאָך דעם, ווי אין אַ שבת, אין אָקטאָבער 1961, איז אומפּאַרהאָפט מאַנגער געקומען צו מיר קיין פּתח־תקוה, האָב איך עטלעכע טעג שפּעטער געשיקט אים אַ בריוו בזה הלשון:

„ליבער מאַנגער!

שבת, ווען דו ביסט געווען ביי מיר, האָבן מיר פאַרגעסן צו גיין אין שבת־שענק קיין וואַרבעזש, ווי אונדזערע טאַטעס פלעגן טרינקען ביר מיט אַרבעס.

מיר האָבן נאָר אָפּגעטרעטן ביי אַלוויילן מיט דיין פעטער יאָסל טאַפּעצירער.

און ווידער פאַרגעסן צו מאַכן דיר אַ באַנקעט מיט די פּני פון דער שטאָט.

און ווער וועט זינגען אויף דעם באַנקעטעלע? נישטאָ מער מיין ברודער מלך.
זיי נאָר געזונט — דאָ אין ישׂראל איז אַפּילו די לופט מעדיציניש.
און שרייב מיר, וועל איך צורעכטמאַכן, וואָס ס׳לאָזט זיך.
און אַ באַנקעט זאָל זיין ביי מיר! מיט מוזיק: מאיר נוי (זינדל נוי־מאַנס אַ זון פון קאָלאָמיי). פאַרשטענדיק מיך ווען דו ווילסט און איך וועל דיר זאָגן, ווען מען קען.

זיי געזונט, דיין...

פּ. ס. איך האָב אַ מאָל אויסגענוצט דיין פאַרסטריגתא און אים פּלאַץ געמאַכט אין מיין סאַטירע. שיק איך זי דיר צו".

פאַר די לייענער וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז די סאַטירע „ויזתא און פאַרסטריגתא" איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג „נידערשלעזיע" (ווראָצלאַוו). דאָרט ווערט דערציילט, אַז ויזתא האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריקל און געוואָרן אַן אחשורוש־מיניסטער. האָט מען אים געשיקט צום רייכן פעטער קיין אַמעריקע אַ בלאָף־צו־טאָן. אין אַ ווינקעלער איז אים געפעלן געוואָרן עפּעס אַ יונג מיט ביינער, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ כּוסה. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גראָד געווען פאַרסטריגתא, וועלכן מיר קענען פון מאַנגערס מגילה; ויזתא האָט געמאַכט מיט אים אַ לחיים און ס׳האָט זיך פאַרבונדן ביי זיי אַ געמיטלעכער שמועס.

דעם בריוו מיט דער סאַטירע האָב איך אַדרעסירט, ווי מאַנגער האָט מיר אָנגעגעבן:

„לכבוד
המשורר איציק מאַנגער, רמת־אביב, רח׳ רידינג 27".

נאָך עטלעכע טעג האָב איך באַקומען דעם בריוו צוריק מיט אַ חתימה נומער 3:

בלתי ידוע (אומבאַקאַנט)
להחזיר (צוריקשיקן).

דעם אָריגינאַל מיט דער סאַטירע האָב איך געשיקט צו שלום ראָזענ־פעלד און ער וועט עס איבערגעבן דעם „מאַנגער־מוזיי" ביי דער העברעיִ־שער אוניווערסיטעט, ווו יעדער וועט קענען זען, ווי דער גרעסטער דיכטער איז געווען אַ לאַנגע צייט און ביי אַ סך לייט דאָ: בלתי ידוע!

דאָס „מאַנגער־צימער"

מאַני לייב זאָגט אין זיין סאָנעט „חברשאַפט":

„דיין נאָמען וועלקט פון דיין מצבה־שטיין.
...נאָר דער, וואָס האָט דיך ליב, געפינט
דעם וועג צו דיר. ווייל דער, וואָס האָט אַליין
מיט דיר געטרונקען פון דעם זעלבן ווייַן
פון חברשאַפט און פון דער זעלבער גלאָז,
דער קומט דאָך אַ געטרייער ווי אַ מאָל
צו דיר,צו הערן נאָך אַ מאָל דיין קול".

האָב איך זייענדיק אויף דאַטשע אין „ארזה" (לעבן ירושלים) צוזאַמענ־גענומען אַ האַלבן מנין יידן און יידענעס, וואָס קענען נישט אַליין דאַווענען אין מאַנגער־סידור, און געפאָרן מיט זיי כּדי צו „זען" און „הערן" מאַנגערן אין זיין „מוזיי", וואָס געפינט זיך אין דער אוניווערסיטעט־ביביאָטעק אין ירושלים.

אויפן וועג, איבערן הויף צו דער ביבליאָטעק, האָבן מיר אָנגעהויבן פרעגן. קיין איין סטודענט האָט נישט געוווּסט ווו און וואָס איז דאָס אַזוינס „מאַנגער־מוזיי". אַפילו דער מאַן, וואָס שטייט אין „מודיעין" האָט נישט געוווּסט, וואָס מיר ווילן פון אים. לעבן אים געפינט זיך נישט קיין טאָוול, אויף וועלכן ס'זאָל זיין אויסגעשריבן וואָס און ווו צו זוכן אין דעם ביבליאָ־טעק־בנין. האָבן מיר זיך געפרעגט אויף אַ קאַטאַלאָג, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ וועגווייזער אויך פאַר דעם מאַן פון „מודיעין" און אַוודאי פאַר דעם

היגן און פרעמדן זוכער. ווען איך האָב אים שוין צופיל געגודיעט, האָט ער מיך געשיקט אין סעקרעטאַריאַט. דאָ האָט אַ פרוי, אַ ביסל שעמעוודיק, געשוויגן און מיך געפירט אין אַן אַנדערן צימער און אויפן אויער פון אַ שיין, יונג מיידעלע עפּעס איר אַריינגעזאָגט און איז צוזאַמען מיט אונדז אַרויפגעפאָרן מיטן ליפט, און ווידער צו אַ פּקיד, וואָס קלייבנדיק דעם שליסל צווישן אַ גרויסן פּאַק שליסלען געזאָגט, אַז וועגן מאַנגערן ווייסט ער גאָרנישט, יידיש קען ער נישט און די פרוי, וואָס סעגרעגירט דעם מאַנגער־אַרכיוו איז געלעגן־געוואָרן (אין אַ גוטער שעה!).

האָב איך מיך גענומען צו דער „אַרבעט". ערשטנס, האָב איך געקענט זיך באַרימען מיט דעם סקולפּטאָר, וואָס איז אַ דענטיסט אין מיין פּתח־תקוה, חיים טייטל הייסט ער. אויבן־אָן שטייט אַ מאַנגער־קאָפּ, וואָס ער האָט געמאַכט און געשענקט פאַרן מוזיי. דערנאָך האָב איך זיי געוויזן מאַנגערס ביכער. אין בוך „נאָענטע געשטאַלטן" האָב איך געפונען דעם עסיי „אַדאַם מיצקיעוויטש", ווו מאַנגער דערמאָנט מיין באַגעגעניש מיט אים אין וואַרשע אין יאָר 1948 ביי דער דערפעגונג פון יידישן מוזיי אונטער דער פירונג פון יוסף סאַנדל. און אַז עס איז מיר שוין געגאַנגען וועגן זיך, האָב איך אָנגעהויבן שפּרעווען אין די קאַרטאָטעק־קעסטלעך, און טאַקע געפונען אַלע מיינע אַרטיקלען וועגן מאַנגערן („מאַנגעריאַדע"), מיינע און זיינע בריוו. מיין פרוי האָט זיך דערפרייט דערזעענדיק אַ בילד: מאַנגער און איך אין וואַרשע. און אָט איז אַ בילד ווו מיר געפינען זיך אויף אַן אָוונט ביים פאַרטיילן דעם „מאַנגער־פּרייז". איך האָב געפיבערט, ווי אַ חסידישער בעל־תפילה און אָנגעשטעקט דעם האַלבן מנין מיט התלהבות פאַר דעם פּאָעט איציק מאַנגער.

האַרט ביים אַרויסגיין פון "זיין" צימער האָב איך געפונען אין זיין בוך „ליד און באַלאַדע" זיין אייגענעם עפּיטאַף און מיט ציטער אים פאַרגעלייענט פאַר דער גרופּע:

„דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל
צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט.
דער שניידער־געזעלן, בראָדיאַגע און פּאָעט,
דער אויף תמיד־פאַרשטומטער לידערקוואַל".

מאַנגער אין לאָנדאָן

און אַזוי זענען מיר געגאַנגען איבער שטיינער און אָפּפאַל פון יידישן לעבן אין וואַרשע. דער וועג איז שווער און טרויעריק און שווייגנדיק. נאָר פּאָליאַקן ביי די זייטן רעדן: מע האָט זיי געברענט און געבראָטן און זיי זענען ווידער דאָ! צען יאָר האָט מאַנגער געלעבט אין וואַרשע (1928 — 1938). מיר לערנען זיך טרעפן, אַוווּ מיר האָבן אַ מאָל געוווינט. אויך לאָנדאָן, זאָגט ער, האָט געליטן, אָבער נישטאָ קיין פאַרגלייך. אַ צייט לאַנג האָט ער געבידעוועט און געבענקט נאָך אַ בוך, נאָך אַ מענטש. פלעגט ער גיין פון צייט צו צייט צו דעם גרעסטן ספרים־געשעפט און שטיין פאַר די אויסשטעל־פענצטער און לייענען די ערשטע זייטלעך פון די ניי־געדרוקטע ביכלעך. די באַלעבאָסטע פון געשעפט האָט שוין פון לאַנג געזען דעם אויסגעהונגערטן נאָך ברויט און בוך תמיד ביי אירע פענצטער. דער דאַרער מאַנגער האָט, זעט אויס, אויסגעשטראַלט מיט געהיימע שטראַלן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער איידעלער ענגלישער פרוי.

איין מאָל איז געפאַלן אַ שטאַרקער רעגן און מאַנגער שטייט פאַרן פענצטער און באַמיט זיך צו לייענען זיין טעגלעכע לייענונג. האָט די באַלעבאָסטע אים אַריינגערופן אין געשעפט, אַוועקגעזעצט אים, ווי אַ טייערן קונה, דערלאַנגט אים אַ וואַרעמען טרונק און אַלע ביכער, וואָס אינטערעסירן אים. מאַנגער מאָלט מיר אויס, אַז אין דעם געשעפט איז געווען אָפּטיילונגען פאַר אַלע מין פאַך־ביכער און איבעראַל פלאַץ צו זיצן און איבערקוקן די פאַרלאַנגטע ביכער.

מאַנגער האָט גערעדט וועגן דער ענגלישער פרוי מיט מתיקות. זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך, געשיצט אים פאַר די דייטשע באָמבעס, געגעבן אים עסן און געהאָלפן אים לייענען ענגליש.

דאָס איז די פּראָזע, דערציילט ביים באַגעגעניש מיט מאַנגערן אויף חורבות פון וואַרשע אין אַפּריל 1948. אין טאָג פון מאַנגערס סטאַקאַטאָ האָב איך געהערט אַ פּאָעטישע מעשׂיה, וואָס מיט טראַגישקייט און פאַנטאַסטישער ליבע דאָס לעבן אַליין האָט אויסגעמייסטערט. לאָמיר ענדיקן דעם גרויסן

נס, וואָס איז מיט אים געשען, מיט דעם סוף פון די מעשׂיות וועגן הערשל זומערוווינט.

„פון דער מעשׂיה איז צו זען, ס'איז גרויסן און גוטן גאָט מיר האָבן. אויב ער האָט געקענט מציל־זיין און העלפן אַזאַ ליידאַק, ווי הערשל זומערוווינט, וועט ער אַוודאי מציל־זיין אַלע ערלעכע און גאָטספאָרכטיקע יידן, וואָס פאָלגן גאָטס געבאָטן און גייען אין זיינע וועגן. אָמן סלה".

שטערן אין שטויב

די נאָבעלע פרוי און פיינע נאָוועליסטקע רבקה רוס, האָט אין אַ שיינעם שבת אין דער פרי געבראַנגט צו מיר איציק מאַנגערן.

ער איז דאַר, בלייך און שוואַך, אָבער פריי, פריינטלעך און באַרעדעוו־דיק. זיצן מיר ביים טיש און שמועסן. מיר דערמאָנען אַלטע באַקאַנטע, מענטשן און געשעענישן וואָס בינדן אונדז מיט קאָלאָמיי, וואַרשע און אַציגד מיט ישׂראל. ער דערמאָנט אונדזער בן־עיר אלכסנדער גראָנאָך; מאַנגער האָט זיך מיט אים געטראָפן נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. פאַר וואָס צוריקגעקומען? האָט ער נישט געוואָלט דערציילן. מאַנגער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע שלאָפקייטן, זיך באַראַטן וואָס צו טאָן, איך האָב אים פאָרגעלייענט מיין הומאָרעסקע „געבליבן אָן פליגל" האָט ער מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך זאָל צוגעבן וועגן פיינעם מענטש, אַז ער זאָל גאָרנישט וועלן זיך אומקערן פון חלל אַלס פערד, ווייל אַ פערד דאַרף קענען לויפן און מאַכן...

נישט ווייט פון מיין דירה האָב איך אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, כּדי אָפּצופירן מאַנגערן קודם קיין תל־אביב און דערנאָך קיין רמת־אביב, וווּ ער וווינט ביי זיין שוועסטער. איך פרעג דעם שאָפער: איר ווייסט מיט וועמען איר פאָרט? מיט איציק מאַנגערן! דער שאָפער, אַ פאָלקסמענטש פון טשאָרטקאָוו, וווינט אין רמת־גן ווערט מלא שׂמחה און מלא רייד: אַזאַ כּבוד! ער נעמט נישט מער קיינעם אויפן וועג. ער וויל רעדן מיט מאַנגערן. נאָר צוויי יונגע אָפּיצירן לאָזט ער אַריין אָן געלט. ער וועט

אָפּפירן מאַנגערן ביז רמת־אביב. איך פרעג די צוויי אָפּיצירן, צי זיי ווייסן ווער איציק מאַנגער איז.ביידע זענען זיי סאַבּרעס. איינער פון בולגאַרישע עלטערן, דער צווייטער פון פּוילישע. און דווקא דער בולגאַרישער נעמט אַרויס אַ „מוסף ספרותי" מיטן בילד פון מאַנגערן און מיט זיינס אַ ליד אין עברית־איבערזעצונג. דער פּוילישער שעמט זיך נישט און זאָגט, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געהערט פון מאַנגערן. דער שאָפער צעקאָכט זיך: אַ מאָל איז געווען אַ יידישער שרייבער, אַ יידיש בוך אַ יום־טוב אין שטעטל. מאַנגער פאַרגלעט דעם וויכּוח: אין דער יידישער מדינה, זאָגט ער, איז דאָ אַ נייער אינהאַלט פאַר דער יוגנט: ספּאָרט, מיליטער, טעכניק.

און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין רמת־אביב. זיין שוועסטער איז פאַרביטערט. ער הייסט איר דערלאַנגען קאָניאַק מיט צובייסן. אָט דערמאָנט ער זיך אין רייזל זשיכלינסקי, ער האַלט זי פאַר אַן אמתע דיכטערין. מאַנגער האָט צו איר געזאָגט „וואָס האָסטו צו ד"ר קאַנטאָר? ער האָט דאָך מיט דיר חתונה געהאַט אויס ריינער ליבע — צו פּאָעזיע. ער האָט דיך געראַטעוועט פון טויט, אַריינבעמענדיק צו זיינע עלטערן אין קאָלאָמיי, ווען דו ביסט אַנטלאָפן פון וואַרשע און דערנאָך מיטגענומען דיך קיין רוסלאַנד. היינט גיט ער דיר געלט צום לעבן און פון זיווג האָט איר אַ זייער געלונגענעם זון..."

אַנטקעגן וווינט ד"ר מ. וויכערט, בין איך צו אים אַריין. ער מיינט, אַז מאַנגער האָט געדאַרפט צו אים אַריינקומען, אָדער מיט אַ צעטעלע אים פאַרבעטן צו זיך. וויכערט פילט זיך געטראָפן פון מאַנגערס דערווייטערן זיך פון אים. ער דערציילט מיר וועגן טעותן און פאַלשע נקמה־אַקטן בשעת דער אָקופּאַציע און נאָך איר. ער ווייזט מיר זיין אַרכיוו: צווישן אַנדערע מאַטעריאַלן אויך אַ פּעקל בריוו פון שלום אַש. אויף דעם פּעקל איז אויפגעשריבן: אַרויסגעבן די בריוו זאָל מען ערשט 20 יאָר נאָך וויכערטס טויט. אין דער הקדמה האָט ער געשריבן פאַרוואָס אַזוי שפּעט. וויכערט מיינט, אַז ס'איז דאָ אַן אָרט פאַר אַ גוטער יידישער ליטעראַרישער צייטונג, עס פעלט אָבער די פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל קענען אַרום זיך קאָנצענטרירן די שעפערישע כּוחות.

ווען איך בין צוריקגעקומען איז מאַנגער געזעסן אַן אומעטיקער, ער קלאָגט זיך, אַז אין ניו־יאָרק לאָזט מען אים צו גאָרנישט נישט צו, מע

דרוקט אים נישט. עס זענען — זאָגט ער — פאַראַן דאָרט עטלעכע „הויפזינגערס" לויבן זיי זייערע מענטשן און זיך... אַצינד וויל ער זיך באַזעצן אין ישׂראל. „מען" זאָל אים נאָר פאַרזיכערן אַ מינימום עקזיסטענץ...

נאָך אַלעמען שטייען מיר פאַר אַ פענאָמען: פון איין זייט דער עבר; די עלטער, די קרענק, דער וויסטער גורל פון יידיש, די איינזאַמקייט, דער־ביי דער דראַנג צו לעבן און שאַפן. איז עס נישט אומעטיק? ווי זאָגט עס מאַנגער?

„...די שטערן וואָס האָבן געפינקלט אויפן דאַך, וואַלגערן זיך איצט אין שטויב".

מאַנגער געהערט דעם יידישן פאָלק

אין יאָר 1968 האָב איך געלייענט, ווי אַזוי עס פאַרענטפערט זיך דער שריפטשטעלער ש. טענענבוים: פאַר וואָס ער איז נישט געווען ביי לייוויקן אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז געלעגן קראַנק און שטום. טענענבוים שרייבט: „...דער מענטש וואָס לײַדט, איז אַן אומהיימלעכע בריאה. עס איז פשוט שווער צו שטיין אין זיינע ד' אמות. עס גייט אַ פייער פון זיינע ווונדן. עס טריפט אַ בראַנדיקער ווינט פון זיין יסורימדיקן פלייש. עס לויפט אַ שׂריפה פון זיין צעבראָכענעם האַרץ. מיר האָבן מורא פאַר זיין שטרענגן בליק..." שׂרה לייוויק האָט ביי אַ געלעגנהייט געפרעגט: פאַר וואָס זענט איר די גאַנצע צייט נישט געקומען? לייוויק איז דאָך געווען גוט צו אייך.

ווייזט אויס, אַז טאַקע דערפאַר האָבן אונדזערע חכמים אַריינגעשטעלט אין צעטל פון מצוות דעם ביקור־חולים. ס'איז טאַקע שווער צו קוקן אויף יענעמס יסורים, דערצו נאָך פון אַ פריינד און פון דעם געליבטסטן פּאָעט. דערצו נאָך אַ מענטש פון פאַך, וואָס ווייסט, אַז פון דער קרענק איז נישטאָ קיין אויסוועג.

נאָך דער העמיפלעגיע בין איך געווען ביי מאַנגערן אין שפּיטאָל, דער־נאָך אין רמת־אביב. די אויגן האָבן אים געשיינט, מיט איין האַנט מיך געגלעט. אַלע ווערטער, וואָס מען זאָגט פאַר דעם קראַנקן, פאַרגרעסערן

דעם חשק נאָך אַ ביסל צו לעבן. גרויסן האָב איך איבערגעשיקט מיט פּאָסט און מיט באַקאַנטע. געווען אין בית־טשערניכאָווסקי ביים צוטיילן מאַנגערן אַ ליטעראַטור־פּרייז און איבערגעשיקט מיט געניע נאַדיר אַ רפואה־שלימה פאַר מאַנגערן.

די שריפטשטעלערין רבקה רוס פלעגט נעמען ביי מיר דעם נייעם נומער „פּראָבלעמען" ווו איך האָב געדרוקט קאַפּיטלען פון מיין „מאַנגע־ריאַדע" און דערמיט פלעגט זי פאָרן צו אים און פאָרלייענען פאַר מאַנגערן און אַ מאָל פאַר געניען, אַ מאָל פאַר שיינדלען מיינע אַרטיקלען. יעדע איינע פון זיי פלעגט פרעגן מאַנגערן, צי ס׳איז אמת. פלעגט ער הוידען מיטן קאָפּ אויף יאָ מיט צופרידנקייט. ס׳איז דאָ אַ חשד, אַז זייט דעם אַרטיקל וועגן רחל אויערבאַך און מאַנגער אין וואַרשע, האָט געניע נאַדיר זיך אָנגעצונדן מיט ווייבערישער אייפערזוכט און כעס. וואָס וועט זיין, ווען זי וועט לייענען וועגן דער איידעלער ענגלישער פרוי?

ווען כ׳האָב אַ מאָל געהערט געניען זאָגן, אַז ווען מאַנגער געהערט נאָר איר, וואָלט זי אים איבערגעפירט קיין ניו־יאָרק. ער געהערט אָבער צום גאַנצן יידישן פאָלק. האָב איך געגלויבט איר זאָג און דערנאָך זיך איבער־צייגט, אַז דאָס איז געווען הוילע דעקלאַמאַציע. אַלע דאָקטוירים האָבן נישט געהייסן אים שלעפּן אין דעם מצב קיין ניו־יאָרק.

אַלע, וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן מצב פון מאַנגערן, האָבן באַ־טאָנט, אַז ער איז זשעדנע אַ מענטש. אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז די נאָטיץ פון רבקה רוס וועגן דענטיסט־סקולפּטאָר חיים טייטל אין דער „ישראל־שטימע" און זיין סקולפּטור פון מאַנגערן.

מאַנגערס לעבן פאַר זיך איז געווען אַ באַלאַדע. און אַזוי ווי אַ באַלאַדע איז נישט נאָר שיין, נאָר אויך אמת, איז וועלן מיר זיך טרעפן מיט אים אין גן־עדן ביי אַ גלעזל יין־משומר און דערציילן זיך זכרונות פון ווערבעזש, וואַרשע; וויין און ווייבער...

„ביים וואַסער שטייט אַ ווערבע,
די ווערבע איז איינגעבויגן,
אויף דער ווערבע זיצט אַ סאָווע
מיט גרויסע טרויעריקע אויגן".

„מאַנגער־פּרייז"

(הומאָרעסקע)

(הבימה־זאַל, תל־אביב, 1973)

אַ פרוי (אַליין): דער פּלאַץ איז פריי?

איך: פאַר דעם מאַנגער־פּרייז? ניין! שוין פאַרנומען...

זי: איך פאַרשטיי נישט... כ'האָב דאָך אַ פּראָגראַם!

איך: איז זעצט זיך און לייענט דעם פּראָגראַם!

זי: איך האָב נישט די ברילן...

איך: און די ברילן אויף אייער נאָז?

זי: דאָס איז קעגן דער זון.

איך: די זון איז שוין לאַנג הינטער דער בינע...

זי: איך האָב זיך אָבער שוין צו זיי צוגעוווינט און קאָן נישט אָן זיי אַפילו ביי נאַכט...

איך: איר זענט אינטערעסאַנטער, ווייזט אויס, אין דער שוואַרצער בריל.זי איז ווי אַ מאַסקע, וואָס נאַרט אָפּ...

זי: גיכער נאַרט מען מיך אָפּ... אַוודאי... קודם־כל, איר, די מענער...

איך: אויב אַזוי זיצט רויִק. איר פאַרשטעלט מיר די מענטשן.

זי: דערווייל מוז איך שטיין; אפשר וועט ער מיך דערזען אָדער איך אים. איר ווילט מענטשן, איך וויל איין מענטש. וועל איך אַ גיי־טאָן איבערן זאַל און אים זוכן.

איך: (זי קומט צוריק אַליין) וואָס האָבן עפּעס אייך די וועכטערס גע־טשעפּעט?

זי: זיי האָבן מיר געזאָגט: דרייט זיך נישט, גברת, און געהייסן מיר אויפמאַכן מיין טאַש.

איך: אַוודאי פאַרדעכטיק. עברית רעדט איר שלעכט, פּויליש פאַר־שטייען זיי נישט, שוואַרצע ברילן טראָגט איר, אַ פרוי פון בערך 40 זענט איר. נו אַוודאי, זענט איר פאַרדעכטיקט.

זי: איך האָב שוין מורא צו זיצן לעבן אייך.

איך: האָט נישט קיין מורא. מיין פרוי לעבן מיר און מיין שאַרפע נאָז — היטן מיך גוט.

זי: ס׳ווערט מיר שוין נודנע. לאָזן זיי שוין אָנהייבן! ס׳איז שוין די העכסטע צייט. ווי הייסט די פאָרשטעלונג?

איך: מאַנגער־פרייז.

זי: ווער טרעט היינט אויף?

איך: זינגער.

זי: אַזוי? גדעון זינגער? גלענצנדיק! און ווער נאָך?

איך: נתניה דברת.

זי: וואָס טוט זי אין דער פאָרשטעלונג? שאַט... שאַט... וואָס טוט דאָ זלמן שזר?

איך: ער שפּילט דאָ זיין לעצטע ראָלע. ער איז געקומען זיך געזעגענען. ער וועט שרייען, ווי אַ געטראָפענער לייב און וועט אויפוועקן אַלע, וואָס זענען געקומען אַהער כאַפּן אַ דרימל.

זי: אויב אַזוי איז ער דאָך אַ פּעיִקער אַרטיסט. פאַרוואָסזשע שפּילט ער טאַקע נישט אין דער „הבימה" שטענדיק? ווי, זאָגט איר, הייסט דאָס טעאַטער־שטיק?

איך: מאַנגער־פרייז.

זי: וואָס איז דאָס: אַ דראַמע צי אַ קאָמעדיע? ווער איז מאַנגער? אַ מיליאָנער צי אַ קבצן? איך קען אַלע פרייזן פון מאַרק, וועל איך נאָך איין פרייז קענען. דער פרייז קאָסט מיך גראָד זייער ביליק. ס׳האָט מיר אַ שרייבער אָוועקגעגעבן זיין בילעט...

די פליגל פון חסידות
ביים פּאָעט איציק מאַנגער

1

מיט פאַרגעניגן און פרייד בין איך געגאַנגען זוכן דאָס „גאָלדענע רענדל אין אַ סטויג היי" און כ׳מיין אַז איך האָב עס גע-

פונען (שטערן אין שטויב, 27). דאָס גאָלדענע רענדל ביי מאַנגערן איז חסידות אין דער ריינסטער מיסטישער פאָרעם. אמתע מיס־טיק איז דער העכסטער שטאַפּל פון גייסט, וואָס ווייזט אָן, אַז זי האָט ליב. קונסט קער זיך אָן מיט מיסטיק און ווייזט, ווי אַזוי זי האָט ליב. און אמתע פילאָזאָפיע ווייזט, וואָס זי האָט ליב. ביי אַלע דריי פאָרמען פון גייסט־התגלות איז די ליבשאַפט די זון, וואָס באַשטראַלט זיי (קאָנסטאַנטין ברונער).

„צווישן קאָסעוו און קיטעוו
שטייט אַ גילדענער ברונעם.
אין טיפן, קלאָרן וואַסער
האָב איך אַ זון געפונען.

„דאָס ליכטיקע וואָרט אויף די ליפּן,
דעם גאָלדענעם שיין אין דער האַנט.
איך בין דער לעצטער אַפּאָסטאָל
פון ניי־אַנטפּלעקטן לאַנד. (ליד און באַלאַדע, 70)

די גאָלדענע פּאַווע בעט ביים קייזער נישט מער, נאָר זי זאָל

„מעגן פליִען איבערן לאַנד
און טראָגן די ליבע־גרוסן
פריי פון קאַנט צו קאַנט". (ליד 377)

אין אַ תחינה־געבעט זינגט מאַנגער:

„די גאָלדענע פּאַווע פליט און פליט
ביז זי ווערט אַנטרינען.
באַהיט און באַשיץ זי גאָט,
ווייל זי איז דיינס אַ בשורה". (ליד 431)

מאַנגער זאָגט עס אויך קלאָר:

„**בעל־שם** לויפט דערנאָך צוריק מיט **פרייד** צום ישוב
אָנקלאַפּן אויף טונקעלע ווענט די **בשׂורה**,
אַז הייליק איז די וועלט און דריי מאָל שיין;" (ליד 11)

מאַנגער פירט צוזאַמען דעם מיסטיקער בעש"ט מיט דעם מיסטיקער ישו:

„פון צלם גייט דער געץ אַראָפּ.
באַפריי מיך, **גרויסער מענטש** פון וועג,
די טויזנט ווונדן אויף מיין גוף,
די דערנער־קרוין איז מיין פאַרמעג;"

זאָגט צו ישו דער בעש"ט:

„לייקן אין דיין צלם אָפּ,
טו אויס דעם אָרעאָל פון לייד.
דערקען דעם שטויב, דערקען דעם מענטש —
די בריק צו גאָט, **די בריק צו פרייד**". (ליד 72)

„...**און גאָט איז פרייד**". (שטערן אין שטויב 92)

דער אַלטער רב פון פּאַדעלאַי דאַווענט, דאגהט, זאָגט תהילים:

„און וויי! זיין האַרץ ווערט שווער און פאַרקלעמט
מיט צער דעם הייליקן מיטוואָך פאַרשעמט.
„...ווידוי איז צער און צער איז געוויין
און געוויין פּאַלט אויף דער ערד ווי אַ פלעק,
וואָס גנבעט דעם חן פונעם ווונדער אַוועק". (ליד 155)

אין זיין זיידן פון סטאָפּטשעט זעט ער דעם בעל-שם-טוב:

„אין רויך פון מיין זיידנס ליולקע:
אַ ווייס פאַרשנייט ווינטערפעלד.
דעם בעל-שם-טובס אָרעמע כאַטע
איז דאָס אויער פון דער וועלט".

פון וואַנען שעפּט מאַנגער פאַר זיין דיכטערישן השתפכות-הנפש?

„נאָר אַ שוטה בן שוטה זוכט דיך
אין ספרים פאַרגעלט און אַלט,
כאָטש דו ביסט דאָ בפירוש
אין שטאָט, אין דאָרף, אין וואַלד.

מיט דער שאַרפער וואַלדהאַק אין גאַרטל,
אין דער האַנט די שאַרפע זעג.
אַזוי האָט געלעבט און געוואַנדערט
און געוואַנדערט דער בעל-שם-טוב". (ליד 439)

2

חסידות אין איר אורקוואַל ביים בעל-שם-טוב איז התגלות פון גייסט, איז ריינע מיסטיק. ס'איז אָבער נישט פאַראַן קיין שטרענגע גרענעצן צווישן מיסטיק, קונסט און פילאָזאָפיע: איין פאָרעם פון גייסטיקער שאַפונג לויפט אַריבער צו דער צווייטער. און נאָר יחידים איז באַשערט פון דער נאַטור צו זיין זייערע פירשפּרעכער. מעגלעך, אַז די גאונים, וואָס פּראָדוצירן אין איינער פון די דריי גייסטפאָרמען, פאַרמאָגן נישט-באַקאַנטע ביז איצט האָרמאָנען. ווייזט אויס, אַז די רעצעפּטיוו-גייסטיקע פאַרמאָגן אויך די דאָזיקע האָרמאָנען, נאָר ווינציקער. דערפאַר זענען זיי

פעיִק הנאה-צו-האָבן פון גייסטיקער שאַפונג. דעם המון-עם פעלן, זעט אויס, די דאָזיקע האַרמאָנען און דערפאַר מאַכן זיי תמיד דעם „גאָלדענעם קאַלב" פון אַלץ. ביי זיי ווערט פון אַלץ רעליגיע, מאָראַל און מעטאַפיזיק. דער המון-עם שאַפט זיך זיינע דאָגמעס, צערעמאָניעס, זאַבאָבאָנעס, מאַגיק, ביז דער „אינטעליגענטער" פּאַראַפּסיכאָלאָגיע.

וואָס איז דער מהות פון אמתער מיסטיק? גאָטלאָזיקייט (ביטול בישות אלוהים), וועלטפרייקייט (ביטול היש) און גליק-לעכקייט (עבודה מתוך שׂמחה).

אין מאַנגער-פּאָעזיע זענען דאָ די אַלע אַטריבוטן פון חסידות, וואָס איז אין איר בעש"טישער אורגעשטאַלט אמתע מיסטיק. מען מוז נאָר קענען אויסשיילן דעם קערן פון דער שאָלעכץ.
לאָמיר הערן וועגן דעם אין די לידער פון מאַנגערן.

„ווען די ערד וועט געפינען דאָס שלאָפליד, וואָס זאָל פאַרוויגן
גאָט אַליין,
וועט אויסגעלייזט ווערן דער טרויער און אַלצדינג וועט ווערן
שיין". (ליד 380)

„גאָט! איך ווייס, אַז איך וועל אין גיכן פאַר דיר שטיין
און שפייען דיר אין פּנים מיט מיין בלוט". (ליד 107)

„דו וואַרטסט אויף גאָט, ער איז נישטאָ". (ליד 54)

דער שיכּור איוואַן פירט אַ שטילן דיאַלאָג מיט גאָט:

„...מיר וועלן טרינקען און טרינקען אַזוי פיל,
ביז דו ווערסט איוואַן און איך ווער גאָט —
ס'איז אַ שפּיל אַזאַ!
און דו וועסט זען, אַז נאָר פאַר דיר
וועל איך באַווייזן מיין שענסטן נס —
מיין סאַמע שענסטן נס.

איך וועל הייסן איצקאַן דעם פּאָעט,
ער זאָל אונדז באַשרייבן אין אַ ליד.
און מאַרוסיע וועט עס זינגען אויפן קול
זומערצייט אויפן פעלד ביים שניט
און מיר וועלן ווערן אומשטערבלעך.

ביסט מסכּים, איוואַן?" (ליד 194)

„אַזאַ שפּיל, מאַדאַם, איז גוט פאַר דעם,
וואָס גלויבט נישט מער אין גאָט". (שטערן אין שטויב 52)

גאָט איז אין יעדער רעליגיע אַ פּערזאָניפיצירטער, עגאָיִסטי-שער, מאַטעריאַליסטישער געץ, וואָס דער המון-עם הייסט אים אין תּפילות און צערעמאָניעס געבן און נעמען און באַפעלט אים צו זיין גוט און שלעכט, פול מיט רחמים אָדער פול מיט נקמה, ווי יעדער בשׂר-ודם.

עפּעס אַנדערש איז די געטלעכקייט, דער ניצוץ, דער רוח-הקו-דש, די נשמה-יתרה, דער „אחד", די נאַטור, דער היה, הוה, ויהיה. דער מיסטיקער עקהאַרט האָט געזאָגט: „צווישן גאָט און געט-לעכקייט איז אַזאַ חילוק, ווי צווישן הימל און ערד".

ר' מענדל פון קאָצק, דער פּסעוודאָ-פילאָזאָף אין דער חסידי-שער באַוועגונג, ביי זיין קרענקלעכן פּעסימיזם, האָט אַ מאָל גע-זאָגט אַ גוט וואָרט: אַ חסיד איז דער, וואָס וואַרפט אַוועק זיין וועלט. מאַנגער האָט עס פּאָעטיש אין זיין סאָנעט אַזוי אויסגע-זונגען:

„כ'ווין איצט אויף אַן אַנדערן שטערן מיט מיין ליבשאַפט
און מיין ליד.
כ'בין אַ חסידל אַזאַ אויפן קאָסמישן יאַריד,
וואָס וואַרפט אַן אייגן ליכט מיט זיין מאַגישן לאַמטערן".
(שטערן אין שטויב 24)

וואָס נוגע דעם „גאָלדענעם פייגעלע גליק", בעט ביי מאַנגערן דער ייד:

„רבונו של עולם! מעק די גראָקייט אָפּ
פון אַלע מיינע וועגן און זאָל
מיין וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זיין כאַטש ליכטיק און געהעלט.

מאַנגער האָט תמיד דאָס געפיל פון גליקלעך זיין, אַפילו די קראָען פלאַטערן איבער זיין לעבן און זיין געמיט.

„...זיי קענען נאָר אַ שיינעם חלום פּטרן,
דעם שענסטן חלום און דאָס שענסטע ליד".
(שטערן אין שטויב 75)

אַזוי רעדט דער געניוס מאַנגער, דער ענו אין טאָגטעגלעכן לעבן, מיט דער זיכערקייט און דערהויבונג איבער אַלץ, אַזוי רעדט ער קלאָר און אָן רמזים.

משה דלוזשנאָווסקי דערציילט אין „צוקונפט" (יולי 1973) וועגן מאַנגערן אין פּאַריז, אַז שווער איז געווען אים דאָרט, אָבער ער פלעגט אים אויך טרעפן אויפגעלייגט און אין אַ גוטער שטימונג און ער פלעגט דערציילן מעשיות מיט אַ זעלטענעם הומאָר. דלוזשנאָווסקי מיינט ,אַז דעמאָלט האָט מאַנגער אַפּנים אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס איז אים ווויל געפעלן. ווייל וואָס הייסט גליקלעך-זיין? דאָס הייסט אַז ס'איז פאַראַן פולע און טיפע פרייד ביים שאַפן.

מאַנגער איז זיכער ביי זיך, אַז מיט זיין מיסטישן לאַמטערן, מיט זיין ליבשאַפט און ליד וואַרפט ער אַן אייגן ליכט. ער איז נישט מאָדערן, נישט אָריגינעל, נישט אין זיך און נישט אויסער זיך און דער עיקר: ער איז נישט איינער פון די „זוכערס" אין דער פּאָעזיע. ווייל אַ סך זענען זיי די זוכערס, אָבער קיין ברעקל גייסט

איז נישטאָ אין זיי. כּמעט אַלץ, וואָס זיי טוען איז מאַכעררייקע און נישט שאַפונג. איינער זוכט משיחן און יושר. יצחק באַשעוויס האָט אַ מאָל געשריבן: „...טאַלאַנטלאָזיקייט האָט ליב צו פּאָדערן גערעכטיקייט, אָנצוּווייזן אויף עוולות און צו פּראַווען נביאישע שטיק". („לעצטע נייעס"). זלמן שניאור האָט אַ מאָל געזאָגט צו מאַנגערן: „איך לייען אייערע לידער. מוזיק. די אַנדערע דאָרטן מאַכן דעם אָנשטעל: משיח, גאולה, קבלה... איר זענט עכט, עכטע אָפּעזיע". („צוקונפט" יולי-אויגוסט 1973). ווידער אַנדערע זענען זוכערס פון גאָט. זיי זענען תהילים-גראַמערס און געצן-דינערס, וואָס גרימען און גרילן ביז חלשות. אַ סך פון זיי זענען זוכערס פון ווערטער: קונצנמאַכערס, אַקראָבאַטן. אַ טייל זענען סתם קרעכצערס מיט דער פּעדער. זיי היילן זיך אַליין, אָן דעם קאָסטבאַרן צערעמאָניאַל ביים פּסיכיאַטער.

3

מאַנגער שרייבט: „די בעל-שם-לעגענדע איז געבוירן געוואָרן אין די קאַרפּאַטן-בערג. מען קאָן די לעגענדע נישט אָפּטיילן פון דער באַרג-לאַנדשאַפט, פּונקט ווי מען קאָן די קריסטוס-לעגענדע נישט אָפּטיילן פון דער גליל-לאַנדשאַפט" (נאָענטע געשטאַלטן 512). מען טאָר אָבער נישט מיינען, אַז דער געניוס קאָן אויפגיין נאָר אין דער אָדער אין אַן אַנדערער לאַנדשאַפט. צום לויב פון דעם ערדווינקל, וווּ דער בעל-שם האָט זיך באַוויזן, איז טאַקע ווערט צו מאָלן די שיינקייט פון די בערג און טאָלן, דער פּרוט מיט זיינע מוזיקאַלישע וואַסערפאַלן, די ברייטע פעלדער מיט פאַרשידענע גערעטענישן, די אורוועלדער מיט יאַגדעס און שוואָמען. דאָ האָבן געוווינט הוצולן מיט יידן בשלום, יידן שטאַרקע, תמימותדיקע, פאַרהאָרעוועטע. דאָ האָט געלעבט, געאַרבעט און נתגלה-געוואָרן דער מיסטיקער בעל-שם-טוב. די געגנט רופט זיך פּאָקוטיע און די הויפּטשטאָט איז געווען קאָלאָמיי. דאָ איז גע-

שטאַנען דער גילדענער ברונעם פון חסידות און אין אים האָט דער פּאָעטישער געניוס די זון געפונען.

רעכט האָט געהאַט „דער זעלטענער פּוילישער פּריץ" ד"ר סטאַניסלאַוו ווינצענץ און מאַנגער האַלט אים אונטער, אַז חסידות איז נישט קיין רעליגיעז-פילאָזאָפישע שיטה, ווי פּראָפעסאָר מאַרטין בובער מאַכט פון איר. שוין דער צוזאַמענשטעל פון רעליגיע מיט פילאָזאָפיע איז זיך סותר: רעליגיע איז דער היפּוך פון פילאָזאָפיע. חסידות איז, ווי געזאָגט, מיסטיק, אַ פאָרעם פון מענטשלעכן גייסט, וואָס ליבשאַפט איז דער מהות פון איר.

אַפּראָפּאָ מאַרטין בובער: ס'שרייבט וועגן אים קאָנסטאַנטין ברונער:

"Ganz herlich ja sind die Legenden und mystische Reden, die er veroefetlicht hat, darauf will Ich selbst gelegentlich hinweisen. Aber was er aus eigenem bringt, ist doch auch nur das zeitschlimme aesthetische Gepiepe."

(Briefe I, 132)

אויך אליעזר שטיינמאַן האָט זיין מיינונג: „מאַרטין בובער האָט געשריבן וועגן חסידות ווי אַ שול-תלמיד און דאָך באַקאַנט געוואָרן איבער דער וועלט דורך זיינע ביכער וועגן חסידות". („דבר")

וואָס נוגע ד"ר ווינצענץ: אים איז נישט געפעלן דער צוגאַנג פון מאַרטין בובער צו חסידות. האָט אים מאַנגער געזאָגט, אַז ביי פּרצן וועט ער געפינען, וואָס ס'פעלט ביי בובערן. יאָ — האָט ווינצענץ געזאָגט — דאָס איז אַן אויפגאַבע פון אַ קינסטלער.

די בעל-שם-לעגענדע מיט איר „אויסטערלישער שיינקייט, מיט דערהויבענער מענטשלעכקייט און מיט אַ געלייטערטער וויזיאָנערישקייט" און די קאַרפּאַטן-לאַנדשאַפט האָט אויך געגעבן

דעם פּאָעטישן געניוס פליגל. מאַנגער דערציילט: „קאַלאַמיי איז פאַר מיר תמיד געווען אַ שטאָט פול מיט פּאָעטישן כּישוף". (נאָ־ענטע געשטאַלטן 457). קאָלאָמיי איז געווען די איינציקע שטאָט, וווּ איך האָב עפּעס געפונען" (דאָרט, 458). אויך די שפּראַך פון זיין טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, וואָס אַלע שטאַמען זיי פון דער געגנט, האָט מאַנגער פאַראייביקט אין זיין ליד. למשל: „צווישן סטאָפּטשעט און קאָלאָמיי" (331), „צווישן קאָסעוו און קיטעוו" (70), „פון סטאָפּטשעט קיין קאָלאָמיי" (431); אויף דער סטאַציע קאָלאָמיי" (326); „מיין זיידע" (383); „קינדער־יאָרן" (437); „דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט פון דער גאָלדענער פּאַווע" (375); „די באַלאַדע פון דעם ייד, וואָס האָט געפונען די האַלבע לבנה אין אַ קאָרנפעלד" (421); „סוף זומערטעג" (469); „מיין טויטע באָבע אַנטלויפט פון איר קבר אין בעמיש בראָד" (315).

משה נאַדיר האָט אין זיין פאַרשפּעטיקטן „בריוו צו איציק מאַנגער" אַ מאָל נביאות געזאָגט: „אַז מען וועט אַ מאָל אויסגראָבן אונדזער שפּראַך, וועסטו, איציק מאַנגער, געטראָגן ווערן אויף די הענט, נאָך העכער פון האָמערן" (לויט י. פּאַנער, „לעצטע נייעס", 5.6.1970).

אויך ד"ר ווינצענץ שטאַמט פון אַ דאָרף לעבן קאָלאָמיי: סלאָבאָדאַ רונגורסקאַ. דאָ זענען געווען עטלעכע נאַפט־קוואַלן, וואָס האָבן זיך שוין דעמאָלט כּמעט אויסגעשעפּט. דאָ איז געשטאַנען אויף אַ בערגל זיין פאַנטאַסטיש־שיינע ווילע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען פאָלקלאָר ביי די הוצולן און זיך אָנגעטראָפן אויף דעם „הייליקן זשיד", אויף בעל־שם־טוב. אין יאָר 1927 בין איך מיט שלמה לינדבערג געפאָרן אויף בעציקלען פון קאָלאָמיי צו אים, כּדי איבערצוגעבן אים פאַר זיין צייטשריפט „דראגא" (וואַרשע) אַן אַרטיקל וועגן קאָנסטאַנטין ברונער און איך האָב אים דערציילט וועגן בעש"ט. ער האָט אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען, אונדז צוויי יונגע יידישע בחורים. זיין פרוי, אַ נישט־געענדיקטע מעדיצין־סטודענטקע, האָט מיר פאַר־

נייט די הויזן, וואָס איך האָב פאַלנדיק פון בעציקל, צעריסן. און דערביי געלאַכט: דאָס איז איר ערשטע אָפּעראַציע...

4

נאָכן טויט פון דעם מיסטישן געניוס בעש״ט האָט שוין דער ערשטער עפּיגאָן, דער מגיד פון מעזריטש ר׳ דב בער, מיט זיין אָרגאַטאָרישן און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט און מיט דעם צוגאָב פון קבלהשער מאַגיק פון אר״י צו דעם עכטן בעש״טישן חסידות, דערנענטערט זיך צו די גלייבענישן פון המון-עם. דערנאָך איז חסידות צעריסן געוואָרן אויף „הייפן״ פון קאָנקורירנדיקע „צדיקים״, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו די „חסידים״ מיט קמיעות, ברכות און קוויטלעך. חסידות איז געוואָרן אַ ירושה-פרנסה פון „אייניקלעך״.

אָבער צווישן דער גרויסער פלעיאַדע „גוטע יידן״ האָבן אַ בלישטש-געגעבן עטלעכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט פּאָעטישן, מיסטישן אָדער פילאָזאָפירנדיקן טאַלאַנט (געוויינטלעך מיט אַ געמיש פון סכאָלאַסטיק און רעליגיע) און מיט אַ מעשׂה, אַ וויץ, אַ ליד, אַ גוט וואָרט אָדער מיט מעשׂים-טובים אַריינגעטראָגן אין דער מאַסע פון חסידים אַ ביסל התרוממות-הנפש (ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו; דער בראַצלעווער; דער קאָצקער).

אויך הומאָר האָט נישט געפעלט ביי געוויסע „גוטע יידן״ און דערמיט צורעכטגעמאַכט די פאַרקרומטע ליניע פון בעש״טס חסידות. למשל: צום ריזשינער צדיק איז געקומען אַ חסיד און געזאָגט: ער טרינקט נאָר וואַסער, קאַטשעט זיך אין שניי און הייסט דעם שמש יעדן אויף דער נאַכט אים שלאָגן מלקות. צי וועט ער דערפאַר האָבן עולם-הבא? האָט אים דער ריזשינער צוגעפירט צום פענצטער און אים געוויזן:

— זעסט אָט יענעם, וואָס שטייט דאָרטן?

ער טרינקט אויך נאָר וואַסער, האָט אויך טשוועקעס אין די שיך, וואַלגערט זיך אין שניי און קריגט געשלאָגן יעדן טאָג און פון דעסטוועגן איז ער נישט מער ווי אַ **פערד.**

אָדער: אַ צדיק איז געפאָרן קויפן אַן אתרוג. אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ וואַסערפירער, וואָס באַוויינט זיין פערד, וואָס איז געפאַלן. האָט דער צדיק אים געגעבן דאָס געלט, כדי ער זאָל קאָנען קויפן אַ צווייט פערד צו זיין פרנסה. אין דער היים האָט דער צדיק מודיע געווען: דאָס מאָל וועל איך בענטשן אויף **אַ פערד.**

אָדער: אַ חסיד איז געפאָרן דאָס ערשטע מאָל צו אַ צדיק. טרעפט ער אין גאַס אַ ייד און פרעגט אים: וווּ וווינט דאָ דער גאון, דער צדיק, דער באַרימטער רבי? ענטפערט אים דער ייד: קודם-כל איז ער נישט באַרימט, אַוודאי נישט קיין גאון און נאָך ווייניקער צדיק. האָט דער חסיד אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אים געפאַטשט. ווען דער חסיד איז דאָך דערגאַנגען צום צדיק, האָט ער אין אים דערקענט דעם, וואָס ער האָט געפאַטשט. האָט דער חסיד גענומען אים איבערבעטן. האָט דער צדיק געזאָגט: מאַכט נישט אויס! אויך דערפון קאָן מען עפעס לערנען. נישט נאָר טאָר מען נישט טרייבן רכילות אויף יענעם, נאָר אויף זיך אַליין אויך נישט.

5

עכט קאָן מען נישט ווערן, עכט איז מען פון נאַטור אויס. מאַנגער שרייבט, אַזוי ווי ער רעדט. „ער וויקלט זיך נישט אַרום מיט ווערטער, ווי מיט קאָלירטע סטענגעס" (יאַנקל יאַקיר: „סאָוועטיש היימלאַנד") און זיין „מאַיעסטעט דאָס פאָלק" האָט ליב די דאָזיקע פשטות אין מאַנגערס ליד. זיין פאָלקסטימלעכקייט, זיין רייכע, נישט געקונצלטע יידישע שפּראַך, דער מאַמע-לשון פון פּאָקוטיע און איבער יעדן געציילטן וואָרט זיינעם די זון, וואָס ער האָט געפונען אין די קאַרפּאַטן-בערג צווישן קאָסעוו

און קיטעוו — דאָס אַלץ איז זיין אייגנס און דעם פאָלקס אויף תמיד.

„איצט האָב איך עס געפונען,
איצט איז עס אויף אייביק מיין.
דאָס ליכט פון די טונקלע וועגן,
דער דינער, גאָלדענער שיין". (ליד 70)

*

„איין וואָרער דיכטער, מלכּהלע,
מוז קענען זיך פאַרשענקען.
און דורך דעם שענקען, מלכּהלע,
ווערט צייטיק ערשט דאָס ליד". (ליד 281)

און מיר פרייען זיך מיט מאַנגערס געשאַנק, מיט זיין ליב-שאַפט און זיין ליד.

ב ר ו נ ע ר

קאָנסטאַנטין ברונער

(באַמערקונגען נאָך זיין טויט)

ער האָט געלעבט און געפילאָזאָפירט אין דייטשלאַנד. געווען פאַר־כלינעט מיט דייטשער שפּראַך און מיט געשמאַק סערווירט אין איר דעם לעקערביסן פון וועלט־חכמה: קריסטוס, סאָקראַטעס, שפּינאָזאַ, געפּרעדיקט און אויסגעלעבט זיך אין ליבע צו דייטשלאַנד. געהאַט רחמנות אויף די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן און געראַטן זיי צו עמיגרירן און קאָלאָניזירן ווו ס׳לאָזט זיך, און אַליין אויף דער עלטער געשטאָרבן אויף דער עמיגראַציע אין האַאַג.

זיין אָריגינאַל־קאָנצעפּציע אין דער פילאָזאָפיע איז דעפינירט אין טיטל פון זיין הויפּטווערק: דאָס גייסטיקע און דער המון־עם — "Die Lehre von den Geistigen und vom Folk."

צוויי כּוחות, וואָס רייסן זיך און בייסן זיך אייביק. דערפאַר ווערט קריס־טוס, דער פרייער גייסט, פון דעם געבילדעטן המון אויפגעהאָנגען, דערפאַר מוז סאָקראַטעס, דער אמת־זוכער, אויסטרינקען סם אין דער תפיסה, דער־פאַר ווערט שפּינאָזאַ, דער אַטעיִסטישער גאָט־געפינער און מאַטעמאַטי־שער אַפעקטן־אַנאַליטיקער, געלייגט פון קהל אין חרם.

דאָס גייסטיקע איז דער אמת מיטן קוק אויף דעם „אחד", אויף דער איינהייט אין דער נאַטור: קוואַנטיטאַטיווע באַשטענדיקייט פון ענערגיע און קינסטלערישע פולגעשטאַלטיקייט פון דער פאַרעם. דער שטענדיקער לעבנסמאָטאָר איז די באַוועגונג. אַלץ באַוועגט זיך, ווי ס׳האָט שוין לאַנג אַ גריכישער פילאָזאָף געלערנט, עלעהיי אַ טייך, וואָס פליסט תמיד. די באַוועגונג לייגט איבער אונדזער רעלאַטיווקייט, וואָס מיינט די ממשות־דיקע וועלט, פון איין כּלי אין אַ צווייטער. די כּלים זענען טאַקע אַנדערע,

אָבער דער אינהאַלט דער אייגענער. ווו ס׳איז דאָ פּאָטענץ, דאָרט קאָן אויך באַפרייט ווערן די דינאַמיק, איין פאָרעם פון ענערגיע גייט איבער אין דער צווייטער.

אויף די דאָזיקע פּרינציפּן פון איינהייט און באַוועגונג באַזירט דער אמת וועגן לעבן: דאָס גייסטיקע אָדער דאָס אַבסאָלוטע. צו פאַרשטיין דעם אמת איז באַשערט נאָר יחידים: די פילאָזאָפן, וואָס קענען ספּעקולאַטיוו און סיסטעמאַטיש דענקען, די דיכטער און מיסטיקער, וואָס זענען אָדורכ־געגומען מיט די רעזולטאַטן פון פילאָזאָפישן אמת און די קאָנסומענטן פון גייסט, וואָס האָבן ליב דאָס גייסטיקע און האָבן פון אים הנאה, פּונקט, ווי זיי זאָלן אַליין עס פּראָדוצירן.

אונטער מיסטיקער פאַרשטייט קאָנסטאַנטין ברונער מענטשן, וואָס ווייסן נאָר, אַז זיי האָבן ליב. קינסטלער ווייזן, ווי אַזוי זיי האָבן ליב און פילאָזאָפן, וואָס זיי האָבן ליב. מיסטיקער רופט אָן ברונער קריסטוסן, מייסטער עקעהאַרד, פראַנץ פון אַסיזי. נאָר דעם גרויסן מיסטיקער בעל־שם־טוב האָט ער נישט דערזען, אָדער נישט געוואָלט זען.

די יחידים פון גייסט פאַרמירן דעם מענטשלעכן געדאַנק און דיקטירן אמתן, וואָס קומען שפּעטער צונוץ דעם פראַקטישן שׂכל. קודם דער גע־דאַנק, דערנאָך דער אויפטו.

דער המון פאַרטראַגט אין תוך נישט דאָס גייסטיקע. ער זעט די זאַכן און דערשיינונגען אין דער וועלט אין זייער צופעליקייט. דער פראַקטישער שׂכל איז דער באַדן פונעם המון און צום גייסטיקן דערגייט ער נישט. העכסטנס בלייבט ער הענגען, ווי צווישן הימל און ערד. שוועבנדיק אין דער מיטל־סטרעפע צווישן פראַקטישן שׂכל און גייסטיקן, שאַפט זיך דער המון זיין רעליגיע, זיין אַבערגלויבן און זיין מעטאַפיזיק.

קאָנסטאַנטין ברונער האָט שטעלונג גענומען צו פאַרשידענע פראַגן און איבעראַל צוגעגאַנגען מיט דער מאָס פון „גייסטיקן און פאָלק”. אַפילו ער האָט געוווּסט, אַז סוף־כּל־סוף איז דאָס לעבן איינגעאָרדנט פון דעם המון און ווערט פון אים באַהערשט. האָט ער עס אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם נאָר באַדויערט. ער איז, לויט ק. מאַרקס אויסדרוק, געבליבן דער פילאָזאָף, וואָס דערקלערט די וועלט. ענדערן זי איז נישט זיין געשעפט.

אַלס ייד האָט ק. ברונער אויך אַ סך געשריבן וועגן יידן. ברונער האָט געמיינט, אַז יידן דאַרפן זיין דייטשן, פראַנצויזן, פון יידישער אָפּ־שטאַמונג. יידן זענען נישט קיין נאַציע. נאָר אַ צענטראַלע ראַסע, סיי ביאָלאָגיש סיי קולטורעל, מיט דער שליחות צו שלעפּן דעם אמת און דעם צלם. יידן קענען זיך שטאַרקן מיטן שטאָלץ אויף זייער זון קריסטוס און אים צוריקנעמען צו זיך. יידן פאַרגלייכט ברונער צו אַ טייך, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין וועלט־ים. דאָרט האָט ער זיך אויסגעמישט, אָבער די טראָפּנס זענען געבליבן, ווי אייל אין וואַסער. דער ציוניזם וויל פון די טראָפּנס צוריק מאַכן אַ טייך. דער ציוניזם וויל דעם אַרויסגעפאַלענעם טשוואָק צוריק אַריינשטעלן אין אַלטן לאָך פּאַלעסטינע, ווו ער וועט זיך נישט האַלטן. ברונער איז קעגן שמד, פאַר קריסטוס, פאַר אַסימילאַציע און קעגן רעליגיע. אַזאַ מין געקעכץ האָט מען געקענט אונטערטראָגן אין דעם ליבעראַלן דייטשלאַנד דעם דאָרטיקן ייד ביז היטלער האָט געוויזן, אַז נישט דאָס איז דער וועג.

ס׳איז זיך דערפאַר נישט צו וווּנדערן, וואָס ק. ברונער האָט נישט געוואָלט זען דעם קולטור־אויפשטייג פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, ער האָט פאַרביסן און יעקיש אָפּגעלייקנט דעם יידיש־לשון און זיין ליטע־ראַטור.

אויך איז פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס ברונער האָט זיך באַצויגן נעגאַ־טיוו צום סאָציאַליזם. אויב ס׳איז נאָר דאָ באַוועגונג, נישט קיין פּראָגרעס, ווי ברונער לערנט, איז דאָך, לויט זיין פאַרגלייך, נישט מעגלעך, אַז ס׳זאָל ווערן וואָס אַ מאָל אַ שענער וועטער... מלחמה און רעוואָלוציע זענען, ווי ערדציטערניש און ווולקאַן־אויסברוך: די אויבערשטע שיכטן ווערן פאַר־שיט פון די אונטערשטע, ביז דער צווייטער קאַטאַסטראָפע.

דער גאַנצער סאָציאַל־פּאָליטישער געביי זיינער איז געווען לכתחילה פאַלש און ענג. מעגלעך אַז דער אַלטיטשקער פילאָזאָף האָט אין גלות פאַר זיין טויט אַ סך געענדערט אין זיינע פריִערדיקע מיינונגען.

נישטאָ אַזאַ ענין, וואָס האָט נישט געזאָלט באַהאַנדלט ווערן פון ברו־נערן. אינטערעסאַנט זענען זיינע געדאַנקען וועגן קונסט און פילאָזאָפיע. קונסט פאַרגלייכט ער צו אַ קייקל, וואָס רוט נישט אויף איין אָרט. נאָר קייקלט זיך פון איין פונקט אויפן צווייטן. פילאָזאָפיע ווידער איז אַ פּיראַ־

מידע, וואָס שטייט פעסט אויף אַ ברייטן פונדאַמענט. קינסטלער, וואָס האָבן אַ תקומה און אַ ווערט, שפּאַרן זיך אָן אין אַ פילאָזאָף, ווי געטע אין שפּי־נאָזאָ. „דער ליריקער געטע פאַרדאַנקט זיין באַקאַנטשאַפט מיט שפּינאָזאָ נישט וויניקער, ווי זיין באַקאַנטשאַפט מיטן פאַלקסליד".

אַ געגנוג תקיפישע באַציִונג האָט ער געהאַט צו מעדיצין און דער אַפּטייק. ער רוקט אַרויס אַ סך באַרעכטיקטע ספקות און אַ סך סתירות, וואָס פּאַסן פאַר אַ נישט־פאַכמאַן, ווי ברונער איז געווען. אויך זיינע קרי־טישע באַמערקונגען וועגן פרוידס פּסיכאָאַנאַליז זענען געכאַפּטע און ווייזן אָן אויף דעם אויבנאויפיקן צוגאַנג צו דעם מעטאָד פון פאַרענטפערן גע־וויסע פּסיכישע שטערונגען און זיי צו היילן.

אַרום ברונערן האָט זיך געשאַפן אַ הויף חסידים אין סאַמע בערלין. אויך אין טשערנאָוויץ, קראָקע, קאָלאָמיי האָבן זיך געפונען אָרגאַניזאַטאָרן פון ברונערס פילאָזאָפיע. די קאָלאָמייער „פלאַטאָניקאַ" האָט געפּרעדיקט צווישן יינגלעך און מיידלעך פילאָזאָפיע, דייטש־לשון און אַסימילאַציע לויט די כללים פון ברונער. אַזאַ פילאָזאָפיש פאַרזעעניש האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע אומפאַרהאַפטע קולות און איז אויסגעגאַנגען פאַר דער צייט.

נאָכן סטודיום פון ברונערס ווערק געווינט מען אַ געוויסע אָריענטאַ־ציע אין אַבסטראַקט פילאָזאָפישע ענינים. מען זעט קלאָר דעם חילוק צווישן קאַנט און שפּינאָזאַ אין זיין מאָנומענטאַלער גרויסקייט און ברונער אַלס זיין תלמיד און אויסטייטשער. מען בלייבט ביי אַ פילאָזאָפיש באַגרינדעטן אַטעיִזם און מען דרינגט אַריין אין די באַהעלטענישן פון שאַפונג און זשעני.

ק. ברונער איז געווען אַ שוואַם וואָס האָט אַ סך וויסן איינגעזויגן און זיין פאַרדינסט איז עס, וואָס ער האָט אויסגעבויט דערפון זיין אייגן סיס־טעם. דערצו האָט אים געהאָלפן זיין געשיקטע און רעטאָרישע פעדער.

סך־הכל: אַלס פילאָזאָף איז ברונער געווען אַן אידעאַליסט. אַלס ייד אַן אַסימילאַטאָר און אַלס דייטש אַ פּאַטריאָט. דער ליבעראַליזם איז געווען זיין לופט צום אָטעמען. אויף דער עלטער האָט ער פאַרלוירן זיין באָדן און ס'האָט אים פאַרפעלט זיין לופט. און געשטאָרבן איז אין דער פרעמד אַן אינטערעסאַנטע יידיש־דייטשע פּערזענלעכקייט און מיט אים זיין סאָציאַל־פּאָליטישע אידעאָלאָגיע.

קאָנסטאַנטין ברונער

(צו זיין 100סטן געבוירנטאָג)

מען רעדט אַזוי פיל וועגן קריזיסן, מען שרייבט אַזוי פיל וועגן פּראָבלעמען, מען פאַרענטפערט זיי מיט אַפאָריזמען, מיט ציטאַטן און מיט סטאַטיסטיק. און נאָך אַלעם טאָפּטשעט מען זיך אויף איין אָרט.

קומען די „מאָדערניסטן", פּאַסן זיך צו צו דער טעכניק, בייטן זייערע נשמות, פילאָזאָפירן מיט וואָלקן־קראַצערישע ווערטער, שרייבן לידער, ווי באָמבעס; מאָלן בילדער, ווי פליִענדיקע טעלערס און זינגען דעם געיאָמער פון דער מאַשין.

איבער דעם גאַנצן פּלאָנטער שטייט קאָנסטאַנטין ברונערס פילאָזאָפיע, וואָס איז דער רענעסאַנס פון אייביקן אמת. איז עפּעס אַנדערש דער פּראַקטישער שׂכל, די וויסנשאַפט, וואָס דינט דעם עגאָיִזם; ווידער עפּעס אַנדערש איז דער גייסט, וואָס איז פול ליבע אין אַלעם, וואָס ער טוט און זאָגט. און שוין עפּעס אַנדערש איז דער אַבערגלויבן, וואָס פאַרמיסטיקט דאָס המונישע לעבן מיט באַגריפן פון נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

אַוודאי איז שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס איז ברונערס תורה אויף איין פוס? אפשר וואָלט מען געקענט עס זאָגן אַזוי: דער מענטש קען פאַרשטיין זיך און דעם צווייטן צום גוטן, ווען ער וועט זיך און דעם צווייטן זען דורך אַ פּריזמע, וואָס איז נישט פאַרזילבערט מיט מאָראַל־קריטיק, נישט פאַרגילדט מיט רעליגיע־אָנשטעל און נישט פאַרקוועקזילבערט מיט ספּעקולאַטי־ווע אויבערחכמות.

כדי צו דערגיין צו דער מדרגה, מוז מען זיך מיִען און גוט אַריינהערן זיך אין ברונערס רייד. ווייל לייענענדיק זיינע ווערק, הערט איר אים רעדן מיט טעמפּעראַמענט, מיט אַ משל און מיט

זיכערקייט און איר זעט, ממש, ווי ער שיילט אויס דעם קערנ-
דיקן אמת פון הונדערטער הויטן. ער טוט דאָס אָן פּראַזעאָלאָגיע,
אָן צו פאַרגלאָצן די אויגן און מיט דער פּשטות און ברען פון אַ
נביא. געשריבן האָט ער אויף דייטש. אויף עברית איז פאַראַן אַ
זייער גוטע אַנטאָלאָגיע פון ד״ר אהרון בערמאַן, „הפילוסופיה
של ברונר״. אויף יידיש זיינען געשריבן געוואָרן עטלעכע קורצע
אָפּהאַנדלונגען. (צוויי פון מיר: אין דער „סאָציאַלער מעדיצין״
(וואַרשע „טאָז״) און אין דער „פאָסט״ (קראָקע).

שרייב איך שוין עטלעכע ווערטער וועגן קאָנסטאַנטין ברו-
נער אויף יידיש, קען איך נישט פאַרשווייגן זיין קעמפערישע אי-
בערצייגונג, אַז יורידישע עמאַנציפּאַציע און געזעלשאַפטלעכע אַסי-
מילאַציע פון די יידן אין אַלע לענדער איז דער איינציקער אויס-
וועג פאַר אַלע צרות פון יידישן פאָלק. ליידער האָט ער זיך גע-
קענט איבערצייגן אויף זיין אייגענער הויט, אַז ס׳איז אַ שלעכטער
אויסוועג. אַליין האָט ער געמוזט אין יאָר 1933 אַנטלויפן קיין
האָלאַנד, ווו ער איז אין 1937 געשטאָרבן. ברונער נעמט אַריין
די שׂנאה צו יידן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן-שׂנאה בכלל.
ווייזט זיך אַרויס, אַז אַפּוואָר פון די יידן אין אַלע ציטן קעגן דער
שׂנאה איז: כנסת ישׂראל און ארץ-ישׂראל, צוויי אָרגאַניזירטע
פאָרמען פון צוזאַמענהאַלטן זיך אַלס פאָלק מיט נביאישן גייסט
און מיט פיזישן כּוח. זיין תלמיד ד״ר ל. ביקל (אַ ברודער פון
שלמה ביקל) האָט נאָכן טויט פון ברונערן געשריבן אין דער
הקדמה צו זיין לעצטן ווערק „דער מענטש, וואָס ווערט אויס
גולם״ אַזוי: „מיר קענען זיכער אָננעמען די סברה, אַז ברונער
וואָלט מיט פרייד באַגריסט די אַנטשטייונג פון דער יידישער
זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט נאָך
דער פאַרלענדונג פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעיִשן יידנטום און
איז געוואָרן מעגלעך צוליב דער נייער קאָנסטעלאַציע אין דער
געשיכטע״. נאָך איין זאַך קאָן קאָן פאַרדריסן: ברונער האָט געקענט
אָפּרייניקן מייסטער עקהאַרדס מיסטיק פון דער סכאָלאַסטיק
מיט אַזוי פיל ליבע; פאַר וואָס האָט ער עס נישט געטאָן מיט

חסידות? לאָמיר וואַרטן אויף ברונערס אַ תלמיד, וואָס וועט שאַפן דאָס נויטיקע ווערק: חסידות אַלס קוואַל פון מיסטישער ליבע.

ווי זאָגט מען געוויינלעך? נישט געקוקט אויף געוויסע פאַר־דריסלעכקייטן, בלייבט ברונערס תורה וועגן גייסט־מענטשן און וועגן פאָלק דער אייביקער אמת, וואָס איז ווערט דערקענט צו ווערן. צוליב וואָס?

ס׳האָט אַ מאָל אַ רוסישער מענטש נאָכן איבערלייענען דאָס ווערק „וואָס טוט מען?״ געזאָגט צום מחבר, אַז ער איז גרייט אַלץ צו טאָן פאַר דער מענטשהייט לויט דעם בוך. דער מחבר האָט אָבער געמיינט, אַז ס׳וועט אַ ביסל צו שווער זיין דאָס אַלץ צו טאָן פאַר איין מענטשן, וואָסזשע טוט מען? האָט ער אים געראָטן:

— גיי אַהיים און טו אַליין מעשׂים טובים, וועט זיין ווי־ניקער אַ מנוול אויף דער וועלט.

ברונערס ביכער זיינען ניט קיין רעצעפּטן־ביכער. אָבער מ׳קען אין זיי געפינען אַ גוטן דיאַגנאָז. און פּאַציענטן ווייסן, אַז אַ גוטער דיאַגנאָז איז שוין אַ האַלבע היילונג.

ברונער האָט געלעבט ווייט פון אָפיציעלן פּראָפעסאָרן־יאַריד. נישט געקוקט אויף זיין כּמעט צוריקגעצויגענעם שטייגער לעבן האָט ער, אָבער, געהאַט אַרום זיך אין בערלין און אויף דער ווייטער וועלט אַ גרויסע צאָל איבערגעגעבענע פריינד און תלמידים. אַזאַ קרייז האָט עקזיסטירט אין טשערנאָוויץ און צוויי פון זיי פירן אָן אַצינד מיטן „ברונער־קרייז״ אין תל־אביב (ד״ר אהרן בערמאַן און ד״ר ישׂראל אייזנשטיין) [1]. אויך אין קאָלאָמיי איז געווען אַ קרייז מיטן נאָמען „פּלאַטאָניקאַ״, אָנגעפירט פון משהלע הילזענראַד (געשטאָרבן אין יאָר 1938).

ברונער איז געווען אַ ייד פון דייטשלאַנד און געהייסן אריה יהודה ווערטהיימער. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר און די

---

[1] דער איבערגעגעבענער אָרגאַניזאַטאָר פון „ברונער־קרייז״ איז הער ש. מירון (ת״א).

מוטער אָן יחוס, אָבער פול מיט לעבן און הומאָר.ביידנס טענ־דענץ איז געווען צו מאַכן פון זייער זון אַ רב, ווי זיין זיידע איז עס געווען. האָט ער טאַקע געלערנט תורה אין ראַבינער־סעמינאַר, דערנאָך שטודירט פילאָזאָפיע, היסטאָריע און ביאָלאָגיע און אויף דעם וועג דערגאַנגען צו אַן אייגענעם בנין פאַרן אייביקן אמת. נישט אַ נייעם אמת האָט ער פאָרמולירט, נייערט פאַר דעם אַלטן אמת פון תנ״ך, תלמוד, ברית־חדשה, סאָקראַטעס, שפינאָזאַ האָט ער אויסגעבויט אַן אַרכיטעקטאָניש נייעם משכן.

כּדאַי צו דערמאָנען עטלעכע נעמען פון זיינע ביכער: „די תורה פון די אנשי־הרוח און פון המון״. „ממשלת־זדון, אַ וואָרט וועגן שׂנאה צו יידן און די יידן״. „אונדזער קריסטוס אָדער דער מהות פון געניוס״. „קונסט, פילאָזאָפיע, מיסטיק״. „דער מענטש אָן דער מאַסקע״.

ווי קעמפעריש ברונער זאָל נישט זיין קעגן רעליגיע, רופט אַרויס זיין תורה ביי אַ סך פון זיינע תלמידים כּמעט אַ רעלי־גיעזע באַציִונג צו אים. ס׳איז גיכער די מיסטישע ליבע, לויט ברונערס באַגריף, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך זיין וואָרט ביי מענטשן, וואָס האָבן פון נאַטור־אויס אַ שייכות צו נשמה־יתרהדיקייט.

זיגמונד פרויד
און קאָנסטאַנטין ברונער

פרויד אַליין האָט זיך געווונטשן, אַז יעדער אינטעליגענט זאָל זיך באַקענען מיט דער טעאָריע פון פּסיכאָאַנאַליז — שוין צוליב דעם, וואָס דער אַנאַליטישער מעטאָד דערקלערט אויסער די נעווראָטישע סימפּטאָמען אויך אַ סך אַנדערע וויכטיקע דערשיינונגען פונעם גייסטיקן לעבן פון מענטש: על־אחת־כּמה־וכמה איז יעדער דאָקטאָר מחויב צו באַקענען זיך

מיט די פּרינציפּן פון פּסיכאָאַנאַליז, כּדי בעסער צו פאַרשטיין זיינע פּאַ־ציענטן און כּדי צו וויסן וועגן דער נעווראָזן־לערע אַ ביסל מער און אַ ביסל קלאָרער ווי די נייגעריקע לאַאיקער. דער ספּעציאַליסט, דער פּסי־כיאַטאָר, וועט זיך נישט באַגנוגענען מיט דער טעאָריע. ער וועט אפשר דעם אַנאַליז באַנוצן אַלס הייל־מעטאָד אין זיין פּראַקטיק.

וואָס איז געוואָרן מיט פּרוידס ווונטש?

זיין נאָמען און דער טערמין פּסיכאָאַנאַליז איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער שם־דבר. טאָג־צייטונגען כאַפּן בעת אַ יובל ברעקלעך פון דער טעאָריע און צעקרישלען זיי נאָך מער. מאַגיקער זענען פּותר־חלום לויט דעם נייעם טרוים־סיסטעם אַלאַ פּרויד. איגנאָראַנטן פאַרגלייכן דעם אָביעקטיוו מעטאָד פון אויפלייזן קאָנפליקטן אויף דעם שכלדיקן אופן מיט דער סודותדיקער סימבאָליק פון קבלה. אַרישע דאָקטוירים, וואָס זענען דורכגעפּרעסן מיט יידן־שנאה ווי מיט זשאַווער, שרייבן אין זייערע פּראָקלאַמאַציעס וועגן דעם ייד פּרויד, דעם פאַרדאַרבער פון דער מענטשהייט און וואַרפן זיך מיט אים ווי מיט עפּעס אַ מינדערווערטיקן.

אומוויסן וועלן מיר אָבער נישט אידענטיפיצירן מיט קריטיק. די נישט באַהאַוונטע האָבן אַ טבע אַרויסצוכאַפּן אַ שטיקל פון אַ גאַנצער טעאָריע און צו מאַכן דערפון אַ לאָזונגס־וואָרט לגנאי, ווי למשל, פּרויד און די שמוציקע סעקסואַליטעט. פּרויד האָט זיך נישט איין מאָל דעריבער גע־ערגערט און זיך געטרייסט, אַז מענטשן האָבן, ווייזט אויס, אַן איינגעבוי־רענע טבע אָפּצוווערן זיך קעגן אינטעלעקטועלע נייעסן. און דער אמת וועגן די סיבות פון נעווראָזן, וועגן זיין פון סימפּטאָם און וועגן מעכאַניזם פון דער סימפּטאָם־בילדונג איז דאָך ווירקלעך אַ וויכטיק אינטעלעקטועל נייעס.

דאָס פייער פון פאַכמענישער קריטיק וואַרפט אַ ליכט אויף דעם עצם־ענין. היינט וועלן מיר זיך באַקענען מיט די טענות צום פּסיכאָאַנאַליז פון דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם יידיש־דייטשן פילאָזאָף קאָנסטאַנטין ברו־נער.

ברונערס גרויסע ערודיציע און זיין פילאָזאָפיש סיסטעם הייסט אונדז אים טראַקטירן ערנסט און אים אויסצוהערן. דער הויפּט־געדאַנק פון זיין פילאָזאָפיע איז דעפינירט אין טיטל פון זיין ווערק „די לעהרע פאָן דען גייס־

טיגען אונד פאָם פאַלק״. בקיצור הייסט דאָס ביי אים אַזוי: אמתן, וואָס ווערן פון גייסטיקע פאַרמולירט, ווערן פונעם המון פאַרשריגן, אָדער פאַר־קרומט.

וואָס זשע האָט געטאָן דער פילאָזאָף און פסיכאָלאָג ברונער מיט פרוידס טעאָריע? אין ברונערס „טאָג־בוך״ געפינען מיר אַ גאַנצן צעטל טענות צום פסיכאָאַנאַליז. מיר וועלן זיי צוזאַמענשטעלן אין אַ געוויסן סדר און זען ווהין זיי פירן. גלייכצייטיק וועט אונדז די באַטראַכטונג פון די טענות אַריינפירן אין מעדיאַס רעס פון די פסיכאָאַנאַליטישע הויפּט־פּרינ־ציפּן.

ערשטנס: וויל ברונער נישט הערן פון פסיכיאַטריע. זי מוז ווערן מאַ־טעריאַליסטישער און זיך באַפרייען פון דעם אַנימיזם (פסיכע). נישטאָ עפּעס אַזוינס, ווי נשמה — שרייט ער — ס׳איז נאָר פאַראַן דער גוף. נשמה דאָס איז קערפּערלעכע באַוועגונג. און היילן דאַרף מען נישט די פסיכע, נאָר דעם גוף. במילא איז פסיכאָאַנאַליז נישט נויטיק און פאַלש.

צווייטנס: פרוידס „אומבאַוווסט״ איז אַן אומגליקלעכער טערמין, זאָגט ברונער. ס׳איז דאָס זעלבע, וואָס סענסיטיוו און וואָלונטאַטיוו באַוווסטזיין. פרוידס „באַוווסט״ אידענטיפיצירט ברונער ווידער מיט דעם אינטעלעקטיוון באַוווסטזיין. אויב אַזוי, פאַרשטייט ער נישט, ווי מען קען אויפלייזן די צוויי מינים באַוווסטזיין (פילן, פאַרלאַנגען) אין דעם אינטעלעקטיוון באַ־וווסטזיין (וויסן).

דריטנס: די פאַרשטויסונג פון סעקסואַל־באַגערן איז אַ פועל־יוצא פון דעם לעבן פון יחיד אין דער געזעלשאַפט, ווו דער עגאָיִזם ווערט פאַרדעקט מיט דער מאָראַל. די ליגנערישקייט געהערט צו דער מענטשלעכער נאַטור, זאָגט ברונער, און איז אַ פּראָדוקט פון קולטור און אַלגעמיינע בילדונג.

פערטנס: ליבע איז נאָר אַ דריטל פון אונדזער עגאָיִזם. די צוויי אַנ־דערע דריטל זענען: דער דראַנג נאָך באַזיץ און דער דראַנג נאָך כבוד.

פאַרוואָס־זשע — פרעגט ברונער — קומט אויס פון פרוידס רייד, אַז מיר זענען נאָר געשלעכט־אָרגאַנען און נישט מער?

פינפטנס: איז דער פסיכאָאַנאַליטישער הייל־מעטאָד, ווי ברונער וויל עס, נישט מער, ווי אַ לאַנג־צעצויגענער פאַציענטן־עקזאַמען אָן עפעקט.

ווּ איז ברונער גערעכט און ווּ אומגערעכט אין זיינע טענות?

אין פּונקט איינס הערן מיר דעם שפּינאָזיסט ברונער רעדן וועגן גוף, געזען מיט די אויגן פון אויסשפּרייטונג און וועגן נשמה, געזען מיט די אויגן פון דענקען. איין זאַך, צווייערליי געזען. אַזוי האָט עס פאָרמולירט שפּינאָזאַ. ברונער האָט פאַר די אויגן די קעמערלעך־טעאָריע פון ווירכאָוו. געשעדיקטע קעמערלעך גיבן פּאַטאָלאָגישע סימפּטאָמען. באמת איז די אָפיציעלע פּסיכיאַטריע איינגעשטעלט צו זוכן מיטן מיקראָסקאָפּ פאַרענדערונגען אין צענטראַלן מוח־סיסטעם און זיי פאַרבינדן מיט דעם געגעבענעם פּסיכישן סימפּטאָמען־קאָמפּלעקס. אָבער נישט תמיד געפינט מען קערפּערלעכע פאַרענדערונגען און דער „אַנימיזם", דאָס באַהאַנדלען די פּסיכע בלייבט דאָס איינציק מעגלעכע. פּסיכאָאַנאַליז רעדט דערווייל טאַקע אויסשליסלעך וועגן פּסיכע און איר באַהאַנדלונג. צי איז טאַקע דעם מעדיצינער פרויד פרעמד געווען דער שפּינאָזיסטיש־מאַטעריאַליסטישער צוגאַנג? פון זיינע ווערק איז צו זען, אַז נישט. נאָר פרויד, אַלס פּסיכיאַטער, האָט געזען די אומבאַהאָלפנקייט פון זיין געביט, ווּ מען סעגרעגירט סימפּטאָמען, גיט זיי אַ נאָמען און מען בינדט זיי אין געוויסע קראַנקהייטס־איינסן. אָבער היילן זיי איז געבליבן אַ שוואַכער ווונטש מיט נאָך קלענערע אויסזיכטן. די פּסיכיאַטריע שטייט, ווי אַ ריכטער, פאַר דעם בעל־דבר פון סימפּטאָמען און רופט אים אָן דעגענעראַט. דערפון ווערט דער קראַנקער נישט געהאָלפן. פרויד מיט זיין אויפריכטיקייט און מיט זיין מוט האָט דער ערשטער אָפּגעשטעלט זיך אויפן איינצעלנעם סימפּטאָם. וואָס באַדייט דער סימפּטאָם ביי נעווראָזן און וואָס פאַראַ שייכות האָט ער צום קראַנקן? פון דאַנעט איז שוין נישט ווייט געווען צו דער מלוכה פון „אומבאַוווסטזיין", וואָס פרויד האָט זי אַנדעקט. פרויד האָט זיך פאַרלייגט אויף דער טעראַפּיע און ער באַנוצט דערצו דווקא ריין פּסיכאָלאָגישע הילפס־מיטאָדן. דער פאַרשטויסונג־מעכאַניזם ביי פרוידן איז די נאָענטסטע סיבה פון סימפּטאָם און די טעכניק אַרויסצופירן דאָס קרענקלעכע פון אומבאַוווסטן אין דעם באַוווסטן איז במילא די אויפלייזונג פון סימפּטאָם, דערמיט אויך פון דעם קראַנק זיין. נאָך אַלעמען רעזיגנירט נישט דער פילאָזאָפיש־געשולטער פּסיכיאַטער פרויד פון דעם צוזאַמענהאַנג פּסיכע און אָרגאַניזם און זאָגט אין זיין „אַריינפיר":

„דער געבוי פון פסיכאָאַנאַליז איז נאָר אַן איבערבוי, וואָס מען וועט באַדאַרפן אַ מאָל אַרויפשטעלן אויף זיין אָרגאַנישן פונדאַמענט״.

איצט די צווייטע טענה. וואָס איז „אומבאַוווסט״? ברונער וויל אַריינ־שטופן פרוידס באַגריף „אומבאַוווסט״ (אומוויסיקייט לויט ד״ר וויינרייכס טערמינאָלאָגיע) אין דעם סענסיטיוון און וואָלונטאַטיוון באַוווסטזיין. בשעת ביי פרוידן איז דער טערמין „אומבאַוווסט״ אויטאָנאָם און איז מיט די פונק־ציעס פונעם באַוווסטזיין נישט אידענטיש. „אומבאַוווסט״ ביי פרוידן איז אַ באַזונדער נשמה־געביט מיט אייגענע געדאַנקען, פאַרלאַנגען און געפילן, מיט אַן אייגענער שפּראַך און מיט אייגענע מעכאַניזמען, וועלכע מיר טרעפן נישט אין באַוווסטזיין. דאָס איז דווקא דאָס נייע און דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער טעראַפּיע פון נעווראָזן, בשעת די קלינישע פסיכיאַטרע שטיצט זיך נאָר אויף דער פסיכאָלאָגיע פונעם באַוווסטזיין. צי ווערט זיך ברונער אויך, אַן אַ פאַרוואָס, קעגן דעם נייעס?

און איצט קומען מיר צום פּאָפּולערן פאַרוואורף, וועלכן אויך ברונער האָט געוואָרפן דעם פסיכאָאַנאַליז: דער מענטש איז נישט קיין געשלעכטס־אָרגאַן! ברונער לערנט דערביי מיט פרוידן וועגן דער דרייטיילִיקייט פון אונדזער עגאָיִזם. אָבער פרויד ווייסט אויך וועגן דעם. פסיכאָאַנאַליז טייטשט נאָר געוויסע געשעענישן אין גייסטיקן לעבן (נעוורָאזן) אַלס אויפטו פון פאַרשטויסענע סעקסואַל־אינסטינקטן. „פסיכאָאַנאַליז האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אויסער דער ליבידאָ דאָ נאָך אַנדערע אינטערעסן ביים מענטש״ (פרויד). דווקא דער קאָנפליקט צווישן דער ליבידאָ און די אַנ־דערע עלעמענטן פון אונדזער עגאָיִזם, וואָס בילדן דעם אַליינדערהאַלטונגס־אינסטינקט, פירט צו קרענקלעכע דערשיינונגען. אַזוי לאַנג די ליבידאָ לעבט בשלום מיט דעם איבעריקן „איך״, וועט דער יחיד נישט אַרויסווייזן קיין סימפּטאָמען פון קראַנק זיין. אגב, אַרויסגייענדיק פון די דערמאָנטע איבערלעבונגען קומען מיר צו די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער אָפּ־שפּאַלטונג פון פאַרשידענע ריכטונגען אין דער פסיכאָאַנאַליטישער שול. אויב פרויד באַטאָנט און באַווייזט די וויכטיקע באַדייטונג פון ליבידאָ ביים אַנטשטיין פון נעווראָזן, פאַר וואָס זאָל נישט קומען אַן אַנדערער און אָק־צעפּטירן דעם צווייטן עלעמענט פון עגאָיִזם, דעם דראַנג נאָך כבוד, אַלס מאָטאָר פון נערוועזן כאַראַקטער? (א. אַדלער)

עס פרעגט זיך: פאַר וואָס זאָל עפּעס דער אַליינדערהאַלטונגס־אינ־סטינקט נישט גוט לעבן מיט דער ליבידאָ? לכתחילה געפינען זיי זיך טאַקעביידע אין פרידלעכן דינסט פון דעם יחיד. און דאָ איז ברונערס טענה גערעכט, אַז דער קאָנפליקט צווישן ביידע איז אַ פועל־יוצא פון דערציִונג, פון מאָראַל. פרויד מיינט אויך אַזוי. ער דעמאָנסטרירט עס מיט אַ פאַר־גלייך צווישן דער טאָכטער פון הויז־דינער און דער טאָכטער פון דעם הויז־באַלעבאָס. „פאַר דער טאָכטער פונעם הויז־דינער איז די סעקסואַל־טעטי־קייט שפּעטער געבליבן אַזוי נאַטירלעך און אָן באַוואָרעניש פונקט, ווי אין דער קינדהייט. די טאָכטער פון באַלעבאָס האָט אָבער אָפּגעפילט די השפעה פון דער דערציִונג. איר „איך" האָט געשאַפן זיך אידעאַלן פון ווייבלעכער ריינקייט, מיט וועלכער די סעקסואַל־עובדא איז זיך סותר. איר אינטע־לעקטועלע אויסבילדונג האָט דערנידעריקט די אינטערעסן פון דער ווייב־לעכקייט, צו וועלכער זי איז באַשטימט געוואָרן. צוליב איר העכערער מאָ־ראַלישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, איז זי געקומען אין קאָנפליקט מיט איר ליבידאָ".

ווי מיר זעען, קען די נישט־באַפרידיקטע ליבידאָ פירן צו נעווראָז. די סימפּטאָמען זענען דערביי דער סוראָגאַט פון נישט־באַפרידיקטקייט. מען טאָר אָבער נישט איבערקערן דעם געדאַנק און זאָגן, אַז קראַנק ווערן נעוו־ראָטיש וועט יעדער, וואָס באַפרידיקט נישט זיין ליבידאָ. ס'איז פונקט, ווי מיט דעם יידישן ווערטל: יעדער חזן איז אַ נאַר, אָבער נישט יעדער נאַר איז אַ חזן. אַ טייל פון ליבידאָ קאָן אַריבער די גרענעצן פון עגאָיִזם און ווערן אויך סאָציאַל־נוצלעך אויפן וועג פון סובלימאַציע.

נאָענטע אין גייסט

יאַנוש קאָרטשאַק

1

ער איז געגאַנגען דעם לעצטן וועג, שווייגנדיק האָט ער געטראָגן זיין גוף און זיין וואָרט. אין געדאַנק האָט ער איבערגעזאָגט דעם קאַפּיטל „עווטאַנאַזיע" פון זיין טאָבוך: „אומברענגען אויס רחמנות האָט אַ רעכט דער, וואָס האָט ליב און ליידט, און וויל אַליין אויך נישט בלייבן ביים לעבן". אַלע וועגן פאַרבינדן זיך צום סוף אין איין אויסוועג, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל ענגער און ענגער. דאָס מאָל בעט ער גאָרנישט, פאַרלאַנגט גאָרנישט, שעלט נישט קיינעם, לערנט נישט קיינעם. זיין האַרץ וויינט, וויינט אָן טרערן. בענטשט ער מיט אויפגעהויבענע אויגן די וועלט, וואָס ליידט און בלאָנדזשעט אין אַבערגלויבן.

אַ מאָל האָט ער דערציילט די קינדער אַ מעשׂה און די מעשׂה נישט פאַרענדיקט: „אפשר קערן מיר זיך נישט אום קיין וואַרשע? אפשר שטעלן מיר זיך אויס אין רייען, מיט פענדעלעך, זינגען אַ מאַרש און לאָזן זיך גיין צו דער זון? לאַנג וועלן מיר גיין. נאָר וואָס שאַדט דאָס? וועלן מיר גיין לאַנג, לאַנג וועלן מיר גיין און גיין און גיין"... ערשט איצט פאַרענדיקט זיך דער גאַנג. און די מעשׂה הייבט זיך אָנעט...

צו דעם לעצטן גאַנג האָט ער צוגעגרייט זיך און זיינע קינדער. צער און שפּאָט האָט אים באַוועלטיקט. אויב שטיל מענטשלעך ליידן רירט נישט קיינעם, מוז מען מאַכן דערפון טעאַטער־עפעקטן. האָט ער געפלאַנעוועט צו מאַכן אַ חוזק־מאַרש מיט זיינע קינדער איבער די וואַרשעווער גאַסן, מיט ליכט, פויגל־נעסטן, נאַכט־טעפּלעך און מיט געזאַנג. וואָס קענען מער שוין טאָן קינדער?

די זון בלייבט ווייטער זון, נאָר היינט גייט מען נישט צו איר. לאָז אויסגעלאָשן ווערן דאָס ליכט! ווי קען מען גלייך קוקן די קינדער אין די

אויגן אַריין? אויסדרעסירטע דייטשן, יידישע היצלס, אוקראַינישע אונטער־טרייבערס, פּוילישע האַלאַטע האָבן נישט קיין מאַכט געהאַט אויסצולעשן די זון. אָבער צו טרייבן אומבאַהאָלפענע אין פינצטערע וואַגאָנען, דערצו דאַרף מען גאָרנישט פאַרמאָגן, גאָר נישט זיין. די העכסטע אַמביציע זייערע איז צו זיין אַ שרייפל. קוים אַ בלישטשענדיקס דערנאָך אַ פאַרזשאַווערטס.

זיינען שטיין געבליבן אויף אַ מינוט די שרייפלעך און דער גייסט פון קאָרטשאַקן, ווי אַ מאַגנעט, האָט זיי צערודערט. האָט איין שרייפל געפרעגט דאָס צווייטע: „ווער איז דער מאַן?"

2

האָב איך געזאָגט צו מיר: קענסט נישט אַוועקשטעלן דעם גייסט אויף אַ פּיעדעסטאַל און ווייזן אים פאַר יעדן. דו מוזסט אים אָנטאָן אין לעכער־דיקן גוף און אויסגעריבענעם מונדיר, אָנטאָן אים אַ בריל און פאַרקעמען דאָס בערדל און די עטלעכע הערלעך אויף דעם גלאַנציקן קאָפּ. אַוועקלייגן צו פוסנס זיינע אַלע ווערק, בפועל, בכתב און בעל־פּה און נאָך אַ לאַנגן און פאַרטיפטן ישוב־הדעת קענען אַרויסזאָגן מיט אַ ציטער דעם גרעסטן צימצום:

אָט איז דער מענטש!

ווער קען צושניידן אַ מאָס פאַר דעם מיסטיקער קאָרטשאַק, פאַר דער לייכטנדיקער טרער פון דער נאַטור? ווער קען מעסטן דאָס ליכט און די מאַסע, דעם צער און די פרייד און די מחיה־מתימדיקע אויסשטראַלונג פון דער דאָזיקער טרער?

איין זאַך איז באַקאַנט: דאָס וועזן פון דער טרער. עס איז ליבע. פון דער איינציקער קאָנסטאַנטע קענסטו שוין אויסרעכענען דאָס איבעריקע:

„איך לעב נישט, כּדי מען זאָל מיך ליב האָבן און מיך שעצן, איך לעב, כּדי צו אַרבעטן און ליב האָבן".

„איך זע די שולד און זע נישט די שולדיקע, איך זע דאָס פאַרברעכן און זע נישט די פאַרברעכערס, איך גיי מיט דער טרער אין האַרץ און מיט גאָט אויף די ליפּן".

„כ׳האָב ליב, ווייל איך מוז, ווייל עמעץ הייסט מיר ליב האָבן, נאָר איך ווייס נישט ווער“.

„טרערן אין די אויגן — פאַר וואָס קען מען זיך נישט געבן אײנער דעם צווייטן אַ טרער, ווי למשל אַ חתונה־רינג?“

„דער איינציקער ברודער צווישן איך קינדער איז דער קינסטלער, וואָס איז איבערגעגעבן דעם פאָלק אין מינוטן פון שעפערישן התלהבות, אין די זעלטענע, קאַפריזנע, אויסערגעווײנלעכע מינוטן. דעמאָלט איז ער ענלעך צו אַ קינד“;

„און דער לץ אין צירק האָט געוויינט מיט תרעומות, דערנאָך מיט טרויער, דערנאָך מיט מיטגעפיל, דערנאָך מיט כּעס און דערנאָך מיט רחמנות“.

„איך ווינטש נישט קיינעם קיין שלעכטס, איך קאָן עס נישט. איך ווייס נישט ווי מען מאַכט עס“.

ווו האָבן מיר שוין געהערט אַזוינע רייד? ביי אַלע מיסטיקער, אין אַלע לשונות, אין אַלע דורות, ביי אונדז אין דער נבואה און אין חסידות.

קאָרטשאַק האָט געלעבט, געשאַפן און משפּיע געווען מיטן כּוח פון מיסטיקער. ער האָט געוווסט, אַז ער האָט ליב. ער וויל נישט וויסן פאַרוואָס. דאָס איז זיין נאַטור, זיין טעמפּעראַמענט.

„איך בעט, מיינע הערן, אַז פון מיין נשמה זאָלן אַרויסגיין אַלע, וואָס זיצן דאָרט: אַלע גרויסע און קליינע, קלוגע און אויבער־חכמים, גוטע און שלעכטע, העלדן און קנעכט, ציניקער און באַגייסטערטע, ערלעכע און פאַלשע, ליידאַקעס און נזירים. אַלע אַרויס! אַנדערש, ווי וועל איך געפינען מיין פאַרבלאָנדזשעטע נשמה?“

קאָרטשאַק האָט ריין געהאַלטן זיין גייסט און פריי געווען פון דאָגמען, שאַבלאָן און הערשנדיקע פאַרקרימונגען. נישט נאָר אין חלום חלומט ער צו זיין צוריק קינד: ער איז עס מיט זיין פּשטות, זעלבסטבאַוווסטזיין און אמתדיקייט, אויף יעדן שריט און טריט.

זאָגט נישט: קאָרטשאַק דער אומגליקלעכער, דער אָרעמער, דער שלימזל, דער איינזאַמער, דער נאַר. כאַפּט נישט, ווי פוקסן דאָס שטיקל קעז פון זיין מויל. איר וועט סיי־ווי נישט זאַט ווערן, אייערע קליינע שטייגעלעך

פֿאַסן זיך נישט פֿאַר קאָרטשאַקס גייסט. ווילט איר אים דערפֿאַר מיט אייערע גייסטלאָזע ווערטער קלענער מאַכן?

קאָרטשאַק האָט אויסגעלעבט ביזן טויט זיין אידעאַל: די ליבע צום קינד און די מי צו דערגיין דורך דעם קינד צו אַ שלימותדיקער געזעלשאַפֿט.

דאָס מיסטעריום קאָרטשאַק איז אייביק, נישט צו שפּילן עס, נישט צום נאָכמאַכן, נאָר צו באַגייסטערן און וועקן.

3

לויט וואָס ווילסטו מעסטן די גרויסקייט פֿון קאָרטשאַק אַלס מעדיצינער? געלערנט מעדיצין מיט אַ „הונגעריקן פּיסק" אין וואַרשע, ספּעציאַליזירט זיך אין פּעדיאַטריע אין פּאַריז און בערלין, געאַרבעט זיבן יאָר אין יידישן „שפּיטאָל פֿאַרן קינד" אויפֿן נאָמען פֿון באַומאַן און בערזאָן און געהאַט אַ גוטע פּראַקטיק. פֿון דער פּראַקטיק איז ער אַוועק אין „יתומים־הויז" צו היילן און אויספֿאַרעמען די קינדערישע נשמות. ער קען נישט שאַרלאַטאַנעווען. דאָס קינד איז פֿאַר אים דאָס הייליקסטע. די אָבערגלויבישע, קרענקלעך־עגאָיִסטישע מוטער פֿאַרלאַנגט פֿון אים, ער זאָל טאָן לויט אירע השגות פֿאַר איר געלט, וואָס זי צאָלט. ער אַנטלויפֿט פֿון דעם געלט און פֿון אירע השגות, אָבער תמיד צום קינד, צו דעם פֿאַרלאָזטן קינד.

לאָמיר הערן אים אַליין:

„אַמאָל איז געווען דער דאָקטאָר אָדער אַ פֿילאָזאָף אָדער אַ שווינדלער. און אַצינד האָבן מיר דעם דאָקטאָר, דעם פּקיד און דעם סוחר. נאָר דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ פֿאַרשפּעטיקטער פֿילאָזאָף, אָבער מען קוקט שוין אויף אים מיט אומצוטרוי, ווי זשע איז דער, דאָקטאָר, דער מענטש?"

דאָס איז ער געווען.

„איך וויל, אַז די נאַטור זאָל זיין די מעדיצין און גאָט דער דאָקטאָר".

אין יענער צייט, אין יענע באַדינגונגען איז עס געווען אַ גייסטיקער כּוח, אַ געוואַלטיקע הערעזיע צו שרייבן:

„וויפל וואָלט געווען פאַרשוווּנדן פון דער מעדיצין פאַרשווּנדעניש פון אַרסעניק און אָרטאָפּעדישער שווינדל, וואָלטן מיר געקענט די פרוי־לינגס און האַרבסטן פון קינדערישער אַנטוויקלונג”.

קאָרטשאַק האָט נישט פאַרטראָגן די סכאָלאַסטיק אין דער מעדיצין און נישט די פּאָליפּראַגמאַזיע. ער האָט ערנסט און הויך געהאַלטן זיין מעדי־צינישע שליחות און דערפאַר וועט דערמאָנט ווערן זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער מעדיצין אַלס איינער פון די זעלטענע, אמת־דענקענדיקע מעדיצינער.

4. אינטערמעצאָ

אין 1935 בין איך עטלעכע מאָל געווען ביי קאָרטשאַקן אין זיין יתום־מים־הויז אויף קראָכמאַלנע. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין דעם קינדער־שפּיטאָל, וווּ מיט יאָרן צוריק האָט קאָרטשאַק זיבן יאָר געאַרבעט. דעמאָלט איז זיין נאָמען געגאַנגען פאַר אים, זיין עניוות מיט אים. ער האָט אַפילו ליב געהאַט צו פאַרגלייכן דאָס לעבן צו אַ לאַבירינט, האָט מען אָבער נאָך דעם שמועס, נאָך דער וואַנדערונג איבער זיין קינדער־היים געהאַט דעם טיפן איינדרוק, אַז דער מענטש קאָרטשאַק קען די וועגן פון לאַבירינט און דערהייבט זיך איבער אים.

איין מאָל אין אָוונט, ווען ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט צום טויער פון הויף, איז אַריינגעפאַלן אַ פרוי מיט אַ געוויין און געבעטן אים צוגיין צו איר קראַנק קינד. האָט קאָרטשאַק מיט אַ שמייכעלע איר רויִק געזאָגט, אַז ער גייט שוין לאַנג נישט צו קראַנקע. מיט דעם שליחותל האָט ער מיך דעמאָלט מכבד געווען, און אַליין איז ער געבליבן צווישן זיינע קינדער מיט זיין גרויס שליחות.

5. פּעדאַגאָגיק

„ספּענסער, פּעסטאַלאָצי, פרעבעל. אַ מאָל וועט אויך מיין נאָמען גע־פינען זיך אין דער ריי” און דאָס איז טאַקע מקוים געוואָרן.

דער פעדיאַטער מיט זיין מיסטישער ליבע האָט געשאַפן אין אינטער־נאַט זיין קליניק פון דערקענען און דערציִען דאָס קינד. דאָ האָט ער גע־פונען זיין אייגענעם וועג. דאָ איז ער נישט געווען, ווי מען האָט פּראַקטי־צירט, אַ בכּבודיקער גאַסט, נאָר דער באַלעבאָס ביי טאָג און ביי נאַכט. פאַר אים איז דאָס קינד נישט קיין ליאַלקע, נישט קיין באַל, נישט קיין פיין שפּילעכל, וואָס עס קאָסט טייער. די סענטימענטאַלע, צוקער־זיסע באַ־ציִונג פון די עלטערן „גרייכט נישט טיפער, ווי ביז צום מויל: צי דאָס קינד עסט און נישט ווייטער פון דער אויער־מושלע: „צי עס איז ריין".

אויב פאַרענדערן די וועלט, מוז מען ענדערן די דערציִונג.

„אייער פליכט איז צו דערציִען מענטשן, נישט קיין לעמעלעך, פיזיש און מאָראַליש געזונטע אַרבעטער און נישט קיין פּרעדיקער".

קאָרטשאַק רעוואָלטירט קעגן די פאָראורטיילן און קעגן רוטין „וואָס איז נאַריש, קריכעריש פאַרשלאָפן, נודנע, בלינד און טויב".

ער ווייסט ווי אַזוי מען וועט רעאַגירן און ער פילט עס שוין אויף דער אייגענער הויט און ער רופט אויס מיט כּעס:

„לאָז די פאַלשקייט מיך באַשולדיקן אין אַמאָראַלישקייט".

קאָרטשאַקס גרונט־פּרינציפּן:

מען קען וועקן דאָס, וואָס דרימלט אין דער נשמה פון קינד. אָבסערווירן און נישט צו פיל פאַרלאַנגען פון קינד. וועסט נישט נייטן דאָס אַגרעסיווע קינד, ס'זאָל ווערן שטיל און קאָנצענטרירט, דאָס אָנגעבלאָזענע און פאַר־מאַכטע אין זיך, עס זאָל ווערן אויפריכטיק און רעדעוודיק, דאָס עקשנות־דיקע און אַמביטנע, ס'זאָל ווערן מילד און אונטערטעניק".

אַ פעדאַגט אָדער אַ טרוקענער דעספּאָט קען נישט דערציִען קיין קינד, ווייל עס וועט זיך פון אים האַלטן פון דער ווייטנס.

„אויסדריקן טרערן פון די אומשולדיקע אויגן צוליב אַ שלעכטער קלאַסיפיקאַציע איז באַרבאַריזם".

דעם שוואַכן, הכנעדיקן קינד דאַרף מען נאָך מער אַרויסווייזן אויפ־מערקזאַמקייט און ליבע און שיצן עס קעגן די ברוטאַלע, שטאַרקע.

„מען קען שאַפן אַ טראַדיציע פון אמת, אָרדענונג, אַרבעטזאַמקייט ערלעכקייט, אויפריכטיקייט, אָבער מען קען נישט איבערמאַכן דאָס קינד אויף אַן אַנדערס".

קאַרטשאַק פאַרלאַנגט כּבוד פאַרן קינד, גלייכבאַרעכטיקונג און אונטערשטיצונג פון זיין אייגענער איניציִאַטיוו אויף אַלע געביטן. (פּאַרלאַמענט, געריכט, צייטונג, קאָאָפּעראַטיוו, פּלעביסציט, געוועט) וואָס זיינען די הייל־מיטלען, וואָס דער דערציִער דאַרף מיט מאָס אינדיווידואַליזירן? „אַ פעסדיקער בליק, אַ לויב, אַ וואָרנונג, אַ וויץ, אַן עצה, אַ קוש, אַ מעשׂהלע, אַ מתּנה, אַ גוט וואָרט״.

אויך אין דער פּעדאַגאָגיק דווקא מוז מען פאַרמאָגן דעם איינגעבוירענעם טאַלאַנט און אים באַרייכערן מיט התמדה. דאָס ערשטע האָט ער פאַרמאָגט און דאָס צווייטע האָט ער געטאָן און דערפאַר וועט ער אויסשטראַלן איבער זיין דור מיט זיין פירונג, זיין וואָרט און מיט זיין ליבע.

6. ליטעראַרישע טעטיקייט

קאַרטשאַקס ליטעראַרישע שריפטן זיינען ווי אילוסטראַציעס צו זיין פּערזענלעכקייט. ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן געדענקט און געקענט אויפשטעלן דעם אייביקן מאָנומענט פון קאַרטשאַקן אָן זיינע געשריבענע ווערק? אין אַלע זיינע מאָטיוון גיט אַ בלישטש זיין מיסטישער גייסט.

„איך פיל, אַז אין מיר פאַראייניקן זיך אומבאַקאַנטע כּוחות, וואָס שיסן מיט ליכט און דאָס ליכט וועט מיר צולייכטן ביז דעם לעצטן לעבנס־אָטעם. איך פיל, אַז איך בין נאָענט אַרויסצובאַקומען פון דער טיפעניש פון מיין נשמה אַ ציל, וואָס וועט ברענגען גליק״.

ער האָט נישט געשריבן עפּעס אויסגעצוצטע פּוסטקייטן, מיט אָפּגעצוצטע פראַזן, צו קיצלען און צו הענצן. פאַרקערט: פון יעדן סקיץ זיינעם קענט איר הנאה האָבן און עפּעס לערנען. דאָס איז ערלעכע ליטעראַטור.

„משונהדיקע השׂגות האָבן די מענטשעלעך וועגן הומאָריסטן. ס׳דוכט זיי, אַז אַ הומאָריסט איז דער גליקלעכסטער מענטש אונטער דער זון״.

יאָ! וואָס קאַרטשאַק זעט אויף אונדזער וועלטל איז שרעקלעך קאָמיש, ביז טרערן.

„און די טרערן פון אַ הומאָריסט זיינען אַוודאי אויך זייער קאָמיש״.

קאַרטשאַקס הומאָר וואַקסט אויף אַ טרער, באַשיינט אים און רייניקט די לופט פון אַרום. זיינע ביכער זיינען אינטעגראַלע טיילן פון איין מענטש,

וואָס וויפל טיטלען איר זאָלט אים ניט געבן און ווי קאָמפּליצירט ער זאָל זיך אייך נישט אויסדאַכטן, איז אַלץ נאָר דער גייסטיקער מיסטיקער יאַנוש קאָרטשאַק.

7. יידן און סאָציאַליזם

הערש רעקטע, הענריק גאָלדשמידט, פּאַלזע, יאַנוש קאָרטשאַק — שוין אַליין דאָס בינטל נעמען שפּיגלט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן ויתרוצצו אין אים.

זיין היים, די שול, די סביבה האָט אים דערצויגן פּויליש — פּאַטריאָ־טיש, אַפילו מיטן קרומען קוק אויף דער יידישער זייט. אין זיינע סקיצן לויפן יאָ אַדורך יידן, אָבער זעלטן סימפּאַטישע. נאָר די יידישע קינדער האָט ער געזען מיט מער ליבע.

זיין איינשטעלונג איז אָבער געווען אַן איינזייטיקער ליבעס־טראַקטאַט פון געוויסע יידן אַן דער אונטערשריפט פון דעם צווייטן, אין דעם פּאַל, פּוילישן צד.

ער האָט אויך געגלויבט, ווי אַ סך ערלעכע יידן, אַז דער סאָציאַליזם וועט אויסהיילן די מענטשן און פעלקער פון אַ סך פאַרקריפּלונגען און פאַר־לייכטערן פאַר דעם יידן דורך קולטורעלע און שפּראַכלעכע אַסימילאַציע דעם וועג צו אַ בעסערן און בכבודיקן לעבן. ער האָט נישט מאַרשירט מיט די פּאַרטיי־לייט, אָבער מיטגעזונגען האָט ער. און גלייכצייטיק האָט ער געפרעגט זיך: צי וועט דער סאָציאַליזם מיט דער צייט נישט דעגענערירט ווערן?

אין דער זעלבער צייט ווען י. ל. פּרץ און זיינס גלייכן בויען אויף דער יידישער שפּראַך דעם מאָנומענט פון שבת־יום־טובדיקע יידן —

ווען הערצל בויט אין זיין פאַנטאַזיע און מיט גרויסער עקשנותדיקער מי די מדינת־ישׂראל, ווען די חלוצים שאַפן מיט מסירות נפש אין ארץ־ישׂראל דעם רענעסאַנס פון לשון־קודש; אין דער זעלבער צייט שרייבט קאָרטשאַק:

„יידישע קינדער פאַרשטייען שלעכט פּויליש. אַוודאי, די וואָס וווינען אויף פּוילישע גאַסן, רעדן גוט פּויליש, האָבן שוין פּוילישע נעמען... דאָ

אויפֿן דאָרף שמייכלט צו זיי די פּוילישע שפּראַך מיט דער גרינקייט פֿון בוים, און מיט דעם גאָלד פֿון תבֿואה.

„דאָ שטערט אויך נישט דער, זשאַרגאָן. ווייל דאָס איז נישט דער שרייענדיקער, אָרדענערער זשאַרגאָן פֿון קללות און צונעמענישן, נאָר אַ פּרעמדע שפּראַך פֿון צעשפּילטע קינדער. אויך דער זשאַרגאָן האָט זיינע פֿאַרבענקטע, דעליקאַטע ווערטער מיט וועלכע אַ מאַמע פֿאַרוויגט איר קראַנק קינד".

דער דאָזיקער צוגאַנג האָט באַדאַרפֿט לייכטער מאַכן דאָס לעבן פֿון „שווער צו זיין אַ ייד". אָבער קאָרטשאַקן האָט מען נישט איין מאָל שמערצ־לעך געלאָזט פֿילן, אַז אַ ייד קען זיין אַ גוטער וואַרשעווער, אָבער נישט קיין גוטער פּאָליאַק.

נישט איין מאָל נעמט ער זיך רעווידירן זיין שטעלונג צום יידישן פֿאָלק. אויך אין דער רעוויזיע זעט מען דעם לעבעדיקן גייסט פֿון קאָרטשאַקן.

ער פֿאָרט צוויי מאָל קיין ארץ־ישׂראל, פֿאַרבינדט זיך מיטן קיבוץ, זוכט אַ מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך, הייבט זיך דאָרט אָן צו לערנען עבֿרית, וויל שרייבן וועגן חלוצים־לעבן אין ארץ־ישׂראל, פֿאַנטאַזירט וועגן אַ מאָ־דערנעם יתומים־הויז לעבן כּפֿר־גלעדי און בלייבט מיט די יידישע יתומים... ביז קידוש־השם.

8

אויף געציילטע צדיקים האַלט זיך די וועלט. זייער ניצוץ האַלט אונטער דעם לעבעדיקן גייסט. אין זייער לעבן פֿון פּשטות און אמתדיקייט זוכן זיי נאָר דעם תּיקון:

ווייל די וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן פֿון פֿינצטערער שׂנאה, ברו־טאַלקייט און מרה־שחורה. דער איינציקער דרך דערצו איז ליבע. אין דריי גלגולים באַווייזט זי זיך: אין דעם קינסטלער, וואָס זינגט „שיר השירים"; אין דעם פֿילאָזאָף, וואָס קען דעם „אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס" און אין דעם מיסטיקער, וואָס נאָר אַ דאַנק זיין ליבע ווערט ער אַ בעל־שם־טובֿ. אַלע דריי זיינען פֿירשפּרעכערס פֿון דעם רוח־הקודש.

יעדער פון זיי האָט צו זינגען און צו זאָגן וועגן דער וועלט פון טעמפּקייט, פּאַרקרומטקייט, טפילות און לײַדן.

נישט סודותדיקע מאַגיק אָדער ספּעקולאַטיווע פאַנטאַסטיק, זייער מיסטיק איז אמתע ליבע. אָט דאָס איז געווען די אינעווייניקסטע פירונג פון קאָרטשאַקס לעבן. זיין פירונג, זיין טאָן, זיין וואָרט, זיין טויט האָט אויפגעטרייסלט אַ וועלט.

קאָרטשאַק דער עניו, דער שווייגער לאָזט אונדז נישט שווייגן. נאָר דער פּיליסטער וויל אים תמיד פאַרשווייגן. אַפילו, דער וואָס איז געווען אין זיין סביבה, „ווייל אפשר איז דאָס נישט צניעותדיק צו דערציילן וועגן אים". קאָרטשאַק האָט געקענט זיי, געלאַכט פון זיי (אין די הומאָרעסקן „דער גלייכגעוויכטיקער", „אָן אַ טיטל", „שרעקלעך לעכערלעך").

יעדן טאָג האָט ער דער נאָסער האַנט פון שומר און פון דער וועשן אָפּגעשטעקט אַ „גוט יאָר", נאָר נישט די פּיליסטערס מיט אַ טיטל און אָן אַ טיטל. זיי מיט די האַרטע קאַפּעלושן און האַרטע קעפּ, האָט ער נישט געמאַכט זיך זעענדיק. אין צענטער פון יתומים־הויז האָט ער אין אַ גלעזערנעם שאַפּקעלע אויסגעשטעלט דעם בעזעם און די שמאַטע. דרך־ארץ פאַר די, וואָס באַנוצן זיך מיט זיי.

אַליין געשלאָפן צווישן די קינדער, געהיילט זיי, געשמייכלט צו זיי, געלערנט זיי און געטראָגן די טעלערס פון טיש נאָך זייער עסן. „נישטאָ קיין דעליקאַטע אָדער גראָבע אַרבעט, קיין קלוגע אָדער נאַרישע, קיין ריינע אָדער שמוציקע".

פאַר קאָרטשאַקן איז דאָס לעבן געווען „שווער, אָבער אינטערעסאַנט, שיין, רייך און דערהויבן".

ער האָט געקענט צאַמען זיין „איך" און פלאַץ־מאַכן אויך פאַר דעם צווייטנס שטילער פרייד. דאָס איז אַ מדרגה, וואָס נאָר איינציקע זיינען זוכה צו דערגיין צו איר.

9

העלף מיר שאַפן, צו גיין שפּאַן נאָך שפּאַן אין ריטם פון דיין מאַרש.
איך ברום מיט די טיפסטע באַסן אויס מיין ווייטיק אויף דעם רשעות.

ווי איז מעגלעך? ווי איז דאָס געשען? ווו זענט איר געווען הערשנ־דיקע קריכערס, גאווהדיקע מטורפים? גוייִשע ליבע־רעדנערס, געלאָדענע מיט שׂנאה, אייביקע נקמה־נעמערס פאַר בלוט, וואָס איר האָט אַזוי פיל מאָל אַליין פאַרגאָסן?

העלף מיר, שאָפּען, צו גיין לאַנגזאַם מיין וועג צום טאַקט פון דיין מאַרש, וואַרע! איר חניפה־מאַכערס! אַוועק, איר אָנגעבלאָזענע באַלאָנען!

כ'בין דערגאַנגען צו די העכסטע שפּיצן פון גליל. דאָ האָב איך גע־הערט טויזנט און איין דינאַמיט־שאָסן צו דיין כּבוד, קאָרטשאַק. דער באַרג האָט אויסגעגלייכט זיך, זיך אויסגעברייטערט און דיין אויסגעחלומט הויז פון יידישן קינד איז באַלד שוין פאַרטיק. אַלץ איז צו זען פון דאַנען: דער כּינרת, דער נייער וואַסער־וועג, דער יונגער וואַלד און דער אַלטער ייד, וואָס איז געוואָרן אויס אייביקער וואַנדערער.

און דאָ אין די בערג און טאָלן וועסטו דערהערן דעם געוואַלדיקן גע־רויש פון בעטהאָווענס „ליד צו פרייד".

מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלע, דער קלאַסיקער, דער „זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור" ווערט נאָך דורך אונדזער דור באַוווּנדערט און מיט אינטערעס געלייענט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיינע ווערק זענען קאָמפּאָזיציאָנעל פּאַרעל־טערט, דער סיפּור־המעשׂה אָפּט מאָל באַיִוו. און דאָס איז נישט נאָר, ווייל ער ווירקט מיט דער יאָדערדיקייט פון זיין יידיש און שאַרפקייט פון זיין סאַטירע. דאָס אייביק־ווירקנדיקע ביי מענדעלען איז דער אָנגעווייטיקטער, אָבער קעמפערישער מוסר־טאָן, וואָס האָט משפּיע געווען אין זיין צייט און איז אַקטועל־ווירקנדיק אין אונדזער איצטיק יידיש לעבן.

מענדעלעס כּוח באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַרויסגעוואַקסן פון פאָלק און איז אינערלעך צונויפגעוואַקסן מיט אים, מיטן יידישן פאָלקס־מענטש. ער איז, ווי ער האָט עס אַליין פאָרמולירט „ביין פון זייער ביין, פליישׁ פון זייער פלייש, וואָס האָט געליטן מיט זיי איינע צרות, געפילט מיט זיי איינע ווייטיקן".

אַזאַ מענטש, מיט אַזאַ צוגאַנג צו זיין שליחות, מיט אַזאַ באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט פאַר זיין פאָלק, האָט געהאַט אַ רעכט עס צו מוסרן און שטראָפן. און הגם אַ סך האָבן זיך בשעתו גע־קרימט, געבייזערט זיך, וואָס מענדעלע „ריריט זיי אָן ביז אין דער לעבער", איז אָבער פאַרן רוב זיינע לייענער דאָס האַרבע וואָרט און אַפילו דער חוזק, געווען אַ וועגווייזער.

אין יידישן פאָלק אין 19טן יאָרהונדערט זענען ליידער געווען אַ סך מיאוסקייטן, (וואָס קריכן נאָך היינט ערטערווייז אַרויס, געגערט מיטן כּוח פון שלעכטער טראַדיציע). שׂונאים האָבן וועגן דעם געשריבן גאַנצע טראַק־טאַטן און הנאה געהאַט דערפון. זייער ציל איז געווען נישט צו פאַרבעסערן, נאָר פאַרניכטן.

פריינד קאָנען אַ מאָל נישט ווייניקער שאַרף טאַדלען. טוען זיי עס אָבער מיט ליבשאַפט און וויטיקן דעריבער. זייער ציל איז אויסצובעסערן, צו פאַרריכטן. אַזאַ איז געווען מענדעלע.

מענדעלע האָט געוואָלט ענדערן דאָס אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע גלופּסק. ער האָט אַפילו אין דער פאַרוואָרלאָזטקייט און לעכערלעכקייט פון די יידן אין זיין צייט געזען אַ סך מענטשלעכקייט, ליבע, דראַנג צו יום־טובדיקייט. ער האָט געפייערט קעגן די גבירים, קהלישע לעפל און כּלי־קודש, וואָס האַלטן דאָס פאָלק אין דער בלאָטע. ער האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן, אַז „פרעמדע, פון אַנדערע פעלקער כאַפּן זיך ביי די נעז און שרייען: אוי, אָן עיפּוש ביי אייך, יידישע קינדער!" נאָר געטאָן האָט ער עס מיט דער כּוונה דאָס זאָל נישט זיין.

און וויפל מיר קאָנען נאָך היינט פון מענדעלען נעמען זיך אַקטועלע שטראָף־רייד!

אמת, די סאָציאַלע איבערקערענישן — און אונדזער גרויסע קאַטאַס־טראָפע — האָבן שטאַרק געענדערט דאָס יידישע לעבן. אַ דאַנק דעם פּראָ־צעס פון פּראָדוקטיוויזאַציע איז פאַרקלענערט געוואָרן מענדעלעס לאַנגער רעיעסטער פון שנאָרערס און פוילע נפשות. די רעליגיעזע פענטעס און ווילקיר פון כּלי־קודש איז באַזייטיקט געוואָרן. אַ סך מיסט און בלאָטע זענען אויסגעקערט געוואָרן פון יידישן לעבן. ליבע איז שוין מער נישט

קיין שלאַפקייט און דער שדכן איז שוין אַ טיפּ פון פאַרעלטערטן טעאַטער־רעפּערטואַר.

דאָס יידישע קינד ווייס שוין, ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין ס׳איז דאָס פעלד און — האָט דערפון הנאה.

דער יידישער שרייבער איז שוין נישט קיין שנאָרערדיקער גייער איבער די הייזער. דער לייענער, וואָס האָט ברויט, פאַרלאַנגט ביכער.

אַבערגלויבנס זענען שוין פאַרשוווּנדן פון יידישן לעבן, כאָטש ס׳באַווייזט זיך נאָך אַ מאָל ערגעץ־ווו זייער פינצטערער שאָטן.

אָבער נאָך היינט טרעפט, אַז מען רעדט חוצפּהדיק, מען שרייט אויפן קול, דאָרט, ווו ס׳מוז געזאָגט ווערן אַ שטיל וואָרט. און אויב ס׳געפעלט עמעצן נישט, הייסט מען אים פאַרמאַכן די אויגן, אָדער פאַרשטאָפּן די אויערן.

עם־הארצות און בטלנות גיט נאָך צו אָפט אַ גרילץ אויף דער יידישער גאַס.

ס׳איז נאָך נישט שטענדיק דער ייד אַ ווערטפולער מענטש, פאַרבלייבנדיק דערביי אַ ווערטפולער ייד.

עס שלעפּן זיך אונדז נאָך אַ מאָל צויטן פון גלופּסק און קאַבצאַנסק, פון בעלטאַקסע און שטאָטישן תקיף.

דערפאַר קאָן נאָך מענדעלעס מאָראַל־פּרעדיקן זיין פאַר אונדז היינט שטאַרק באַלערנדיק און נישט איינעם, אויב ער זאָל זיך צוהערן צום זיידן, קאָן עס אַרויספירן אויפן דרך־הישר.

ווייל מיט אַ פאַרביטערט האַרץ, אָבער מיט גרויס ליבשאַפט צום פאָלק האָט מענדעלע געשטרעבט מיט זיין שאַפן מאַכן אונדז פאַר מענטשן מיט מענטשן גלייך, אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, מאַכן אונדזער לעבן שענער, רייכער און ליכטיקער.

און דער כוח פון מענדעלעס מאָראַל־פּרעדיקן, אויסער זיינע קינסטלערישע ווערטן פון שפּראַך און סטיל, איז נאָך היינט פריש אוןווירקנדיק.

שלום־עליכם און זיינע הויפּט־טיפּן

דער דיכטער שלום-עליכם האָט אויסגעשטרעקט ברייטלעך זיין גייסט צום ייד פון אַ גאַנץ יאָר און צוריק באַקומען פון אים אָפּנהאַרציק זיין עליכם-שלום.

דער קינסטלער האָט געפונען דעם קאָנטאַקט מיט דעם יידישן לייענער און הערער אַ דאַנק זיין שפּרודלדיקער פאָלקסטימלעכ־קייט, אַ דאַנק זיין זאַפּטיקער באַרעדעוודיקייט און לאַכנדיק פון אומגעלומפּערטקייטן און צרות פון יידישע טיפּן, דערהויבט ער זיך און דעם לייענער צו דער מדרגה פון געטלעכקייט און נצחון־געפיל. זיין הומאָר איז איבער-קאָמפּענסאַציע פון גלותדיקער מינ־דערווערטיקייט. זיין ווילן יענעם געזונט צו מאַכן מיט געלעכטער איז דער פּועל-יוצא פון זיין קינדיש-שטיפערישער נאַטור, פון זיין טוביהשן טעמפּעראַמענט און פון זיין אָנגעווייטיקטקייט מיט דער יידישער ווירקלעכקייט.

אַוודאי האָט שלום-עליכם נישט סתם געלאַכט און נאָך ווײ־ניקער געהאַט די טענדענץ די יידישע טיפּן איבעראַנדערשן מיט זיין הומאָר. ער האָט זיי געמאָלן אמתדיק און נאַטירלעך אַלס כאַראַקטער-טיפּן, וועמענס ענערגיע און לעבנס-דראַנג טרעפן אָן אויף פאַרשידענע מניעות און מפּלות אין לעבן, קודם-כּל ווייל זיי זיינען יידן. ווען דער טיפּ מנחם-מענדל, צי דער טיפּ טוביה וואָלטן געוווען אויסער די ראַמען פון כּתרילעווקע און יעהופּעץ, אויסער דער שטעטלדיקער פּאַנאָראַמע פון גלות, וואָלט די אימ־פּעטיקע באַוועגלעכקייט און פאַנטאַסטיק פון מנחם-מענדלען נישט אַריינגעפאַלן אין אַזוי פיל קאָמישע סיטואַציעס.

ווייל טוט אויס מנחם-מענדלען פון זיין יידישער דעקאָראַציע בלייבט דער מענטש מיט דעם צאַרטן ביינער-בוי און רירעוודיקן גייסט, וואָס קערט וועלטן. גאָרנישט איז פאַר אים שווער און אַלץ ריזיקירט ער. און טוט אויס טוביהן פון זיינע טראַדיציאָנעלע

בגדים און דרכים בלייבט דער מענטש, אַ ברייט־ביינערדיקער מיט זיין געמיטלעכקייט, ווו פריילעכקייט בייט זיך אָפּט מיט קלעמענ־דיקער טרויעריקייט. דאָס זיינען די צוויי הויפּט־טיפּן אין קרעטש־מערס קאָנסטיטוציע־לערע — דער לעפּטאָסאָמיקער און דער פּיקניקער, מנחם־מענדל און טוביה. זיי זיינען נאַטירלעך, ווי די צוויי געשלעכטער, וואָס דערגאַנצן זיך אָדער ווי די צוויי פאַרשידן געלאָדענע טיילן אין דער אַטאָם־גאַנצקייט.

דער מנחם־מענדל איז דער לעבעדיקער נערוו פון דער געזעל־שאַפט. דער רעוואָלוציאָנער, דער אונטערנעמער. דער דערפינדער, דער קעמפער.

דער טוביה־טיפּ איז דער איבערלייגטער סיסטעמאַטיקער, דער עקלעקטישער פּילאָזאָף. דער פריילעכער האָרעפאַשניק, דער בעל־בטחון און דער גם־זו־לטובה־מענטש.

און ביידע זיינען זיי טיפּן, נישט נעגאַטיווע און נישט פּאָזי־טיווע, אויך נישט פּאַטאָלאָגישע; זיי זיינען אַזוי, מען מוז זיי פאַרשטיין און נישט משפּטן. ביידע טיפּן קאָנען ווערן קרענקלעך, פּאַטאָלאָגיש, דעמאָלט געהערן זיי שוין נישט צום נאָרמאַלן לעבן נאָר צו דער פּסיכיאַטריע.

דער געניאַלער שעפער שלום־עליכם — אַ סך פריִער פאַר דער ויסנשאַפטלעכער פאָרמולירונג פון קרעטשמער — האָט דיכטע־ריש אויסגעפאָרשט די צוויי גרונט־טיפּן פון דער מענטשלעכער עדה — מנחם־מענדל און טוביה און געוויזן זיי, ווי ער האָט זיי געזען און מיטגעווייטיקט אין דער סביבה פון גלות־עקאָנאָמיק.

שלום־עליכם האָט מיט עכט־יידישן הומאָר געשריבן די לע־בנס־געשיכטעס פון די צוויי — דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע טיפּן: דעם קעמפער און דעם שלום־ אָדער פשרה־מאַכער.

נאָר אַלס יידן — אָן באָדן, אָן אַ היים.

— פרעמדע אָרגאַניזמען צווישן פרעמדע — ווייל ווי צוגע־בונדן טוביה זאָל נישט זיין צו זיין דאָרף, איז ער מיט זיינע נאַ־ציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן אַ וועלט פאַר זיך. דערפאַר ווערט טוביה נישט איבעראַשט, ווען מען טרייבט אים אַרויס פון דעם

דאַרף, ער באַרויִקט זיין ווייב „איך בין נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. פון וואַנען טרייבט מען אונדז נישט און ווען טרייבט מען אונדז נישט? וווהין? דערווייל אין שטאָט. איך וואָלט אַפּילו בעסער געוואָלט קיין ארץ־ישׂראל. פאָרט, ווי זאָגט מען: „באַטקאָווּשטשינע".

די מורא פאַר פּאָגראָמען טרייבט אַרויס די יידן פון כּתרי־לעווקע און פון קאָזעדאָיעווקע. כּתרילעווקע מיט קאָזעדאָיעווקע האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט און ס'איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

כּתרילעווקע: וווהין פאָרן דאָס, אַ שטייגער יידן?

קאָזעדאָיעווקע: וווהין פאָרט איר?

כּתר': מיר פאָרן גלאַט אַזוי, איטלעכער מכוח זיין עסק, פּאָ דיעלו — הייסט עס.

קאָז': אַ גאַנצע שטאָט פאָרט מכוח עסק?

כּתר': וואָס זייט איר נישט קיין גאַנצע שטאָט?

קאָז': מיר זיינען עפּעס אַנדערש. מיר פאָרן נישט, מיר לויפן.

כּתר': פון וואַנען־זשע ווייסט איר, אַז מיר — נישט?

קאָז': אָט אַזוי־זשע רעדט, וווהין־זשע לויפן דאָס יידן?

כּתר': וווהין לויפט איר?

קאָז': מיר לויפן צו אייך.

כּתר': און מיר צו אייך.

קאָז': וואָס וועט איר טאָן ביי אונדז?

כּתר': דאָס אייגענע, וואָס איר ביי אונדז.

קאָז': הערסט! וואָס־זשע דאַרפן מיר לויפן צו אייך און איר צו אונדז?

כּתר': בכדי, אַפּנים מיר זאָלן זיך בייטן מיט די ערטער?

קאָז': ווערטלעך אָן אַ זייט! איר זאָגט אונדז בעסער דעם שׂכל, וואָס לויפט איר!

כּתר': וואָס לויפט איר? — — —

שלום-עליכם, באַשרייבנדיק די „שיינע" עפּאָפּייע געפינט אויך אַן ענטפער אויף דער יידישער טראַגעדיע. ער וויל נישט פאַרענט-פערן די צרות פון ייד, ווי די משׂכּילים מיט אונטערהאַקן די קאַ-פּאָטע און אַריינלייגן אים די לאַנדשפּראַך אין מויל, ער זאָגט מיטן מויל פון איינעם אין „צעזייט און צעשפּרייט":

„אַלע פעלקער, נאָך אַלע טענות, בלייבן פּאָרט באַלעבאַטים ביי זיך אין לאַנד. ענגלענדער וועלן תמיד זיין ענגלענדער און וואָס וועט אונדז בלייבן?"

„זאָלן יידן באַארבעטן די ערד, פלאַנצן ביימער, וויינגערטנער אין ארץ-ישׂראל. מיט וואָס איז ערד-אַרבעט מיאוסער ווי זיין דעם פּריצס אַ ייד? מיט וואָס איז קויפן און פאַרקויפן וואַלד אין גלות שענער, ווי פלאַנצן ביימער ביי זיך אין דער היים, אין אייגענעם לאַנד, צווישן אייגענע ברידער און שוועסטער?" („צע-זייט און צעשפּרייט").

היינט, ווען דאָס יידישע שטעטל איז צעשטערט, זיינען אָבער די מנחם-מענדלס און די טוביהס, ווייטער אויף די וועגן צווישן כּתרילעווקע און קאָזעדאָיעווקע און פרעגן זיך ווייטער די שאלה: וואָס לויפט איר? וווּהין לויפט איר?

היינט מוז מען נאָך אַ מאָל איבערחזרן שלום-עליכמס ווער-טער: „צי מיינסטו, אַז אַלצדינג, וואָס קומט פאָר אַצינד בּיי יידן, מיינט מען דאָס יענעם, נישט דיך?"

אין אייגענעם לאַנד וועט מנחם-מענדל זיין נישט נאָר אַ לופט-מענטש, נאָר אויך אַ געניטער לופט-פליִער, נישט נאָר אַ דרייער, נאָר אויך אַ דערפינדער, נישט נאָר אַ פאַנטאַסט, נאָר אויך אַ גע-וואַגטער בויער פון דער מדבר, ער וועט נישט נאָר שפּילן אויף דער בערזע אויף „האָסע" און „בעסע" פון אַקציעס פון נישט-עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן — נאָר ער וועט שטעלן אין קאָן זיין לעבן אינעם קאַמף פאַר דער פרייהייט.

און טוביה, וואָס בענקט אַזוי קיין ארץ-ישׂראל, וועט זיין דאָרט דער דערמוטיקער, דער דערציִער, דער געלערנטער, דער — וואָס פאַרוואַנדלט צרות אין הומאָר, דער שטאָלצער ייד.

*

אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער האָבן צוויי גרויסע גייס־טער אויפגעפרישט דאָס פּאַרטריקנטע משׂכּיליש־מתנגדישע, תּל־מודיש־פּאַנאַטישע לעבן אין דער ספּעציפישער גלות־עקאָנאָמיק. דאָס זיינען געווען: דער מיסטיקער בעל־שם־טוב מיט זיין דינען גאָט דורך שׂמחה און דער דיכטער שלום־עליכם מיט זיין געזונט־מאַכן דורך געלעכטער.

פרייליכקייט און געלעכטער מאַכן פריי דעם מענטש, באַפליג־לען און דערהייבן אים צו אייַדעלער וויטאַליטעט.

שלום־עליכם בלייבט אייביק פריש און זאַפטיק מיט זיינע מענטשלעכע טיפן, מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט, מיט זיין הומאָר און זיין פּתרון־חלום פון דער גלותדיקער ווירקלעכקייט.

י. ל. פּרץ

די פּערזענלעכקייט י. ל. פּרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַ־טור אַלס רופער און וועקער, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַ בכבודיק, שעפעריש יידיש לעבן. ביי אים איז שרייבעריי נישט געווען לשם שרייבעריי, נייערט מיט יעדן וואָרט האָט ער געוואָלט די דערהויבונג פון יידישן פאָלק.

אויב מענדעלע און שלום־עליכם, איינער מיט פאַרדראָס, דער צווייטער מיט אַ שמייכל, האָבן געוויזן די יידישע ווירקלעכקייט, די קליינע מענטשע־לעך און דאָס גאַנצע פאָלק פאַרגליכן צו אַ קליאַטשע אָדער צו מתושלכס פערדל, האָט פּרץ אין דער זעלבער דעקאַראַציע פון מיטל־עלטערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט געזוכט און געפונען די שיינקייט און עטישער פּרינציפּ־רייכקייט.

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען אָנגעשפּיקעוועט מיט געלייטער־טע מענטשלעכע מעלות־טובות. אין דער טאָגטעגלעכער מיטלמעסיקייט און גרויקייט פון ייִד געפינט פּרץ ליבע צום מענטש, מסירת־נפש פאַרן צווייטן, מיט עניוות און צניעות.

אין „חסידות" האָט פּרץ געפונען די התגלות פון גייסט. גייסטיקייט איז נישט רעליגיעזקייט און איז נישט געבינען מיט טיטלען, געלערנטקייט אָדער פּראָפעסיע. ווען ס'איז באַשערט פון דער נאַטור צו זיין דאָס בת־קול פון גייסטיקער אַנטפּלעקונג און ווען ס'איז באַשערט דאָס קול צו פאַרנעמען. גאָר נאָענט צום גייסטיקן פּראָדוצענט שטייט דער פּשוטער קאָנסומענט, וואָס פאַרמאָגט דעם חוש־הריח פאַר עכטקייט און אמתדיקייט פון גייסט. דעם דאָזיקן חוש־הריח האָט געוועקט פּרץ ביים ייד. נישטאָ קיין סתירה צווישן פּרצן דעם פעליעטאָניסט, דעם דיכטער, דעם סאַטיריקער, דעם פּאָפּולאַריזאַטאָר און דעם באַפליגלטן באַזינגער פון חסידות און מיט־זינגער פון דעם חסידישן ניגון. „איך גלויב, רבותי, אַז דאָס, וואָס איז מיך מחיה, מוז אַליין האָבן אַ חיות, לעבט אַליין".

„אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
שבת־יומטובדיקע יידן,
די נשמות פלאַקערן!
און מיר בעטן נישט
און מיר בעטלען נישט!
גרויסע, שטאָלצע יידן זענען מיר!

הערצל

הערצלס אידייע איז געווען רעאַלע יידישע פּאָליטיק. קעגן גרויסמאַ־כערישער און פאַר זיך שעדלעכער מיסיע פון אַ וויכטיק וועלטפאָלק צווישן די פעלקער.

מיר האָבן געגעבן דער וועלט: משה, קריסטוס, שפּינאָזאַ און נאָך און נאָך און דערפאַר באַקומען צוריק טויט און חרפה. הערצל האָט אָנגעהויבן מיט זיין טאַלאַנט אויך צו דינען דער פרעמדער וועלט, האָט ער אָבער

דערזען, אַז די „וועלט" איז פיינדלעך־מערדעריש. דערפאַר מוזן די יידן אַרויס פון די גוייִם און צוריק אויפבויען די אַלטע אייגענע יידישע היים.

די בלוטיקע היטלער־לעקציע מיט סטאַלינס צוגאָב האָבן דעם פראָסטן געדאַנק אין זיין ערשטן טייל רעאַליזירט און דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע האָבן מיט מסירת־נפש פאַרבינען זיך מיטן קליינעם, אידעיִשן יישוב, וואָס האָט געלעבט אָרעם, אָבער פריילעך, בכּבודיק און שטענדיק אין אָפּוועּר־קאַמף.

ווי גוט ס'זאָל נישט זיין אויף דער וועלט, דאָ און דאָרט, די בעסטיע פון רויב און מאָרד דרימלט.

אַוודאי קאָן מען זאָגן:

— ישׂראל איז אַ ווולקאַן...

— ישׂראל קאָן דאָך פאַרלוירן ווערן אין ים פון אַראַבער...

פּאַר וואָס אַנטלויפן נישט די איטאַליענער פון איטאַליע צוליבן וועזוביוס? די יאַפּאַנער צוליב זייערע ערדציטערנישן? די פּאָליאַקן צוליב זייער שלעכטער געאָגראַפיש־פּאָליטישער לאַגע?

היים בלייבט היים: בויונג און שאַפונג הייבט דעם לעבנסלוסט, אויפטו דערציט די פערזענלעכקייט.

מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף דער גראַמיקאָ־דעקלאַראַציע —

מיר וועלן זיך דערוואַרטן אויף פריינדלעכע, דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט אונדזערע שכנים.

אַרום „ר' זלמן" פון יחיאל האָפער

וואָס זאָגט כּמעט יעדער בשׂר־ודם, ווען ער פאַרפלאָנטערט זיך אין דערציילן עפּעס אַ מעשׂה שהיה אין זיין לעבן? ער מאַכט פּלוצלינג אַ קנופּ און פאַרענדיקט: מען קען אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך דערפון. ווי פלעגט זאָגן מיינער אַ פריינד? „ס'זאָל זיך גלוסטן און מען זאָל קענען". אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל — האָט אַ מאָל האָפער געזאָגט אין די „לעצטע נייעס" — קאָן זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. האָט ער עס געמאַכט אין זיינע „וואַרשעווער הויפן" און איז עס ממשיך אין „ר' זלמן".

און אַז מען לייענט אַזאַ בוך אין איין אָטעם און מען גיט פון צייט צו צייט אַ שמייכל און צו מאָל רעגט עס אויף און צום סוף בלייבט מען זיצן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, איז אַ סימן אַז דאָס ווערק האָט אָנגע־שריבן אַ שרייבער, וואָס איז געוואָרן רייף, און דערגאַנגען צום סטיל פון פשטות.

אַרום ר׳ זלמן קען מען אָנטאַפּן די געדיכטע לופט פון דעם חסידיש־לומדישן „שטיבל"־לעבן און די שוין פרייערע לופט ביי די חסידישע נגי־דים, וואָס פאָרן אויף „דאַטשע", שיקן זייערע קינדער אין די גויִישע גימ־נאַזיעס און כאַפּן זיך אַ מאָל אַריין אין יידישן טעאַטער. דעם דאָזיקן שפּאַלט אין דעם ערב־מלחמהדיקן פּעריאָד פון יידישן לעבן אין וואַרשע דעקאָרירן עטלעכע וויציקע סיטואַציעס, וואָס גיבן דעם ווערק צו אַ קינדע־ריש חן, ווי למשל: די מעשה מיט דער יויך פון ריצנאייל, די מעשה מיט דער גאַנדז, מיט דעם קאַזיאַלס יאָרצייט.

אַ שרייבער דאַרף זיין ענלעך צו דעם פאַנטאַסטישן מלך מידאס, וואָס פון אַלץ צו וואָס ער פלעגט זיך צורירן, איז געוואָרן גאָלד. אוודאי איז ר׳ זלמן אַליין נישט קיין שטיק גאָלד. אַ מאָל פלעגט מען אָנרופן אַזאַ איינעם מיזאַנטראָפּ, היינט רופט מען אים אַן נעוראָטיקער. ד. ב. מאַלקין האָט געזאָגט פשוט: „פאַר מיר איז דער בוך „ר׳ זלמן" סימפּאַטיש, אָבער נישט ר׳ זלמן אַליין". מעדיציניש גענומען איז ר׳ זלמן אַ קראַנקער מענטש און צו אַזוינעם קאָן מען האָבן נאָר מיטגעפיל און ווען אים העלפן. דוד זכאי האָט געזאָגט, אַז האָפער איז נישט מגלה דעם סוד אין בוך, ווער ר׳ זלמן איז, ווען ער איז געקומען אין „שטיבל" און נאָך וואָס ער איז בכלל געקומען קיין וואַרשע. „אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט זלמנען האָט געמוזט געשען אַ גרויס אומגליק, עפּעס אין דער משפחה אָדער מיט אים אַליין האָט געמוזט געשען זייער אַן אויסטערלישע זאַך" (זייט 255).

וואָס אַזוינס? מאָלט אייך, אַז זלמן האָט קיין פאַרברעכן זיכער נישט באַגאַנגען. וואָס־זשע דען? דער אַרום האָט אים קראַנק געמאַכט, צעבראָכן: קינדער־יאָרן אָן ליבע פון טאַטע־מאַמע צו אים; דריבנע אותיות און גוואַלטאָוונע קלעפּ פון די יינגסטע יאָרן; שטיינער פון שקצים אויף דער גויִישער גאַס; אָרעמקייט און אפשר אַ תקיעת־כף־ווייבל? דאָס אַלץ איז וויניק, אַז זלמן זאָל ווערן ר׳ זלמן? פון דעם נאַטירלעכן עגאָיִזם: געלט,

ליבע און כּבוד איז ביי אים אויף קאָסטן פון געלט און ליבע היפּערטראָפּירט געוואָרן דאָס כּבוד־געפּיל. ר׳ זלמן וויל האָבן די דעה אָן דער מאה.

ווען כ׳האָב דערציילט מיינע קינדער פראַגמענטן פון בוך אין מיין עברית, האָבן זיי הנאה געהאַט און געבעטן נאָך און נאָך. דאָס איז אויך אַ קריטעריום און אַ ווונק צו איבערזעצן דעם בוך אויף עברית. צוליב וואָס נאָך? עברית איז דאָך יידישער פון יידיש: שורשדיקער, רייכער און איבער אַלע מידות־טובות: די לאַנד־שפּראַך פון מדינת ישראל. ווען מען הערט אויף שריט און טריט יידישע קינדער אויסטענהן זיך אויף עברית, אויס־לאַכן זיך, אויסשעלטן זיך, איז עס דאָך אַ תענוג, וואָס איז העכער פון אַלע „המשכּס״. „המשך״ קאָן נישט זיין נאָר אַ וואָרט אָדער אַ לייבצודעקל. „המשך״ איז דער כּוח פון גייסט, וואָס ווערט פון קינסטלער אַריינגעבלאָזן אין די מענטשן פון פאָלק, וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגען זיי אים בכלל נישט, אָבער אָן אים קאָנען זיי נישט לעבן בשלום.

*

מיט יחיאל האָפּער ז״ל האָב איך זיך באַקענט אין דער פּסיכאָ־היגיע־נישער באַראַטונגס־סטאַציע ביים „טאָז״ אין וואַרשע[1]. מיט דער סטאַציע האָט אָנגעפירט פּראָפ. פישל שניאורסאָן. ער איז געווען דער מחבר פון אַן אייגענעם סיסטעם, וואָס ער האָט אָנגערופן „מענטש־וויסנשאַפט״ און זיין פּאַרש־מעטאָד רופט זיך אַן „פּסיכאָ־עקספּעדיציע״. אַלע זיינע ווערק האָט ער געשריבן אויף יידיש. אין דער סטאַציע האָב איך געפונען עטלעכע חדר־יינגלעך, וואָס זענען געווען דער אָביעקט פון דער פּאָרש־מעטאָד און אַ פּרווו צו היילן אַ טייל פון זיי פונעם נעוורוז מיט ענדערונג פון זייער לעבנס־שטייגער מיט שפּיל, שול־פּויזע און געזעלשאַפט.

אין יאָר 1957 האָב איך האָפּערן געטראָפן אין דער „פּרץ־ביבליאָטעק״ אויף אַן אָוונט לכּבוד זיין ערשטן באַנד פון „וואַרשעווער הויפן״. אין ענט־

---

[1] „...בעתן אויסברוך פון דער מלחמה, בין איך געווען לייטער פון דער צענטראַלער פּסיכאָ־היגיענישער באַראַטונגס־שטעלע ביים „טאָז״ אין וואַרשע. („צונויפט״, אַפּריל 1973, י. האָפּער: „דער וועג פון אַ פּליט״, (זכרונות).

פער אויף אַלע באַגריסונגען האָט האָפּער געזאָגט און דאָס זעלבע געשריבן אין דעם וואָרט „צום לייענער״ „אַ דאַנק דעם אויסערגעוויינלעכן ליטעראַרישן געשמאַק, ליטעראַריש וויסן און קענען פון זיין פרוי חנה (האַנקע)״ האָט ער אויסגעמיטן אַ סך שטרויכלונגען אין דעם בוך. „אַ חוץ דעם, אָן איר וואָלט איך בכלל, נישט דאָס בוך און נישט עפּעס אַנדערש, נישט געווען געשריבן״ („צום לייענער״).

אין די יאָרן האָט ער געדרוקט אין די „לעצטע נייעס״ אַ ריי אַרטיקלען. אין זיי האָט ער מיט כּעס געשריבן און געשריגן קעגן אַנדערע יידישע שרייבער. אין אַ בריוו צו מיר פון יאָר 1960 שרייבט האָפּער צווישן אַנדערע זאַכן: „... ווען איך וואָלט געווען אַ רעצענזיע־זוכער, וואָלט איך נישט געשריבן אַזעלכע שאַרפע אַרטיקלען גראָד דעמאָלט, ווען כ׳גיב אַרויס ביכער, אָדער איך אַליין בין אַ שטיק ר׳ זלמן״.

י. ח. בילעצקי האָט רעכט, ווען ער שרייבט: „...יעדער, וואָס וועט וועלן שרייבן וועגן דער גבורה פון יידישן וואַרשע, וועגן איר שוואַכקייט, וועגן איר הימלישער וויזיע, וועגן איר אומעטיקע בענקענישן, וועגן איר שׂמחה און צער וועט דאַרפן אָנקומען צו די טויערן פון יחיאל האָפּערס שאָפונג״.

בער האָראָוויץ

מלך ראַוויטש האָט אויסער טאַלענט אויך אַ גוטע טבע: ער לאָזט נישט פאַרגעסן אַ סך, אַ סך, וואָס האָבן אין זייער לעבן מיט זייער פּען אָדער פּענדזל געמאַכט קאָלירפולער די... פּוסטקייט, שאַבלאָנען, אויסגעלושטשענע שויטן... דעם קלומפּעל ליגנס, באַנאַל און קויטיק... (פון ב. האָראָוויצס אַ ליד). ווען איך האָב געלייענט אין די „לעצטע נייעס״ אַ קאַפּיטל פון מלך ראַוויטש׳ס „מעשׂה־בוך״, ווו ער דערציילט וועגן דעם אויסטערלישן, ווילדן און גייסטיק־אַגרעסיוון בער האָראָוויץ, האָב איך מיד דערמאָנט אין עטלעכע באַגעגענישן מיט אים און געפאָרן קיין ירושלים אויפזוכן אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק זיינע ביכלעך. האָב איך

געפונען דאָרט צוויי ביכלעך, אַרויסגעגעבן אין ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצ־קין. איינס פון יאָר 1929 הייסט: פון מיין היים אין די בערג (לידער), וווּנ־דערלעכע מעשׂיות (פּראָזע). דאָס צווייטע פון יאָר 1930 הייסט: ריח פון ערד (לידער).

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פלעג לעבן בער האָראָוויצס אַ ליד זיין אַ אויטאָפּאָרטרעט מיט ליידיקע צוויי אויגן און אַ גרויסער טשופּרינע. בער האָראָוויץ איז געווען סיי אַ טאַלאַנטפולער פּאָעט, סיי אַן אָריגינעלער צייכנער, וואָס איז אַלגעמיין געליבט געוואָרן. און ר׳האָט זיך אַליין פּאָר־טרעטירט. אין 1938 בין איך מיטגעפאָרן מיט אַן עקסקורסיע־צוג קיין טשערנאָוויץ אויף דריי טעג. צווישן זייער אַ סך פּאָרערס האָב איך דערזען אַ מענטש, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין אויטאָפּאָרטרעט אָבער מיט צוויי פּייערדיקע אויגן. האָב איך סתם אַ פרעג געטאָן: בער הראָוויץ? איז ער אויפגעשפּרונגען פון געזעס: פון וואַנעט קענט איר מיך? אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט און באַפריינדט.

דערנאָך איז ער געווען עטלעכע מאָל ביי מיר צו גאַסט אין קאָלאָמיי. ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף מאַידאַן לעבן סטאַניסלאַוו. געלערנט אַ צייט אין קראָקע מעדיצין, איבערגעלאָזט דאָרט אַ פרוי און געלאָפן פון אָרט צו אָרט פון דעם, „כאַרטשענדיקן גראַמאַפאַן, פליטע ביליק און אָפּגעדראָשן, קאַטאַרינקע, פּאַפּוגע, וואָס גיט פּאַרטיקע צעטלעך...". ער האָט געמאָלן מיך און די פּאָרטרעטן זענען געווען אין מיין קאַבינעט. אין אָוונט האָב איך איינגעלאַדן געסט לכּבוד דעם גאַסט. אויפן טיש איז געווען אויך אַ גרויסער סלוי מיט איינגעמאַכטס און טעלערלעך פאַר יעדן איינעם. בער האָראָוויץ האָט צוגערוקט דעם גאַנצן סלוי צו זיך און געזאָגט, עסנדיק, אַז די פּאָרציע איז באמת צו גרויס פאַר אים...

ער האָט געלעקט די פינגער פון מיינע איבערדיכטונגען פון אוקראַיִ־ניש אין ביכעלע „מיין אוקראַיִנישער אַלבאָם". בער האָט אויך געהאַט עטלעכע זאַכן פון אוקראַיִניש. אויסער דער היימישער פאַר אים דאָרפס־טעמאַטיק פון בערג און ריח פון ערד, האָט ער געפּרוווט אַראָפּנעמען פון ישו די שוואַרצע סוטאַננע און אים אָנגעטאָן די קרוין פון יידישן גאון; געוויזן דעם אוקראַיִנישן „באַנדיט" דאָבאָש אַלס אַ פריינד פון אָרעמע און דעם בעל־שם־טוב אין התגלות פון רוח־הקודש.

אין דער צייטשריפט „די פּאָסט" (קראָקע) האָב איך געפונען אויסער מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב געזוכט, אויך לידער פון בער האָראָוויץ. דאָרט האָב איך אויך געזען נאָטיצן פון יצחק טורקאָוו־גרודבערג ז"ל און אים צו לאַנגע יאָר פון י. ש. שאַרגעל.

ביי איינעם פון די לעצטע באַזוכן האָט ער מיר קאָרעגירט דעם עפּי־טאַף, וואָס איך האָב געגעבן אויסצוקריצן אויף דער מצבה פון מיין מאַמע. דאָס איז געווען די איינציקע מצבה אויפן יידישן בית־עלמין אויף יידיש. נישטאָ קיין אייביקערס פון דעם וואָרט[1].

הענריק דאַנקאָוויטש

האָט געזאָגט הענריק דאַנקאָוויטש, האָט געזאָגט דידעראָט: וואָס איז קונסט? צו זען אין פּשוטע זאַכן דאָס נישט פּשוטע. דאַנקאָוויטש האָט דעם כּוח. און נאָך אַ גרויסער פּלוס: יעדער לייענער פון דעם דור וועט געפינען אין אַ סך סיטואַציעס זיך אַליין און וועט עס איבערלייענען מיט אַ ציטער אין אַלע מוסקלען און מיט אַ שטילן קרעכץ.

וואָס מיך האָט ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין זיינע דריי ביכער איז דאַנקאָוויטשעס נאָענטע און היימישע קאָנטאַקטן מיט יידיש־שאַפער. איך פרעג זיך פאַר וואָס זשע איז ער געוואָרן און געבליבן דער שרייבער אויף פּויליש? נאָכן איבערלייענען אַלץ, וואָס איז שוין געדרוקט געוואָרן אין תל־אביב אויף פּויליש, וויל איך פּרווון פאַרענטפערן מיין שאלה אַזוי:

הענריק דאַנקאָוויטש רעקטע חיים באָרנשטיין, פאַלסע הענריק באָרני איז אַוועק פון זיין פאַנאַטישער און אָרעמער היים, איינגעזאַפּט אין זיך אין דער פּוילישער שול די שיינע און רייכע שפּראַך. אַלס פּראָטעסט צו די עוולות קעגן אים און זיינס גלייכן האָט אים זיין נאַטור געשטויסן צו די לינקע קרייזן, ווו מען האָט מיט נאַיִוער יוגנטלעכער אמונה געגלייבט אין דער שיינער אילוזיע פון אַ נייעם לעבן, ווו אַלע וועלן זיין גלייכע

[1] אַ פאָטאָ פון דער מצבה געפינט זיך אויף זייט 56.

צווישן גלייכע, צופרידענע און זאַטע. ער איז געווען אַ זשורנאַליסט קען מען זאָגן, פון געבוירן אָן. אפשר איז שולדיק דער „פאָרווערטס״, וואָס האָט נישט אָפּגעדרוקט זיין רעפּאָרטאַזש וועגן היטלערן? אפשר איז שולדיק דער „ייוואָ״, וואָס האָט נישט דערמעגלעכט אים צוצוקומען דורך דער אויטאָביאָגראַפיע זיינער צו זשורנאַליסטיק אין אַ צייטונג. אפשר איז דאָס אַנטלויפן פון זיך: פון דער אָרעמקייט, פון דעם פאַנאַטיזם, פון די שווע־ריקייטן ביים אָנקומען אין שול און דער הויכשול, דערנאָך דער אַנטי־סעמיטיזם (נומערוס קלאַוזוס; עקסטערע בענק פאַר יידישע סטודענטן; געשלעגערייען וכו׳), וואָס אַלץ דאָס דערמאָנטע איז געווען געבונדן מיט דער יידישער נאַציע און במילא מיט יידיש און דערפאַר איז ער אַוועק פון יידיש צו דער שפּראַך פון לאַנד. וואָס איז געוואָרן דער סטראַדי־וואַריוס זיינער פון וואָרט און שריפט.

נישט קוקנדיק דערויף דערמאָנט דאַנקאָוויטש אין זיינע ביכער מיט גרויס סימפּאַטיע צוויי חברים פון סאָסנאָוויץ, צוויי פּאָעטן אויף יידיש פון דער גרופּע אַרום דער צייטשריפט „יונג־זאַגלעמביע״: אליעזר שיקמאַן און טוביה בוים. אין וואַרשע באַקענט ער זיך מיט ז. סעגאַלאָוויטש. וועגן אַלטער קאַציזנע דעם דיכטער און רעוואָלוציאָנער, שרייבט דאַנקאָוויטש מיט גרויס באַגייסטערונג.

אין אַ שטוב אָן פענצטער, ווו ס׳האָט געוווינט דער קראָנקער דיכטער אליעזר שיקמאַן, איז געווען דער שטאַב פון „יונג־זאַגלעמביע״. דאָרט האָט דאַנקאָוויטש באַקענט זיך מיטן רעדאַקטאָר פון דער צווייוואָכנשריפט „די פּאָסט״, מיט משה בלעכער. אין דער שיין־אַרויסגעגעבענער צייטשריפט, וואָס געפינט זיך אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק פון ירושלים, האָבן געדרוקט אַ סך שרייבער און דיכטער. זוכנדיק מיינע אַרטיקלען, האָב איך געזען אויך אַרטיקלען פון יצחק טורקאָוו ז״ל, פון בער האָראָוויץ, און י. צ. שאַרגעל און אַנדערע. אינטערעסאַנט איז, וואָס דאַנקאָוויטש שרייבט וועגן משה בלעכער און זיין „פּאָסט״. מען האָט אים טראַקטירט אַלס דאָן קישאָט מיטן אַרויסגעבן אין קראָקע, אויף אַ נישט־פריינדלעכן באָדן פאַר יידיש, אַ יידישע „פּאָסט״. אויסער דעם האָט בלעכער געפירט אין איר אַ קאַמף קעגן טלאָמאַצקע 13. דאַנקאָוויטש איז געוואָרן דער „לייטער פון וואַרשע־ווער אָפּטייל פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע״ פון דער „פּאָסט״.

דערפאַר האָט ער באַקומען פון אים אַ זשורנאַליסטן־לעגיטימאַציע אין פינף שפּראַכן און האָנאָראַר פון איין פאַרקויפטער צייטשריפט פאַר 25 גראָשן.

ווער ס׳וויל נאָך מער הערן, מוז לייענען די דריי ביכער און ער וועט הנאה האָבן פון טאַלענטירטן, עלאָקווענטן און אינטערעסאַנטן דערציילער הענריק דאַנקאָוויטש.

מאַדאַם סוזאַן ראָדי — לאות תודה מעם ישׂראל

אין דער ווילע פון נתן וויגאָדאַ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט זיין שוועסטער פרוי ווילגאָוויטש פון פּאַריז, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין דער היטלער־צייט פון מאַדאַם סוזאַן ראָדי. די דאָזיקע העלדישע פראַנ־צויזישע רעזיסטענץ־קעמפערין האָט באַקומען פון „יד ושם״ אין ירושלים די העכסטע אויסצייכענונג:

„לאות תודה מעם ישׂראל״ —
„כל המקיים נפש אחת,
כאילו קיים עולם מלא״.

הייליק איז אפשר אַ צו בלאַס וואָרט, העלדיש איז צו וואָכעדיק געוואָרן, הומאַן איז פאַרעלטערט. און צוריק מיט אבער 20 יאָר איז קיין יידישע מדינה נישט געווען, וואָס זאָל דאַנקען אין נאָמען פון פאָלק. און 400 יידישע קינדער הונגעריקע, וואָס האָבן באַקומען ברויט פון סוזאַן ראָדי, האָבן איר זיכער גאָרנישט נישט צוגעזאָגט. גוטס טאָן, לאָזט זיך אויס, איז אַ גרויסע ריזיקע פאַרן בעל־טובה. פיל לייכטער איז צו טאָן יענעם שלעכטס, כדי זיך אַליין דעם מצב צו פאַרבעסערן. דער המון־עם האָט עס טאַקע אומעטום אַזוי געטאָן. נאָר יחידים האָבן זיך דערהויבן איבער דעם פּחד און איבער זייער „איך״. און די דאָזיקע יחידי־סגולה,

די געציילטע חסידי אומות העולם, זיי דערהאַלטן דעם מענטשלעכן כּבֿוד אויף דער וועלט. ס'איז געקומען די צייט, ווען מיר און אונדזערע קינדער און אַלע, וואָס ווילן צוריקגעווינען דעם גלויבן אין מענטש, זאָלן גיין מיט אויסגעגלייכטע רוקנס נישט דורך דעם יסורים־וועג, נאָר דורך דער ביימער־אַלייע פֿון די חסידי־אומות־העולם אין ירושלים.

מאַדאַם סוזאַן ראַדי איז דעמאָלט געווען אַ יונגע פֿראַנצויזישע פּאַ־טריאָטקע. איר לאַנד איז געוואָרן גלייך צו אַ ווילדן וואַלד. אין אים מאַכן זיך די דייטשן אַ געיעג אויף יידן. מאַדאַם ראַדי איז נישט מסכּים. עס ברויזט און עס קאָכט אין איר. וואָס־זשע איז דאָס געיעג? וואָס איז דער הפקר? הלמאי דאָס יידישע קינד האָט געשפּילט זיך און געלאַכט, פּונקט ווי איר קינד?

האָט די ערלעכע, תּמימותדיקע סוזאַן גענומען גוטס טאָן אויף איר פֿאַסטן. אַזוי ווי זי האָט געאַרבעט אין דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג ביים פֿאַר־טיילן די שפּייז־קאַרטן, האָט זי פֿאַרזאָרגט די באַהאַלטענע יידן מיט דער נויטיקער שפּייז. ביי איר אין שטוב איז געווען אַ פֿאַבריקל פֿון מעטריקעס, סטעמפּלען פֿאַר פֿרעפֿאַרירן די נויטיקע דאָקומענטן. דערצו האָט מען איר פֿון איין זייט געהאָלפֿן: בעיקר דער שטאָט־פּרעזידענט גאַסטאָן רעמאָנד. און פֿון דער צווייטער זייט האָבן היימישע מיליץ־יונגען איר געדראָט און אויך זי געמסרט פֿאַר דער אָרטיקער קאָמענדאַנטור, ווו מען האָט זי גע־פּייניקט. די שטענדיקע שפּאַנונג, די געצווונגענע מאַסקירונג פֿאַר נאָענטע און ווייטע, די עקשנותדיקייט פֿון גיין אויף דעם שטאָלצן וועג פֿון רעזיס־טאַנץ, האָט דערפֿירט מאַדאַם ראַדי דורך גייסטיקע יסורים צו געלייטער־טער מענטשלעכקייט.

גאַליציע אויף עקספּאָרט

1

איך רעד דאָ נישט וועגן די „באַרימטע״ גאַליציאַנער דאָקטוירים אָדער לערערס. אויך נישט וועגן נאַפֿט אָדער האָלץ פֿון גאַליציע, וואָס דאָס אַלץ

גייט אויף עקספּאָרט. דאָ האַנדלט זיך מיר וועגן די פונקען אָדער פייער־זיילן פון גייסט, וואָס צינדן זיך אָן אויף גאַליציאַנער באָדן, פאַרלאָזן אים מיט דער געשווינדקייט פון אַ בהלה און שטראַלן־אויס אויף אַנדערע יידיש־לענדער מיט זייער ליכט און וואַרעמקייט.

גאַליציע האָט ווילע קינדער. נאָר ווי באַלד זיי וואַקסן אַ ביסל אונטער, אַנטלויפן זיי פון איר דורך אַ פענצטער ביי נאַכט צו דער גרויסער וועלט, כדי צו זוכן דאָרט פּרנסה און כּבוד. ווייל דאָס לאַנד איז מאַטעריעל און קולטורעל פאַרגליווערט און נעמט נישט אויף און פאַרטראָגט נישט די אויפגעוועקטע קינדער אירע.

„דעם גאַליציאַנער עלעמענט" טראָגט אַריין אין דער יידישער קולטור־שאַפונג הויפּזעכלעך מזרח־גאַליציע. אויב מזרח־גאַליציע איז שעפעריש אַקטיוו און אין דער קאָנסומפּציע מער פּאַסיוו, איז מערב־גאַליציע כּמעט נישט שעפעריש און אויך נישט קיין גרויסע געניסערין פון יידיש־פּראָדוקציע.

2

לאָמיר גיין אין לאַנד פון די שעפער. לאָמיר זען, ווו ס'איז אויפגעגאַנגען דער גרעסטער מיסטיקער פון דער לעצטער צייט: בעל־שם־טוב. זיין היים איז געלעגן אין די קאַרפּאַטן־בערג צווישן קאָסעוו און קיטעוו.

גיי אַרויף אויף אַזאַ באַרג און גיב אַ קוק. דער ישוב אונטן ליגט פרידלעך. שטיל און שלווהדיק. קליינע פינטעלעך, ווייס און רויט, און אַ ים פון גרינקייט. פּאַמעלעכע, באַרעכנטע באַוועגונגען פון די מענטשעלעך אין טאָל פון אייביקער שפּראָצונג. מען הערט נישט קיין כּעס און קיין שׂנאה. עס רוישט די סימפאָניע פון אייביקייט און ליבשאַפט. הייב־אויף דיינע אויגן! די בלויקייט פון הימל מאַכט לאַנגזאַמער דאָס יאָגעניש פון האַרץ. עס קאַפּען אַראָפּ אין דיין בלוט טראָפּנס מיט היילונג, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אבֿרים. אין־סופיקייט נעמט דיך אַרום און קושט דיך, ביסט פריי און אומאָפּהענגיק, פילסט דיך ווי אַ טראָפּן טוי, אַזוי לייכט און קליינ־

טשיק. באַלד ווערסטו אונטער דער שפּע פון זון אַ פּאַרע אָדער אַ כמאַרעלע און באַלד ווידער צוריק אַ גלענצנדיקער טראָפּן מיט די חנען פון אַ רעגנבויגן.

קום אַראָפּ אַצינד אין די פּוסטריט פון בעש״ט: דער וועג פירט צווישן צוויי בערג־פּאַסמעס. צו דער רעכטער האַנט גייט טריט ביי טריט מיט דיר דער טייך פּרוט מיט אַ שפּילנדיקן ריטם. דאָ מוז דער געדאַנק אויך גיין אַ גלייכן וועג: נישט רעכטס, נישט לינקס — די בערג לאָזן נישט — נאָר פאָרויס!

און אויב ס׳ליגט אַליין אין אַ קאַלטער שטוב אַ קראַנקע יידענע, גיי מיט מיט בעש״טן קלויבן אָפּגעטריקנטע צווייגן פאַר איר אין די ווילדע געדיכטעניש פון די וועלדער. דאָ לויערן אין די הויכע גראָזן, אין די פאַרפלאָנטערטע צווייגן שלענג און בערן. די געוואַגטקייט איז גרויס, די ליבשאַפט נאָך גרעסער און צום גרעסטן איז דאָס געפיל, אַז מען איז אַרויס אַ גאַנצער און געלייטערטער פונעם געפערלעכן וועג.

אויפן וועג וועסטו טרעפן דעם פויער און דעם ייד, אָרעמקייט און דלות, קאַרטאָפל און מאלאי. דאָס פאַרט בעש״ט אויף זיין פערד און וועגעלע גראָבן ליים און אָפּפירן עס צום אַרענדאַרס נייעם בוי, כדי צו פאַרדינען אויף פּרנסה. אויפן קאָפּ אַ קוטשמע, אויף די פּלייצעס אַ ווערעטע און אין דער האַנט אַ בייטש. האָבן די רבנים געזאָגט: אויסזען זעסטו אויס ווי אַן עם־האָרץ נאָר לויט דו פירסט דיך, רוט אויף דיר דער רוח־הקודש. דערפאַר לאָמיר הערן, צי דו ווייסט עפּעס אַ דין: אַז איינער פאַרגעסט צו זאָגן יעלה־ויבוא, וואָס איז דער דין? האָט בעש״ט געענטפערט: „דעם דין דאַרפט איר נישט האָבן און נישט איך״.

3

דאָס איז בעל־שם־טוב. און דאָס איז די פּאַנאָראַמע פון נאַטור, אָרעמקייט און גייסט. פון דאַנען שטאַמען די פונקען פון דער יונגער גענעראַציע באַגייסטערטע און טוער. אַהער געהער, כדי נאָר אַ בלישטש צו געבן:

מלך ראוויטש, בער האַראָוויץ, נפתלי גראָס, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, ישׂראל ביבער [1], מיכאל ווייכערט [2] און אַחרון אַחרון חביב, איציק מאַנגער.

יאָ! מאַנגער, דער רומענישער זעלנער, האָט געשמעקט אין זיינע קינדער־יאָרן לופט פון פּאָקוציע. דאָ האָט ער אונטערגעפּירט שבת נאָכן קוגל זיין פאָטער ביר טרינקען אין דעם שבת־שענק, וואָס ליגטביים פּרוט אין קאָלאָמיי. דאָ וואַרטן אים איצט אָפּ ביי דער באַן זיינע טויטע זיידע־באָבע און דאָ געפינט ער דאָס עכאָ פון זיין מוטערס ליד. ער שרייט אַזש אויס:

„אָ! שטילע פרייד פון מיינע
קינדער־יאָרן!

(„צווישן סטאָפּטשעס און קאָלאָמיי...")

און אויב

„אין זיינע גראַמען ציטערט און וויינט
די נשמה פון זיין מאַמען"

(„אויף דער סטאַציע קאָלאָמיי").

איז עס די נשמה פון אַ קאָלאָמייער מאַמע וועמענס ליד און וואָרט איז אָנגעזאַפּט מיט דער ספּעציפישקייט פון פּאָקוציע: יידישע פאָלקס־טימלעכקייט, בעש"טישע גוטסקייט, שוויגנדיקע האַרעוואַניע און גם־זו־לטובהדיקער פאַרציכט.

---

[1] ד"ר ביבערס אויפטוען פאַר דער יידישער שול און פאַר דער וויסנשאַפט אויף יידיש זענען פיאָנערישע און גלייכצייטיק פונדאַמענטאַלע.
[2] ד"ר ווייכערטס אויפטוען פאַרן יידישן טעאַטער זענען ווי פרישע לופט פון די קאַרפּאַטן־בערג, פאַר אָ מידן און מאַטן. זיין אינטימע צוגעבונדנקייט צום היים־באָדן האָט ער אויסגערעזשעסירט אין זיין „טרופּע־טאַנענצאָפּ".

לאָזן מיר גיין פון מזרח צום מערב, טרעפן מיר אַן אַזוינע נעמען ווי: משה נאַדיר, מ. ל. האַלפּערן, א. י. אימבער, דוד קעניגסבערג, רחל קאָרן, בער שנאַפּער, אַשנדאָרף, מ. שמיעל, שודריך, ר. אויערבאַך, א. מ. פוקס, ירחמיאל גרין, הייפּערמאַן, נפתלי גראָס, און נאָך און נאָך.

4

איבעראַל זענען זיי דאָ, די גאַליציאַנער. און מען האָט זיי נישט ליב, די שטרעבערס, די טאַלאַנטן, די איראָפּייער.

אין ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן.

— ווער איז ער? — פרעג איך אַ חבר.

— זיכער אַ „גאַליציאַנער״!

— פאַר וואָס עפּעס אַ גאַליציאַנער?

— ווייל ער איז עפּעס צו פיל אין אָרדענונג מיט זיך: דאָס קראַוואַטל אויפן אָרט, די בגדים כּמעט יום־טובדיק, ער עסט מיט מאַניערן. סיי־ווי נישט ווי אַן „אונדזעריקער״!

אָדער אַזאַ שמועס:

דער דיכטער נ־ל איז אַ דאָקטאָר. רופט זיך אָן איינער: זיכער אַ גאַליציאַנער!

דער ביטול־טאָן האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דעם פיינעם דיכטער און ס׳האָט זיך געלאָזט הערן דער חוצפּהדיקער אויבערטאָן: טאַלאַנט־לאָזיקייט!

די ריינע בגדים און דער טיטל זענען אַן אויסדרוק פון קולטור. ביי די פּאָליאַקן האָט שוין פּראָפ. קולאַטשאָווסקי געמאַכט אַ געשריי וועגן דעם „טאַלענטיזם״ אָן אַ ברעקל ליטעראַרישער קולטור. דער שרייבער איז

טאַקע אַ קוואַל. אָבער כּדי דער געטראַנק זאָל גוט זיין צום גומען, מוז מען אים פּאַרזיסן מיט וועלט־חכמה און מענטשן־קענטעניש. און כּדי ער זאָל אייביק פריש און ריין זיין, מוז מען אים דורכלאָזן דורך אַ זיפּ פון קולטור־געשיכטע און סאָציאָלאָגיע, ליטעראַטור, געשיכטע און פּאָעטיק, וועלט־געשיכטע און פּאָליטיק. אָן וויסן איז דער טאַלענט אַ קריפּל. לויט געטע איז זשעני: טאַלענט פּלוס פלייס. און דורך התמדה קומט מען צו וויסן. ערשט די קולטור־אַטמאָספערע מאַכט פונעם טאַלענט אַ פּערזענלעכקייט.

דאָרט, אין גאַליציע, ווו ס'טרעפט זיך צוזאַמען דייטשע קולטור פון אַמאָליקן ווין און טשערנאָוויץ, פּוילישע און אוקראַאינישע מיט דער יידישער, דאָרט מוז דער טאַלענט ווערן גלאַטיק, ווי די שטיינער אין אַ זאַק, וואָס שלייפן זיך איינער אָן דעם צווייטן.

און אויב אַסימילאַציע איז אויסדרוק פון שוואַכן כאַראַקטער, איז דער פּאָרוווּרף אויך נוגע אַלע בירגערלעכע שיכטן פון אַנדערע יידישע ישובים. די מלוכה־שפּראַך איז אַ שטאַרקער כּוח און די טענדענץ צו פּאַרלייכטערן זיך דאָס לעבן איז אַ יצר־הרע, וואָס רעדט אָן צו זינדיקן מיט פרעמדע קולטורן. איי, דאָס פּאַרגעניגן איז נישט גרויס? אָבער דערוויַיל ווערט אָפּגעפרעמדט דער יונגער דור פון דער אייגענער קולטור. אין גאַליציע מיט אַ גרעסערן אימפּעט ווי אין קאָנגרעס־פּוילן.

די יידישע שול וואָלט געקענט אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע אין גאַליציע, איז אָבער דער קעגנשטעל און די עם־הארצות פון די באַלעבאַטים ריזן גרויס. דער אַרבעטער איז אָרעם און נישט אויפגעקלערט. מען מוז דעם קאַמף פּאַר דער יידישער שול פאַרשטאַרקן, און דער זיג וועט קומען.

גאַליציע ליידט אויף גייסטיקער אַוויטאַמינאָזע און עקספּאָרטירט גייסט פּאַר אַנדערע ישובים. אין מילך־רייכן האָלאַנד ליידן די קינדער אויף אַוויטאַמינאָזע צוליב פּעט־מאַנגל און די פּוטער עקספּאָרטירט מען קיין אויסלאַנד. דאָ ליגט טאַקע דער פּאַראַדאָקס און דער אמת וועגן גאַליציע.

אַסימילאַציע און עם־הארצות

מ׳האָט גענומען און אָוועקגעזעצט צוויי בידנע מענטשלעכע באַשעפע־נישן, דעם שמענדריק און דעם גראָבן יונג, צעלייגט פאַר זיי דאָס גרויסע צעטל פון זייערע חטאים און מען וויל זיי דווקא פאַרמשפּטן צום טויט. ביידע — ווערט געזאָגט אין באַשולדיקונג־אַקט ברענגען אַ סך שאָדן און בושה דעם יידישן פאָלק.

פרעגט זיך אָבער: צי זיינען זיי באַוווסט אין זייערע פאַרברעכנס און צי פילן זיי זיך גוט אין זייער מיאוסער אַרבעט פון צעשטערן און פאַר־גרעבן דאָס פאָלק? צי זיינען נאָר די יידן די געליטענע? צי ליידן נישט פון אַסימילאַציע און עם־הארצות אויך די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן? מיט וואָס פאַר אַ מיטלען קאָן מען אויסראָטן אַסימילאַציע און עם־הארצות אַזוי, אַז די פאָלקס־טריבונאַלן זאָלן נישט זיין מער אַזוי פאַר־וואָרפן מיט דער אַחריותדיקער אַרבעט פון מישפּט און שטראָף?

פון די דערקלערונגען וואָס ביידע האָבן אָפּגעגעבן, איז צו זען, אַז זיי זיינען זיך מודה אין זייערע חטאים, יעדער אויף זיין אופן. וואָס האָט געזאָגט דער שמענדריק? — איך האָב געזינדיקט לגבי מיין פאָלק נישט וויסנדיק, איך האָב געלעבט אַ זינלאָז לעבן. פאַר איינעם בין איך געווען צו ווייניק גוי, פאַרן צווייטן — צו ווייניק ייד. ס׳האָט מיך גענוג כוח גע־קאָסט צו זיין דאָס וואָס איך בין נישט. כ׳האָב תמיד געלעבט אין פּחד פאַר דעמאַסקירונג און נישט איין מאָל האָבן זיך ביי מיר צעשפּילט די נערוון, נאָר משוגע צו ווערן. גיט מיר צוריק מיין לעבן און איך וועל עס אָנפילן מיט יידישן אינהאַלט, כדי צו ווערן פון אַ געפּענטעט פאַרזעעניש אַ פרייער ייד...״

דער גראָבער יונג האָט געשטאַמלט: „...נאָך יונגערהייט פלעגט מיך דער טאַטע רופן: דו תם איינער! אַזאַ טבע האָב איך שוין, אַז ווען יענער רעדט, קראַץ איך מיר אין אויער. איך פאַרשטיי נישט, וואָס מען וויל פון מיר האָבן. איך וויל אַ בולקע און שוין! לאָזט מיך צורו און דולט מיר נישט קיין קאָפּ...

דער אַסימילאַנט, וואָס נעמט אָן די שפּראַך און מנהגים פון הערשע־רישן פאָלק, טוט עס, ווייל ער מיינט, אַז ס׳וועט זיין באַקוועמער, לייכטער צו לעבן. ער דרייט זיך אַרויס פון כּלל און וויל נאָר ווי אַ פּרט, ווי אַן אידעענלאָזער יחיד, זיך פאַרלירן אין דער הערשנדיקער מאַסע. ס׳איז אַ האַנדלונג לויטן פּרינציפּ, וואָס מאַכט זיך אַ וועג דאָרט, וווהין ס׳איז אים לייכטער דורכצוקריכן.

דער ציל איז: די דערהאַלטונג פון דער אייגענער חיהשער עקזיס־טענץ. די דאָזיקע טענדענץ האָבן בעיקר אַזוינע יידן, וואָס קענען נישט אָדער גיבן זיך נישט קיין מי צו דערקענען דעם זינען פון יחיד אין פאָלקס־אָרגאַניזם. ס׳איז אַ פּרימיטיוו־עגאָיסטיש טראַכטן. נישט העכער אין גייסט פונעם המוֹנישן טיפּ שטייען די שרייבנדיקע און ריידנדיקע פּראָפעסאָרן אַלאַ הירשפעלד, וואָס האָט דעזערטירט פון זיין פאָלק און האָט נאָך געגעבן עצות די איבעריקע צו דעזערטירן. אויב אַסימילאַציע, אָננע־מענדיק די פאָרעם פון אַרום, כּדי זיך צו שיצן קעגן אַרום איז פּרימיטיוו־עגאָיִסטיש, איז שמד דער צווייטער שטאַפּל פון אַסימילאַציע ראַפינירט־ליגנעריש.

ערשט אין אַן עת־צרה זוכן זיי הילף אין דער קאָלעקטיווער צוגעהע־ריקייט צו זייער פאָלק און דערקענען זיך ווי אַ טייל פון אים.

די אומות־העולם האָבן פיינט די אַסימילאַנטן, אַפילו ווי נוצלעך און ווערטפול ס׳זאָל נישט זיין פאַר דער וועלט זייער צושטייער פון טאַלאַנט און פעיִקייטן. מען הרגעט ראַטענויען, מען באַליידיקט בלומען, מען פאַרטרייבט ווערפלען, די צווייגס און די איינשטיינס פון לאַנד, די אַסי־מילאַציע פון יידן מיט פרעמדע קולטורן באַטראַכטן די נאַציאָנאַליסטן פון אַלע פעלקער ווי אַ יידיש שפּיצל, אַריינצודרינגען אין די פרעמדע פאָלקס־אָרגאַניזמען, כּדי זיי צו אַסימילירן צום יידישן גייסט און נישט כּדי אַליין זיך צו אַסימילירן מיט זיי.

דער אַסימילאַנט ווערט מיט דער צייט קראַנק. זיינע איינגעבוירענע און דערוואָרבענע געפילן, געדאַנקען און ווילנס־וועלט פאַרשטופּט ער אין קעלער פון זיין באַוווסטזיין. זיין שפלות־געפיל קאָמפּענסירט זיך אין פאָרעם פון חוצפּה, אָנשטעל, שטייפקייט און פאַלשקייט אָדער וואַרפט אים אַריין אין פאַרשיידענע נעווראָזן, וואָס מאַכן פון אים אַ פּסיכישע קאַליקע. די

פסיכישע דעפּאָרמירונג מאַכט דעם בעל־דבר אומסימפּאַטיש און אומדער־טרעגלעך צווישן אייגענע און אויך אין דער הערשנדיקער געזעלשאַפט, וווּהין ער שטופּט זיך.

דער גראָבער יונג איז נוטה צו ווערן אַ שמעלקע מיט שמענדריקן. די איגנאָראַנץ פון אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, פון אייגענער געשיכ־טע, די אָפּגעלאָזנקייט, פוילקייט, דער חיהשער דראַנג צו אַליינדערהאַל־טונג, פירט צו לייכטזיניקער אַפּטריניקייט.

אַנאַליזירנדיק דעם צוגאַנג פון שמענדריקן און דעם גראָבן יונג צום לעבן פרעגט זיך, צי דאַרף מען זיי דערפאַר אַריינלייגן אין חרם אָדער גאָר ממיתן?

איך מיין, אַז נישט. מען דאַרף זיי דערציִען.

די פּרינציפּן דערפון דאַרפן זיין: יידן זיינען אַ פאָלק, וואָס האָט גע־בענקט אין אָפּקומעניש און אין בענקעניש נאָך דער אייגענער ערד און מלוכה צוויי טויזנט יאָר; דערפאַר דאַרף יעדער ייד קענען זיין געשיכטע.

ביזן פולן קיבוץ־גלויות אין דער יידישער מלוכה איז יידיש — גע־רייניקט און געשליפן פון אונדזערע קינסטלער און געלערנטע — געהיי־ליקט דורך קאַמף און טויט אין די געטאָס, דערווייל דאָס שטאַרקסטע בינדמיטל פון פאָלק.

דער רענעסאַנס פון אַלטן, אויסגעבלוטיקטן פאָלק באַשטייט אינעם דערוואַכטן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, אין יוגנטלעכן עקסטאַז פאַר בויונג, אין העלדישן קאַמף פאַרן יידישן כבוד און אייביקן גלויבן אין פעלקער־פריינדשאַפט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אַסימילאַציע און עם־הארצות פירן באַוווּסט און אומבאַוווּסט צו דער אויפלייזונג פון פאָלק. אַסימילאַציע ווי אַ מאַסן־דערשיינונג איז געגליכן צו אַ קרעבס, וואָס צעשטערט דעם פאָלקס־אָרגאַניזם און פאַרסמט די לופט אויך פון די אומות־העולם. עם־הארצות איז אַ בושה אין פנים און אַ ווייטיק אין האַרץ.

דערפאַר איז שטענדיק די אויפגאַבע פון אונדזערע וואָרט־ און שריפט־פירערס באַוווּסט צו מאַכן דעם תם און אויפצוקלערן דעם רשע מיט די ווערטער פון שלום־עליכם אין „צעזייט און צעשפּרייט”:

„צי מיינסטו, אַז אַלצדינג, וואָס קומט פאָר ביי יידן, מיינט מען דער־מיט יענעם, נישט דיך ?"

יעדע עפּאָכע פון גלות־לעבן האָט געהאַט אירע אַסימילאַנטן. אין יע־דער עפּאָכע האָבן געלערנטע געפונען ספּעציפישע בינד־מיטלען, כדי דאָס פאָלק צו צעמענטירן און פאַרהיטן עס פון אונטערגאַנג.

זאָל דער פאָלקס־טריבונאַל אויך היינט זיך נישט אָפּזאָגן פון די קאַלט געוואָרענע חברים פון פאָלק מיט אַרויסטראָגן אויף זיי אַן אַמפּוטאַציע־פסק, נאָר פּרווון מיט בלוט־טראַנספוזיעס אָפּצוראַטעווען זיי פאַר דער גאַנצקייט.

שטיקער ווייטיק און צער

אין יאָר 1947 האָב איך, אַלס פאָרזיצער פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, אויפגענו־מען אין זיעמביץ עטלעכע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין רוסלאַנד. און דאָס האָב איך געזאָגט :

6 יאָר צוריק האָב איך זיך געזען מיט אייך, יידישע שרייבער. 6 יאָר צוריק האָבן די תלמידים פון אַכטן קלאַס פון דער יידישער גימנאַזיע אין קאָלאָמיי אויפגענומען רייזל זשיכלינסקי און דעקלאַמירט אירע שטילע און באַהנטע לידער (איך בין דעמאָלט געווען אויך לערער פון יידישער ליטעראַטור אין גימנאַזיע). 6 יאָר צוריק האָב איך אין לעמבערג אויף אַ פּרץ־אָוונט געטראָפן זיך צווישן אַנדערע מיט אַשנדאָרפן און באַמזע און געהערט די פּלאַמיקע רעפּליק פון אַלטער קאַציזנע קעגן שכנא עפּשטיינס פּרץ־אינטערפּרעטאַציע.

מיט 9 יאָר צוריק האָב איך געזען אייך אויפגיין און בליִען אין וואַרשע און אין לעמבערג, אַפילו די זון איז שוין דעמאָלט נישט געווען שטאַרק לייטזעליק צו אייך.

די יאָרן פון קאַשמאַר האָבן אויך אָפּגעווישט סימנים פון פריינדשאַפט־פאַרבינדונגען : ס'זענען אַהינגעקומען די ערשטע ביכעלעך אייערע מיט

דעדיקאַציעס, די בריוו און פאָטאָגראַפיעס, ווו ס׳איז פיקסירט געוואָרן באַגעגענישן אויפן באָדן פון שעפערישן געוועט.

היינט טרעף איך אייך דאָ ווידער, עטלעכע לעבן-געבליבענע און גע־טריי-געבליבענע אייער טאַלענט און אייער שליחות; היינט טרעף איך אייך דאָ אויף דעם פאָרום פון אַ ביסל איבערגעבליבענע און אָנגעווייטיק־טע, אייך, וואָס איר אַליין זייט שטיקער ווייטיק און צער.

צי ברענגט איר אונדז אַ טרייסט?

איך לייען אייערע שאַפונגען, ווו זיי זאָלן זיך נאָר באַווייזן. איך הער אייך שוין 2 יאָר קדיש-זאָגן. ווער איר היינט אַ קלאַפ-טאָן אין טיש צו יזכור? ווייל שטיין איבער דעם מאַסן-קבר פון אַ פאָלק — קען מען נישט מער ווי שווייגן אָדער מורמלען אַ פאַרטיקן קדיש-ניגון. ווייל שטיין אַזוי נאָענט איבער דעם וועלט-תהום, קען מען נישט מער, ווי שטאַמלען פאַר שרעק, פאַר דעם וואָס איז געשען און וואָס וועט נאָך קומען.

דערווייל זינגט איר אויס אייער ווייטיק און פאַרדראָס: אייער איכה־ליד איבער דעם גרויסן חורבן.

רייזל זשיכלינסקי זינגט פשוט און האַרציק:

„פון קינדערישן געוויין זענען טונקעלער
נישט געוואָרן די וועלדער אַרום.
— — — — — — — — — — —
„דער טיפער בלויער הימל
איז נישט אַראָפּ מיט אַ פייער פון דער הויך.

חיים לייב פוקס נעמט אויף מיטן ווינט דעם רויש פון אָשוויענטשים:

„עס שוויגן די טאַטעס אַריין אין די בערד
ס׳געשריי פון צוויי טויזנט יאָר.
די מאַמעס זיי כליפּען אַריין אין דער ערד
ס׳געוויין פון זייער לעצטן דור״.

יצחק יאַנאַסאָוויטש בעט אין אַ תפילה:

„צו ליידן מיט אַלעמען אין דער שרעקלעכער שעה״.

קנאַפּהייס זעט אין חלום די היים. ער זוכט אַ ייד, אַן אורח אויף שבת. און ווען ער וואַכט אויף, זעט ער:

„אויף טיש אַ רייפטל ברויט,
דער חלום. איך. דער טויט״.

י. אַשנדאָרף באַקלאָגט זיך אין אַ ליד, אַז קיינער וויל נישט גלייבן, אַז ער האָט געהאַט אַ מאַמע, אַ היים, אַ קינדשאַפט. רופט ער עדות־זאָגן דעם איינציק געבליבענעם חבר פון די קינדעריאָרן:

„...דו, וואָס קענסט מיך אַזוי לאַנג. קום צו מיר, אוי קום צו פאָרן,
ווייל כ׳בין קראַנק, ווייל מיר טוט באַנג״.

געטע האָט אַ מאָל געזאָגט: ס׳וואָלט גוט געווען, ווען יעדער וואָלט יעדן טאָג געהערט וויניקסטנס אַ לידעלע, אַ גוטן שיר, זען אַ שיין בילד אָדער רעדן כאָטש עטלעכע ווערטער צו דער זאַך.

היינט זענען געקומען די דיכטער צו אייך מיט זייער ליד. אַ גוט, האַרציק ליד איז אַ האַלבע טרייסט.

און איר יידישע דיכטער! הייבט מיט אייער כּישוף־וואָרט דעם מוט פון אונדזער פאָלק, פאַראיידלט זיינע געפילן און גיט אים צו מאָראַלישן כּוח אויף דעם שווערן און לאַנגן וועג צו גאולה.

צום זכּרון פון אליעזר קאַליר

איך קען מיר נישט פאָרשטעלן פּתח־תקוה אָן אליעזר קאַלירן. ער האָט גענומען פון דער אַם־המושבות פאַרב און טאָן און געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער שטאָט. צו דער פּאַנאָראַמע פון פּתח־תקוה — די פּרדסים מיט

אַזוינע אַרבעטער, ווי בן־גוריון, אשכּול און געצל קרעסל — די העראָישע סטאַטוע פון אברהם שאַפּיראָ אויפן פערד — דער צעבראָכענער זייגער אין מיטן שטאָט — דער יד־לבנים מיט זיין פייערלעכקייט און טרויער — צו דער גאַנצקייט געהערט אויך אליעזר קאַליר מיט זיין הדרת־פּנים, מיט זיינע לויב־ווערטער און צאַרן־עקספּלאָזיעס, מיט זיין רייסן זיך תּמיד צו אייביקייט אויף דעם לופט־שיף פון געשריבענעם וואָרט.

זאָט אין יאָרן און מיט צרות און מיט פריידן, איז ער אַ גלייכער, אַ שטאָלצער, אַ בּכבודיקער אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט. ביז מיר וועלן זיך מיט אים טרעפן, וועלן מיר אים תּמיד דערמאָנען צום גוטן.

זיינע ביכער אין יידיש און אין עברית: „בלומען פון ישׂראל", „שטיל געוויין", „עולמות", „מקרב", „אבותיהם של הנאצים", „בשוא גלים".

א. קאַלירס לידער „שטיל געוויין" (איכה־לידער נאָך זיין געפאַלענעם זון) זענען אַרויס אין בוכפאָרעם אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון פּרוי שוהם (פּתח־תקוה).

צום זכּרון פון אריה שׂרפי

שׂרפי איז שוין ביים לעבן געווען אַ מלאך, אַ שׂרף. ער האָט פליגלען געהאַט, וואָס האָבן אים דערהויבן איבער גרויסע צרות און קליינע פּאַרגע־ניגנס. מיט די פליגלען איז ער עולה געווען צו עולם־הבא אָן רעש, אָן טרומייטערס, פּונקט ווי ער האָט עניוותדיק און מיט יחידישן חן אויסגע־לעבט דעם עולם־הזה.

ווו קאָן מען געפינען אַ ביסל אמתע פרייד און ווו — נישט געפעלשטן צער? זיכער, אַז ביים קינד. אמתע דיכטער האָבן עפּעס שותּפותדיקס מיט קינדער. א. שׂרפי האָט עס באַוויזן אין זיינע מיניאַטורן.

קינדער שפּילן זיך אין הויף, רוישן. ר' נחום איז אַלט, וויל רו. איז אפשר שרייען אויף זיי, שעלטן זיי? ניין! גיכער דערמאָנט ער זיך: ער אַליין איז געווען אַ גרויסער „שייגעץ" און צו מאָל נישט געלאָזט די יידן לערנען תּורה. איז ר' נחום מסכּים אויף די קינדערס שפּיל.

א. שׂרפּי איז אין לאַגער נישט געווען, אָבער די געציילטע געליטענע, וואָס זענען אַרויס פון דאָרטן מיטן לעבן, האָבן דאָרט איבערגעלאָזט אַ קינד, וואָס איז זיי פון די הענט אַרויסגעריסן געוואָרן. שפּילט דער טאַטע אויפן אַקאָרדעאָן צוליב פּרנסה, מענטשן אַפּלאָדירן אים פול מיט פרייד, נאָר ער איז פאַראָבלט. און נאָר מיטן כּוח פון אַ קינדס פרייד פון צווישן פּובליקום, האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל אויף זיין פּנים.

מיט ציטערדיקע רייד, מיט אויסגעטאָקטע ווערטער און שריפט, האָט שׂרפּי געבויט זיך די לייטער צום פאַנטעאָן פון יידישן וואָרט און דאָרט טראָגט ער אַ קרוין, וואָס איז אויסגעזעצט מיט 22 יידישע אותיות וואָס בלישטשען מיט אייביקייט.

דערווייל זענען אַלע זיינע מיניאַטור־פּערלען צעוואָרפן. אָבער קומען וועט די צייט און דער מענטש, וואָס וועט זיי אויפזאַמלען אין בוך־פאָרעם, וועט עס טאָן נישט אַזוי צוליב כּבוד וועגן, ווי צוליב הנאה פאַר די לעבע־דיקע. די דערציילונג אין העברעיִשער איבערזעצונג אין מ. חלמישס „מכאן ומקרוב״ און די מיניאַטורן און סקיצן אין די „קטיף״־ביכער, וועלן זיין עדות, אַז אויך דער העברעיִש־לייענער קאָן אַ סך געניסן פון א. שׂרפּיס יצירה. און אַזוי וועט פאַראייביקט ווערן זיין אָנדענק.

גלויבענישן און מעדיצין

גלויבענישן און מעדיצין

אַ קראַנקער ווערט געוויינטלעך אַבערגלויביק, און דאָס אַפילו ווען ער האָט געזונטערהייט געמיינט, אַז ער איז עס נישט. ווען עס איז שווער צו געפינען מעדיציניש די סיבה פון זיינע ליידן, אָדער די מעדיצינישע סיבה איז אים שווער פאַרשטענדלעך און דערצו נאָך ליידט ער ווייטער טראָץ דעם וואָס ער נעמט רפואות — זוכט יעדער קראַנקער צוזאַמען מיט זיין סביבה, ווי אויפגעקלערט און געבילדעט זי זאָל נישט זיין, די סיבה אין אויסערנאַטירלעכע כּוחות. און דאָ קומט צו הילף די טויזנטיאָריקע טראַדיציע פון אוניווערסאַלן אינפאַנטיליזם, וואָס האָט סטיגמאַטיזירט די מוחות און גייט שוין כּמעט ירושהדיק איבער פון דור צו דור. אַוודאי איז דאָ אַ גראַדאַציע פון גלויבענישן צווישן פעלקער, צווישן שיכטן פון איין פאָלק, אַפילו צווישן מענטשן פון איין אינטערעס־און בילדונגס־קרייז.

אין תוך גענומען איז אַבערגלויבן זיכער נישט גאָט־גלויבן, נאָר גיכער — שדים־גלויבן. און ווער גלויבט עס אין דעם שד? „יעדער, וואָס מיינט, אַז ער אַליין איז גוט, נאָר אַן אַנדערער איז שלעכט“ (קאָנסטאַנטין ברונער).

1

דער אַבערגלויבן איז תמיד די נישט געשריבענע תורה שבבעל־פה פון פוסטע גלויבענישן. ווער עס שרייבט זי היינט, מיינט דאָך נישט איר טובה; מען פיקסירט קאַפּיטלעך פון קינדערישער פאַנטאַסטיק, מען זוכט אין דעם צערעמאָניאַל פּאָעטישקייט, מען חוזקט צו ביסלעך אָפּ דערפון, מען האָט בדעה אַרויסצורייסן פון שאַרלאַטאַנען וואָס לעבן אַ גוטן טאָג פון יענעמס נאַרישע גלויבענישן זייער פּרנסה און דער עיקר־ציל איז: באַווייזן די מענטשן דעם שאָדן פון אַבערגלויבן פאַר זייער געזונט.

די אויפקלערונג, אַז אַבערגלויבן איז אַ פּיקטיוו צוזאַמענבינדן פון נישט־געשטויגן מיט נישט־געפלויגן קעגן שׂכל־הישר, דויערט שוין לאַנג און וועט דויערן אייביק, ווייל פּונקט ווי אַבערגלויבן איז אייביק, אַזוי איז אייביק די טענדענץ פון מענטשן צו דערקענען דעם אמת.

עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו פירן די אויפקלערונג קעגן דעם היימיש־געוואָרענעם, אַלט־באַקאַנטן און בכּבודיקן אַבערגלויבן. אַ סך טועז עס דערפאַר טאַקע נישט, כּדי נישט איינצורייסן מיט זייערע מיטמענטשן, פון וועלכע זיי לעבן און ווילן כּבוד. אַנדערע ווידער ווערן סקעפּטיש צו דער וויסנשאַפטלעכער אויפקלערונג פון געוויסע קראַנקייטן, ווייל ס׳בייטן זיך אין די לעצטע יאָרן די היפּאָטעזן וועגן זיי און דערמיט ענדערן זיך אויך די היילמעטאָדן. וויסנשאַפט בכלל דערגייט נישט צו אַבסאָלוטע אמתן. וויסן באַזירט זיך אויף דערפאַרונג, עקספּערימענט, לאַבאָראַטאָריע, אָבסער־וואַציע, סטאַטיסטיק און אויף לאָגישער קאַוזאַל־פאַרבינדונג. און בייט זיך מיט דער צייט, מיט די מענטשן. אויף יעדן עטאַפּ האָט דאָס וויסן נאָר איין ציל: צו לערנען די מענטשן בעסער צו לעבן. ווער ס׳וויל נישט פאַר־שטיין דעם דערמאָנטן פּרינציפּ, ווערט דערפאַר שנעל ברוגז אויף דער וויסנשאַפט פון זיין צייט און בפרט אויף דער מעדיצין אַלס וויסנשאַפט און פאַלט אַריין אין אַבסורדאַלע גלויבענישן. און דאָס איז אויך דער וועג, וואָס פירט צום מאָדערנעם אַבערגלויבן מיט אַנדערע, נייערע פאָרמען: איין כוואַליע אַבערגלויבן גייט אַוועק, די צווייטע קומט.

אַלברעכט דירער האָט אין זיין בילד פון אָדם און חוה מיט דער שלאַנג, אַוועקגעשטעלט אויף אַ צווייגל אין גן־עדן אויך אַ פאַפּוגע. אַבערגלויבן איז ליידער אַן אייגנשאַפט פון דעם רוב מענטשן אָן כּוח צו דענקען, אָבער מיט דער נאַטור פון אַ פאַפּוגע.

2

פון דעם אויבן געזאָגטן איז קלאָר, אַז ס׳איז אפשר נישט כּדאי צו סעגרעגירן די פאַרשידענע פאָרמען פון מעדיציניש אַבערגלויבן היסטאָ־ריש אָדער עטנאָגראַפיש. ביי אונדז אין ישׂראל וואָלט אַזאַ אַרבעט יאָ גע־דאַרפט געשריבן ווערן לויט עדות, איידער ס׳וועט קומען דער פּעריאָד

פון פולן מיזוג־גלויות, ווען אַ טייל פֿאָרמען פון אַבערגלויבן וועלן אונ־טערגיין און אַנדערע, נייערע, וועלן אויפֿגיין.

אין תוך גענומען פֿאַרבינדן אַלע פֿאָרמען פון אַבערגלויבן עטלעכע גרונט־שטריכן:

א) די שדים־עטיאָלאָגיע, דאָס הייסט, אַז די קראַנקייטן זענען אַרויס־גערופֿן געוואָרן פון מיטאָלאָגישע געשטאַלטן, ווי אשמדאי, לילית און אַנדערע. אַן ענלעכן כּוח האָבן אויך שלעכטע מענטשן, שיקלדיקע פּרויען, וואָס גיבן אַ „גוט־אויג״.

ב) די פּאָליפּראַגמאַזיע, דאָס הייסט, אַז ביים היילן דאַרף מען זיך באַנוצן מיט אַ לאַנגן צעטל פון מאַניפּולאַציעס, אָפּשפּרעכענישן, סגולות און רפֿואות.

ג) די דערקענטעניש, אַז דער פּאַציענט האָט ליב זיין קרענק, ווי זיך אַליין און איז נוטה זיך צו לאָזן לייכט אָפּנאַרן פון כּלערליי כּישוף־מאַכעריי, וואָס חנפֿענען זיין עקזיסטענץ.

ד) דער פֿאַטאַליסטישער גלויבן אין ניסים ונפֿלאות.

אין זין פון אַרויסטרייבן דעם נישט־גוטן האָט מען אַמאָל „געהיילט״ מיט טאַנצן, פּויקן, שרייען, שופֿר־בלאָזן, שלאָגן. אַ קראַנק קינד פּלעגט מען „היילן״ מיט „מעסטן״; מען האָט מיט כּוח צוזאַמענגעצויגן אין קרייץ אַ הענטל צו אַ פיסל אָדער געפּרווט אַרויסקוועטשן דעם נישט־גוטן, אַוועק־לייגנדיק דאָס קינד אויף אַ שטיין, צו וועלכן מען האָט עס צוגעבונדן פעסט מיט אַ פּאַס.

מען זעט נאָך היינט צומאָל אין בעטעלע פון קינד אַ מעסער, אַ ספר, קנאָבל און זאַלץ ווי מיטלען קעגן שד. מען הענגט אויס אויף אַלע פיר ווענט „שיר־המעלותן״. אַ מאַמע שטעלט זיך מיטן הינטן צום פרעמדן גאַסט. און זאָגט: זאָלן אים די אויגן אַריין; זאָל אַ קראָ אים אויסשטעכן די אויגן; זאָל זיך דער שד באַצייטנס אָפּטראָגן. מען לאָזט ברענען אַ לעמפּל ביי נאַכט ביים קינד. ווייל דער שד האָט מורא פאַר ליכט. מען בייט דעם נאָמען פון אַ שווער קראַנקן, אָדער מען גיט אים צו אַ נאָמען, כּדי דער נישט־גוטער זאָל אים נישט דערקענען.

מען ברענט נאָך היינט אויס מיט פייער און אייזן וווּנדן אויפֿן קאָפּ קעגן קאַפּוּוייטיק, אויפֿן בויך — קעגן שילשול, אויפֿן פּנים — קעגן אַ נערוון־ליימונג. מיינען מיינט מען דעם שד.

אין שאול טשערניכאָווסקיס „ברלה חולה״ ראָטן די ווייבער מאַכן אַן אויערריינגל פֿון פֿיר זילבערשטיקלעך, צוזאַמענגענומען פֿון פֿיר חתן־כּלה און עס אים אויפֿהענגען אויפֿן רעכטן אויער. דער שד זאָל אים נישט דערקענען.

באַלעסלאַוו פּרוס, אין זיין נאָוועלע „אַנטעק״ דערציילט, ווי מען האָט געלאָזט זיך „היילן״ קעגן פֿיבער. אַ „באַבקע״ שטייט ביי אַ ברענענדיקן ברויטאויוון און שעפּטשעט. אין אַ ווינקל פֿון שטוב שטייט הכנעהדיק און מיט אַ ציטער די משפּחה פֿונעם קינד און וואַרט אויף דער רפֿואה־שלימה. דאָס קינד ווערט אין ברויט־קוישל, אויף אַ הילצערנער לאָפּעטע אַריינגע־רוקט אין גליִענדיקן אויוון.

דאָס קינד האָט מען פֿאַרשׂרפֿעט, נאָר דעם שד האָט מען אַרויסגע־טריבן. אַצינד שטייט ער אויפֿן קוימען און לאַכט פֿון דער מענטשלעכער אומבאַהאָלפֿנקייט און געדאַנקענלאָזער אַכזריות.

3

היינט שעמט זיך כּמעט יעדער צו זאָגן, אַז ער גלייבט אין אַ שד, אָדער אין אַן „עין־הרע״. אָבער ביי יעדער געלעגנהייט שפּייט מען אויס, מען קלאַפּט אין טיש. מען לעקט אָפּ דעם שטערן ביים קינד, מען טוט אָן דעם קינד אַ רויט בענדעלע, ביינער און ציינער, קמעות מיט הענט. מען שעלט זיך: כאַפּט דיך דער רוח און מען בענטשט זיך: עס זאָל זיין אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה.

אינטעליגענטע מענטשן בלייבן שטיין און רירן זיך נישט ווייטער, ווען אַ שוואַרצע קאַץ לויפֿט זיי איבער דעם וועג. פֿאַר וואָס? ווייל יעדע שוואַרצע קאַץ ווערט נאָך זיבן יאָר מגולגל אין אַ שד... מען גייט אַרויס פֿון שטוב מיטן רעכטן פֿוס; מען מיידט אויס די ציפֿערן זיבן און דרייצן; מען גיט אַ צי ביים אויער־לעפּל, ווען מען רעדט וועגן אַ טויטן; מען זאָגט

אַ בענטש־שפּרוך ווען מען גיט אַ ניס; מען גיט ח״י געלט, כּדי צו לעבן; כּדי מצליח צו זיין וכדומה.

מען גיסט נישט אויס דאָס באָד־וואַסער אויף דער נאַכט, אַז נישט וועט דאָס קינד נישט שלאָפן. מען לאָזט נישט איבער די ווינדלעך צום טריקענען אין דער נאַכט, כּדי די לבנה זאָל זיי נישט אָנקוקן. ווייל דעריבער ווייגען קינדער. מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי שווער עס איז מיט אַזאַ גלויביקער מאַמע אויסצורעגולירן דאָס עסן און די היגיענישע באַדינגונגען, כּדי דאָס קינד זאָל יאָ שלאָפן און נישט וויינען.

און פאַראַן נאָך אַ סך מענטשן, וואָס שפּרעכן אָפּ אַ גוט־אויג, לעשן קוילן, גיסן אויס פון וואַקס און בליי עפּעס אַ פיגור, וואָס פּערסאָניפיצירט דעם נישט־גוטן. מען וואַרפט אים אין אַ טייך, אָדער מען באַגראָבט אים און — פּטור געוואָרן פון אים.

לאָמיר איצט ברענגען, לשם אילוסטראַציע, אַ קורצן טאָגבוך פון אַן אַבערגלויביקער מאַמען: פרייטיק צו נאַכטס האָט זי נישט געבאָדן דאָס קינד, ווייל מען זאָגט, אַז דעמאָלט וואַשט מען די טויטע. שבת איז דאָך שבת. זונטיק איז געווען קאַלט, האָט זי מורא געהאַט זי זאָל נישט פאַרקילן דאָס קינד. מאָנטיק איז נישט קיין גוטער טאָג אָנצוהויבן. דינסטיק איז דאָס קינד געוואָרן באַשיט מיט בלעטערלעך, האָט זי געהערט זאָגן, אַז מען טאָר דאָס נישט נעצן. מיטוואָך איז זי געגאַנגען זאָגן דעם דאָקטאָר, אַז זי וויל אַ שוואַרצע זאַלב, ווייל נאָר זי קאָן העלפן. דאָנערשטיק גרייט מען צו די שטוב צו שבת, איז נישטאָ קיין צייט צום קינד. און נאָך אַלעמען: טויג נישט די מעדיצין. די זאַלב איז נישט געווען גענוג שוואַרץ...

ווען מען טרעפט אַ בייזן הונט איז פאַראַן אַ פּסוק, מיט וועלכן מען טרייבט אים אַוועק, אָבער צו דעם פּסוק שאַט נישט נאָך אַ גוטער שטעקן — אַזוי זאָגט דאָס פאָלק אַליין.

4

אַ סך באַבסקע רפואות גייען נאָך היינט אָן, און דווקא נישט זעלטן, הגם זיי ווערן אָנגעוואָנדן אָפּט אין געהיימעניש. מען טוט דאָס און מען שעמט זיך, מען היילט זיך און מען שמייכלט. אַן אומזעבאַרער תהום, אַ

מאָל אַ גרעסערער אַ מאָל אַ קלענערער, עקזיסטירט צווישן דאָקטאָר און אַ טייל מאַמעס. דער דאָקטאָר מוז דעמאָלט זיין זייער און זייער טאַקטיש: עס קען דערפירן דערצו, אַז ער זאָל פאַרלירן דעם צוטרוי פון פּאַציענט און אַפּט אויך צו קאָנפליקטן ממש. ווייל, אויב מען וויל געפעלן דעם פּאַציענט, מוז מען אים צוטרעפן צו זיין „וויסן" און זיין ווערטער־פאַרמעג. דאָס זענען דאָך נישט מער ווי ווערטער אָן דעקונג. זיי דעקן זיך דאָך נישט מיט די באַגריפן פון אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע, היסטאָ־לאָגיע, באַקטעריאָלאָגיע, סעראָלאָגיע, ענדאָקרינאָלאָגיע פון געשולטן מעדיצינער.

יעדער קראַנקער פרעגט תמיד: פון וואַנען נעמט זיך דווקא צו אים די אָדער יענע קראַנקייט? דער פרימיטיווער צוגאַנג פון אַמאָל ציט ווייטער דאָס שריקל; די סיבה מוז זיין אויסער זיין אָרגאַניזם, וואָס איז ביי אים דאָך ביז אַהער געווען געזונט. אַמאָל האָט דאָס געפירט צו דער שדים־מיטאָלאָגיע.

זאָגסטו פאַרגיפטונג, מעג דאָס זיין אַ שטיקל שאָלעכץ פון אַן איי אָדער גאָר אַ האָר, אָדער אַפילו אַ קערל פון אַ מאַראַנץ. איז דאָך קלאָר, אַז מען מוז געבן עפּעס אָפּצורייניקן דעם מאָגן און אויסהונגערן דאָס קינד. ריצינאייל איז געווען ביז נישט לאַנג אַזאַ מין פּאַנאַצעום, אַ מיטל צו אַלע קרענק; און עס קומט פאָר, אַז אַ מאַמע פאַרלאַנגט דאָס נאָך היינט.

אַפילו היינט, ווען די מעדיצין ווייסט די סיבות פון אַ סך קראַנקייטן און שעמט זיך נישט צו זאָגן, ווען זי ווייסט עס נישט, געפינט אָבער דער פּאַציענט, אויך מיט בילדונג, די סיבה פון אַלע קרענק, למשל ביים קינד — אין דריי סיבות: פאַרגיפטונג, פאַרקילונג און ציינדלעך.

רעדט מען אַרויס דאָס וואָרט דיעטע, כאַפּט אונטער די מאַמע מעשׂה־מבינטע: רייז־וואַסער. טעג און וואָכן ווערט געגעבן אַ זויג־קינד רייז־וואַסער, ביז דאָס קינד ווערט אויסגעדאַרט, דיסטראָפיש.

דעם צוזאַמענשטעל פון אָט די סיבות און די „הייל־מיטלען" מוז מען באַקעמפן אַלס שעדלעכן מאָדערנעם אָבערגלויבן; היינט, ווען עס איז קלאָר, אַז דער רוב אַזוי גערופענע פאַרגיפטונגען איז אַ פועל־יוצא פון אינפעק־ציעס מיט פאַרשידענע באַקטעריעס.

איז איר קינד פאַרקילט, זאָגט דיר תיכף די מאַמע: מען מוז עס אויס־וואַרעמען. מען האָט שרעקלעך מורא פאַר לופט, וואַסער און זון; אַלץ קומט פון אַ „ווינטעלע״, אַ „רוח״, אַ „צוג״. אפשר ליגט אויך אין אָט דעם פּחד אַ פונק פון דעם שד, וואָס מען דאַרף אים נישט צולאָזן דורך טיר און פענצטער? מען הייצט אָן דעם אויוון, מען דעקט איין דאָס קינד מיט סוועטערס, מאַנטלען און קאָלדרעס, אַפילו ווען דאָס וועטער איז וואַרעם, זוניק און טרוקן.

די דאָזיקע „פּראָצעדור״ ווערט אויסגעפירט ערשט רעכט ערנסט, ווען דאָס קינד באַקומט מאָזלען, שקאַרלאַטין און ווינטפּאָקן. ביי מאָזלען קומט נאָך צו די רויטע איינשיט, אַ רויט שטיקל לייוונט אויף דער ברוסט, כּדי די מאָזלען זאָלן „אַרויס״. די קינדער ווערן וואָכן לאַנג נישט געבאָדן, ווייל מען טאָר נישט „נעצן״. אָן זון, לופט און וואַסער ווערט דאָס קינד אָפּגע־שוואַכט. קומען דעמאָלט צו קאָמפּליקאַציעס, וואָס קענען טייער קאָסטן.

יעדער הוסט מוז הייסן „בראָנכיט״. זאָגט מען דער מאַמען דאָס וואָרט, שיינט זי אויף: זי האָט אַזוי אויך געמיינט. עס דערמאָנט אין בוך פון אַקסעל מונטע „סאַן מישעל״. דאָרט האָבן אַלע דאַמען געוואָלט קראַנק זיין אויף דער מאָדערנער דעמאָלט קרענק, אויף „קאָליט״. אַמאָל „קאָליט״, היינט „בראָנכיט״.

די גוטע מאַמעס ווילן „פּאַרהיטן״ דאָס קינד פאַר דער פאַרקילונג, זיי לאָזן עס ניט אַרויס אויף דער לופט, לאָזן עס נישט אַרומשפּרינגען, באָדן עס נישט און אויסער דעם, וואָס עס הוסט ווייטער, באַקומט עס נאָך צוליבן פעלן פון לופט, באַוועגונג, שפּיל און קינדער־געזעלשאַפט אַ פּעקל נערוועזע דערשיינונגען, וואָס באַשווערט נאָך מער דאָס היילן.

נאָך איין שד איז שווער צו פאַרטרייבן: די ציינדלעך. האָט אַ זויג־קינד פיבער, שילשול, קאָנוולסיעס, מוז עס זיין פון די „ציינדלעך״. אויך ביי אַ קינד, וואָס האָט אַפילו נאָך נישט קיין סימן פון זיי, איז זיך די מאַמע שוין משער, אַז דאָס איז „ציינדלעך״. און, לויט ווי זי פאַרשטייט — טאָר מען דאָך דערביי גאָרנישט טאָן. אויף אַזאַ אופן קען מען פאַרשפּילן דאָס קינד. אַ געזונט קינד באַקומט ציינדלעך און די מאַמע ווייסט צו מאָל נישט אַפילו ווען. זעלטן איז עס דערביי אומרויִק, אָבער קיין מאָל נישט קראַנק דערפון.

5

דער פחד פאַר אַ „ווינטעלע" פירט לײדער נאָך היינט אַ גרויסן טייל זויג־קינדער, אַפילו אין אונדזער זוניקן קלימאַט, צו ראַכיטיזם (ענגלישע קרענק). אין זומער פאַרמאַכט מען דאָס קינד אין שטוב, היטנדיק עס פאַר דער זון און אין ווינטער גייט מען נישט אַרויס מיט אים, ווייל אַ מאָל רעגנט, אַ מאָל בלאָזט אַ ווינט. ווען מען הייסט מאַכן דעם קינד אַ זון־באָד אויף דעם גאַנצן נאַקעטן גוף, טרעפט מען זיך אָפט אָן מיט דער סטערעאָ־טיפּישער שאלה: און עס וועט זיך נישט פאַרקילן? אין דעם פּרט קאַפּי־טולירט אַפילו אַ יונגע, אינטעליגענטע מאַמע פאַר דער תקיפדיקער באָבע, וואָס ווייסט בעסער, ווייל זי האָט אויך געהאַט קינדער...

דעם דאָקטאָר איז אָפט אַ סך לייכטער צו פאַרשרייבן וויטאַמינען; אָדער צו געבן אָן איינשפּריצונג פון וויטאַמין „ד", ווי צו איבערצייגן די מאַמע, אַז זון, לופט און וואַסער גיבן אַ בעסערע גאַראַנטיע קעגן ענגלישע קרענק, ווען מען נוצט זיי אויס ווי געהעריק.

אין דער פּריוואַט־פּראַקטיק היטן זיך טייל דאָקטוירים, כּדי נישט צו פאַרלירן דעם פּאַציענט און טוען אַלץ, כּדי צוצופּאַסן צו זיין מענטאַ־ליטעט. און וואָס שייך דעם סאָציאַל־אָרגאַניזירטן דאָקטאָר — האָט ער פּשוט נישט קיין צייט, ווען עס וואַרטן אין דער ריי אַ 30־40 מאַמעס מיט די קינדער אויף די הענט, צו פירן ספּעציעלע לעקציעס פאַר די מאַמעס. דערצו זענען נייטיק חשק, טאַלענט און צייט. געוויינטלעך פעלט איינס פון זיי און דערפאַר קומט זייער זעלטן דערצו.

אויף דעם באָדן פון אַ ראַכיטיש קינד באַווייזן זיך אַ ריי קראַנקייטן, ווי אָנצינדונגען, בראָנכיטן, לונגען־אָנצינדונגען, אַנעמיעס. וויפל נערוון און געלט קען מען איינשפּאָרן, אויסנוצנדיק באַצייטנס די ביליקע זון־ענערגיע, און מען פאַרשפּאָרט שפּעטער צו וואַרטן אויף די לאַנגע רייען צום אָרטאָפּעד און מען פאַרשפּאָרט געלט אויף אָרטאָפּעדישע שיך.

6

ווען מען קוקט אַריין אין דער רעצעפּטור, מ'שטיינס געזאָגט, פון דער פאָלקס־מעדיצין, ווערט נישט גוט אויפן האַרצן.

קעגן עפּילעפּסיע, למשל, האָט מען געגעבן צו טרינקען דאָס אַש פון אַ פאַרברענטן ראַט אין ווײַן. קעגן קאָנוואָלסיעס האָט מען געגעבן געטריי־קנטע לייז, געמישט מיט פויגלדרעק און מילך. קעגן אַנגינעס האָט מען געגעבן הונטדרעק מיט מילך אָדער סאָדזע מיט האָניק. מען האָט אויך אײַנגעריבן דעם גוף מיט אורין, צוגעלייגט קודרעק־טייגלעך צו געשווירן, געגעסן די פעל פון הינט און קעץ, אײַנגעוויקלט קראַנקע אברים מיט פרישע פעלן פון שעפּסן. נישט אומזיסט האָט מען אָנגערופן אין מיטל־עלטער די משונהדיקע רעצעפּטור־וואַרשטאַטן — דרעק־אַפּטייקן און די היילונג — קאָפּראָ־טעראַפּיע.

מען האָט אויך אויסגענוצט פאַרשידענע קרייטעכצער צום היילן, ווי למשל קנאָבל, מיענטע, רומיאַנעק, ליפּע־טיי. דאָס זענען אָגב ביז היינט אומשולדיקע היילמיטלען. האָבן אָבער די בלעטער, למשל, פון דיגיטאַליס אָדער סעקאַלע־קאָרנוטום געקאָנט מער שאַדענען, ווי העלפן. היינט ווערן אַ טייל פון די קרייטעכצער פּינקטלעך פּרעפּאַרירט און האָבן עקספּערי־מענטאַל זייער פאַרווענדונג צום גוטן.

אָבער כּדי די מיענטע זאָל טאַקע ווירקן, האָט מען געמוזט זיך באַ־נוצן מיט פאַרשידענע מאַגישע שטיק. מען האָט געהייסן אָפּבײַסן די מיענטע מיט די ציין און דאָס דווקא בײַ נאַכט אַרום צוועלף, אין אַ פרײַטיק, ווען די לבנה גייט אויף; אַוודאי האָט מען נאָך געדאַרפט זאָגן אַ שפּרוך דערצו. די סוגעסטיווע ווירקונג פון דעם געטראַנק האָט מער געהיילט, ווי די מיענטע אַליין.

אַ גאַנצע ריי מיטלען זענען געוואָרן אײַנגעריבן אין דער הויט, כּדי אויף דעם וועג אַרויסצוטרײַבן די קרענק. דער מאַסאַזש דערבײַ איז זיכער געווען נוצלעך, אָבער דער ספּירט מיט פעפער, גאָרטשיצע, נאַפט האָבן געמאַכט הויט־אָנצינדונג מיט בלאָזן און מיט אייטער.

צו אַ באָד האָט מען געדאַרפט אויסבאָרגן פון 9 הײַזער אַ ביסל מעל, פון 9 מיסט־הויפנס נעמען אַ ביסל מיסט, און פון 9 ברונעמער וואַסער. מאַכן אַ באָד פון ריין וואַסער, איז דאָך נישט קיין חכמה...

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער מענטאַליטעט פון דעם רוב פּאַציענטן, האָט אַ פּראָפעסאָר פון פּעדיאַטריע פאַר דער מלחמה געגעבן אַ קאָמפּלי־צירט רעצעפּט פאַר זויג־קינדער מיט שילשול. אַזוי ווי ער האָט פאַרויס־

געזען אַלס בעסטע רפואה אין דעם פאַל עטלעכע לעפּעלעך געקאָכט וואַסער יעדע 15 מינוט — און האָט פּאָרויסגעזען די רעאַקציעס פון דער מאַמען ביי אַזאַ רעצעפּט, האָט ער געהייסן דער מאַמען קאָכן אַ טאָפּ וואַסער, אַריינ־וואַרפן אין זודיקן וואַסער אַן איי, דערנאָך 5 מאָל דורכזייען דאָס וואַסער און געבן עס דעם קינד צו טרינקען. אַ סך געטאָן און געבליבן ביים וואַסער.

אין אָנהויב פון דער פּעדיאַטריע איז געווען אַ פּעריאָד פון קאָמפּלי־צירטע דיעטן, וואָס האָבן אַפילו געזוכט אַ וויסנשאַפטלעכע באַזע און דאָך געשטעקט טיף אין מאַגישע ספּעקולאַציעס.

אויך פון דעם „כישוף" זענען מיר אַרויס. אַוודאי מוז זיין אַ מאָס ביים עסן, אָבער היינט רעגולירט דער פּאַכמאַן דאָס עסן לויטן צושטאַנד פון קינד און פון דער מאַמע. דער קינדער־דאָקטאָר מוז זען סיי דאָס גע־זונטע, סיי דאָס קראַנקע קינד צוזאַמען מיט דער מוטער אַלס איינהייט. עס קען דערביי נישט זיין קיין שאַבלאָן ביים געבן עסן און היילן קינדער, ווייל יעדעס קינד איז אַנדערש פּונקט ווי יעדע מאַמע האָט אירע אַנדערע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן.

אין אַבערגלויבן איז באמת נישטאָ קיין מוקדם ומאוחר. דער רמב״ם האָט אין זיין בריוו צום סולטאַן געוואָרנט פאַר דער פּאָליפּראַגמאַזיע (באַ־נוצן אַ סך רפואות). קען מען שטאַרקן דעם נאַטירלעכן כּוח פון קראַנקן דיעטעטיש, זאָל מען נישט געבן קיין רפואות. אויב מען מוז שוין געבן, זאָלן זיי נישט זיין קיין שטאַרקע. און אויב מען קען אויסקומען מיט איין רפואה, זאָל מען נישט אויסמישן עטלעכע צוזאַמען (רמב״ם: הנהגת הבריאות, 20־21, 22). דאָס זעלבע הערט מען פון צייט צו צייט אויך היינט. דער באַרימטער פּעדיאַטער פון שווייץ פּראָפ. פאַנקאָני האָט דאָס אַקצענ־טירט אין זיין פאָרטראָג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די היגע קינדער־דאָקטוירים אין „בית־הרופא", ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם נייעם קאַפּיטל „יאטראגענע קראַנקייטן", דאָס הייסט קראַנקייטן אַרויסגערופן דורך רפואות.

פּראָפ. דודלי־ווייט פון אַמעריקע האָט אין „דאַנאַלאַ־שפּיטאַל" געזאָגט, אַז ער איז קעגן דעם היינט אָנגענומענעם מינהג צו פאַרשרייבן אַ סך רפואות. אין זיין לאַנג־יאָריקער אַרבעט האָט ער געווידמעט מער צייט אויף אויסצומיידן פאַרשידענע רפואות, ווי זיי צו געבן דעם קראַנקן. פּראָפ.

גראָער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער באַנוצט זיך בכלל ביים היילן קינדער קוים מיט צען רפואות.

„דער היילער" פלעגט, היילנדיק דעם קראַנקן, כאַפּן ממש אַ שוויץ. די דאָזיקע מאַגיק גייט ווייטער אָן. מען הערט אַזוי אָפט זאָגן מיט צופרידנ־קייט: „דער דאָקטאָר האָט מיך גוט בודק געווען, אויסגעטאַפּט מיר אַלע ביינדעלעך, אַז ממש אַ שווייס האָט פון אים גערונען. און פאַרשריבן האָט ער מיר שפּריצן, טראָפּנס און טאַבלעטן, באַשטראַלונגען און מאַסאַזשן".

דער פּאַציענט וויל ווייטער פאַרכּישופט ווערן און נישט באַלערנט ווערן. ווען ער ווייסט וועגן אַ מיטל וואָס עמעץ באַנוצט, אָדער ס׳האָט געהאָלפן דעם שכן, פאַרלאַנגט ער עס פונעם דאָקטאָר. די „פּלאַצעבאָ־מיטלען", דאָס הייסט מיטלען, וואָס קענען נישט שעדיקן אָבער דאַרפן ווירקן סוגעסטיוו, וואַרפט מען אָפּ אַלס צו שוואַכע און צו ביליקע מיטלען.

מען הערט אָפט זאָגן: גיט מיר אַ שטאַרקערע רפואה און זאָל זי זיין ווי אַמטייערסטן. „די שטאַרקסטע רפואה" איז נאָך ווייטער ביי אַ געוויסן טייל פּאַציענטן די איינשפּריצונג. מען וויל דערמיט אַרויסשטופן, אַרויס־שטעכן דעם „נישט־גוטן" פון גוף: איי, די סמען אין די איינשפּריצונגען שאַטן, פאַרגיפטן און קענען אַפילו אַרויסרופן געפערלעכע רעאַקציעס? נישט זייער דאגה. מען נעמט עס אָן פאַר אַ „מאָדערנער פּראָפּאַגאַנדע" אָן ממשות.

דערפאַר טאָר מען נישט מיד ווערן און ביי יעדער געלעגנהייט דער־מאָנען די געזונטע כּללים פון דער מאָדערנער מעדיצין, וואָס איז באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות און אויף אָבסערוואַציעס און דערפאַרונגען.

7

מיט דעם פאָרטראָג „אַבערגלויבן און מעדיצין" בין איך אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע ערטער מטעם מחלקת ההסברה פון קופּת חולים הכּללית. דאָ וויל איך, אַלס אינטערמעצצאָ, ברענגען נאָר עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פראַגן, וואָס איך האָב באַקומען נאָך מיינע אויספירונגען. איין מאַמע דער־ציילט: זי האָט געהערט פון איר מאַמע און איר קען מען דאָך גלויבן, אַז זי האָט אַליין געזען דעם שד ביי איר אין שטוב. ווען די מאַמע האָט גע־

זאָגט אַ שפּרוך, איז ער אַוועקגעקומען. אַ צווייטע דערציילט: אין חוץ־לאָרץ זענען נישט געווען אַזוי פיל קראַנקע ווי אין ארץ־ישׂראל. איר מוטער האָט געליטן שטאַרקע קאָפּ־ווייטיקן ביז משוגעת, האָט מען איר געמאַכט עטלעכע ברען אויפן קאָפּ, איז זי געזונט געוואָרן. איין מאַמע פרעגט: אַצינד ווייסט זי נישט, ווי זי זאָל זיך נוהג זיין ביי אַן אינפעקציע־קראַנקייט פון איר קינד. איר דאָקטאָר זאָגט תמיד, אַז מען טאָר נישט באָדן, נישט פאַרקילן חלילה און נישט געבן קיין עסן. אַ צווייטע: אַלע קרענק ביי איר קינד זענען געקומען פון „ציינדלעך". איר דאָקטאָר האָט דאָס תמיד באַשטעטיקט. אַ פאָטער האָט מיט רוגזה געזאָגט: אַמאָל האָט מען עפּעס געטאָן מיט דעם קראַנקן און היינט גיט מען אים נאָר כּדורים (פּילן). נאָך אַ טאַטע: אין חוץ־לאָרץ האָט מען געגעבן אַ קראַנקן אַ סגולה און עס האָט געהאָלפן. און דאָ ביי אונדז שיקט מען באַלד אין שפּיטאָל. און איינער האָט דערציילט: ביי זיין שכנטע האָט זיך אַ ברוסט פאַראייטערט, האָט מען גע־הייסן איר צוליגן צו דער ברוסט אַ קליין הינטל; האָט דאָס הינטל — אַנשטאָט זיך מילכיק צו מאַכן מיט זויגן די מילך מיט אייטער, זיך פליישיק געמאַכט און אָפּגעביסן איר דעם וואָרצל. פון די עטלעכע רעאַקציעס איז צו זען, ווי וויכטיק עס איז די אויפקלער־אַרבעט אויפן געביט פון אַבער־גלויבן אין דער מעדיצין.

8

פון די ביז איצטיקע קאַפּיטלעך איז צו זען, אַז וואָס נוגע פאַרהיטן פון קראַנקייטן און היילן איז פאַראַן מער מצוות פון „לא תעשׂה", ווי מצוות „עשׂה". מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש און מיט ליבע און געדולד דערהייבט זיך דער דאָקטאָר צו דער מדריגה פון אַ לערער, וואָס שרעקט נישט אָפּ זיינע פּאַציענטן, נאָר ווייזט זיי אָן אַ געזונטן אורח־חיים און באַ־פרייט זיי פון פּחד. אויב דער ליידנדיקער מענטש געפינט נישט אין דעם דאָקטאָר די אויבן דערמאָנטע מעלות, להיפך, ער באַקומט פון אים אַ לאַטייניש נאָמען פון זיין דיאַגנאָז, ער פאַרשרייבט אים 15 רעצעפּטן און דערצו וואָרפט ער אַן אויף אים אַ פּחד — לויפט דער דאָזיקער פּאַציענט צו אַלע כּישוף־מאַכערס זוכן אַ הילף און דערפאַר קומען אויף תמיד נייע

„זנאַכאָרס" און אַפילו גאַנצע שולן פון היילערס, וואָס באַדאַרפן נישט קענען די סיבה פון דער קראַנקייט, נאָר זענען אין זייער נאַיִווקייט אָדער אין זייער ראַפינירטקייט שטאַרקע אָפּטימיסטן און זאָגן יעדן איינעם צו אַ רפואה שלימה.

געגוג צו דערמאָנען דעם פראַנצויזישן בעזיאַט, דעם עסטרייכישן ציילאַייס, וואָס האָבן געהאַט אַ מאַסן־דערפאָלג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ערשטער האָט „געהיילט" מיט צולייגן זיין האַנט צום גוף פון קראַנקן, דער צווייטער מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט, וואָס האָט געשפּריצט מיט בלאָע פונקען אויפן קראַנקן גוף. מען היילט מיט מאַגנעטיזם, מיט אויטאָסוגעסטיע, מיט וואַסער לויטן גלח קנייפּ, מיט האָמעאָפּאַטיע, מיט יאָגאַ, מיט ווערטער וועגן עולמות עליונים וכדומה.

אַן אַחריותדיקע אויפגאַבע ליגט אין דער היינטיקער צייט אויף דעם גאַנצן שטאַב פון אָפיציעלן מעדיצינישן פּערסאָנאַל: העלפן די נאַטירלעכע כּוחות פון קראַנקן ווידער געזונט צו מאַכן אויף אַ פּשוטן און ראַציאָנעלן אופן; פאַרשטיין די נשמה־באַוועגונגען פון קראַנקן און גייסטיק אים דער־הויבן, באַפרייען אים פון אַ סך שעדלעכע אַבערגלויבנס, אָנווייזנדיק יעדן איינעם אַן אינדיווידועל־צוגעפּאַסטן לעבנס־שטייגער.

נאָר אויף דעם וועג קען דער דאָקטאָר געווינען דעם צוטרוי פון פּאַציענט און הויבן ביי די מאַסן דעם יראת־הכּבוד צו דער היינטיקער אָפיציעלער מעדיצין און נאָר אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך צו דערציִען אַ געזונטן דור.

דער טאַנץ אַרום דער וואָג

ווער קען נישט דאָס בילד, ווי משה שטייט אויפן באַרג מיט די לוחות און ווען ער דערזעט, ווי דאָס פאָלק טאַנצט אַרום דעם עגל, צעברעכט ער די לוחות.

אַזאַ מין געצנדינערישער טאַנץ קומט פאָר אין היינטיקע היימען אַרום דער וואָג, אויף וועלכער ס'ליגט דאָס פּיצעלע קינד און טאַטע־מאַמע, באָבע, זיידע, מומע, שכנהטע גייען אין קאַראַהאָד זיגעריש, בשעת אין ווינקל

פון דער שטוב ליגן פאַרשעמט צוזאַמען מיט די שמוציקע ווינדעלעך, די כּללים פון ראַציאָנעלער דערנערונג און פירונג פון קינד.

אין לייטישע באַלעבאַטישע היימען ווערט אַריינגעבאָרגט אָדער אַריינ־געקויפט אין שטוב אַ קינדער־וואָג צוזאַמען מיט פּודער, „עלעדון", און „בנניה", תּיכּף נאָך דער געבורט.

אין די איבעריקע היימען קען מען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויפן טאָג, ווען דאָס קינד ווערט געפּירט אין אַ גוטער שעה צו דער וואָג.

און דאָרט הייבט זיך אָן דער אמתער געיאָמער: „דאָס קינד האָט צו ווייניק צוגענומען!"

אַלע שרייען עס אויס מיט פּחד און פּרעטענסיע צו דער מעדיצין:

„פאַר וואָס? דאָקטאָר?".

וואָס מיר פיזיאָלאָגיע, ווען מיר פּראָפילאַקסיס, וואָס מיר היגיענע, ווען מיר טאַקטיק?

דער איינציקער אייגענער אויספּיר זייערער איז: צוגעבן אַ פלאַש מילך צו דער ברוסט!

דאָס קינד האָט צו ווייניק, זאָגט די באָבע. די יונגע מוטער הוידעט צו מיטן קאָפּ: „וואָס וויל ער, דער דאָקטאָר, אויסהונגערן דאָס קינד?" און אַ סימן האָט איר: דאָס עופעלע טרינקט אויס נאָך דער ברוסט אַ פלאַש מילך און וויל נאָך.

פון וואַנען איז עס געדרונגען? ער ווייִנט דאָך תּיכּף נאָכן עסן אויף נאָך.

נאַרמע אַהער, נאַרמע אַהין, גיי רעדט מיטן עופעלע וועגן נאַרמעס!

אָבער פאַר וואָס שלאָפט ער נישט, פאַר וואָס ווייִנט ער אַזוי יאָמער־לעך, פאַר וואָס מאַכט ער אַזוי פיל שטיקנדיקע קופּקעלעך, פאַר וואָס ברעכט ער? עס מוז אים דאָך עפּעס וויי טאָן! גיט אַ קוק: ער קראַצט זיך ביים אויערל... צי איז עס נישט צייִנדלעך? הראיה: ביי מיין מומעס טאָכטערס קינד האָט זיך עס אויך אַזוי אָנגעהויבן...

און דער טאַנץ גייט ווייטער אַרום דעם אומשולדיקן אויערל, מיט טראָפּנס, צעפּלעך, מיט רעפלעקטאָרן און מיט נאָך אַ גרעסערער פּאָרציע מילך אין דער פלאַשקע.

און די וואָג שטייט, ווי אַ ליימענער גולם, און רירט זיך נישט אַזוי שנעל, ווי די מאַמעס ווילן עס.

— פאַר וואָס ? דאָקטאָר !... דעם און יענעמס קינד, אַלע קינדער אין דער טאַבעלע פון די ביכלעך, נעמען צו שיין אויף דער וואָג. נאָר אונדזע־רער נישט... פאַר וואָס ? אפשר נאָך עפּעס צוגעבן צום עסן ? אפשר קאַל־ציום־קעז, אפשר עטלעכע איניעקציעס, אפשר טראָפּנס צום אַפּעטיט ?

איין מאַמע זאָגט : אויב דאָס קינד האָט ווידער נאָר 200 גראַם אין דער וואָך צוגענומען, וועל איך זיך הרגענען.

זאָגט די צווייטע : מען קען דען גלויבן דער וואָג ?

זאָגט די דריטע : איך שלאָף נישט טעג און נעכט צוליב דעם קינד. וואָס וועט ער מיר אָפּגעבן ? אַ גילדענע מצבה וועט ער מיר שטעלן ?

ענטפערט זיי דער דאָקטאָר מיט געדולד : ווען איר גיסט אַריין אין אַ כּוס מער, ווי ס׳קען אַריין, גיסט זיך עס איבער. דאָס בייכעלע איז טאַקע אָן אַ דנאָ, ס׳גייט אין אים אַריין, אָבער וואָס איבעריק, גיסט זיך צוריק פון פאָרנט אָדער פון הינטן. אַפילו אַ באַלאָן פּלאַצט, ווען מען בלאָזט אים צופיל אָן. היינט שלאָפט איר נישט, ווייל דאָס קינד שרייט פון בויך־ווייטיק, פון צו פיל עסן. אָבער שפּעטער וועט דאָס קינד קליגער ווערן און נישט וועלן עסן בכלל. שפּעטער וועט ער נישט קענען זיך אויפהייבן צוליב זיין גרויסן געוויכט. שפּעטער וועט ער באַקומען פלאַט־פיס... וועט ווערן נערוועז... וועט איך אָפּרייסן דעם קאָפּ... שפּעטער...

ענטפערן אַלע דריי מאַמעס אין כאָר : נישט וויכטיק וואָס שפּעטער... טוט, אַז דאָס קינד זאָל נישט שרייען אַזוי יאָמערלעך ביי טאָג און ביי נאַכט. ווערט דער דאָקטאָר נישט מיד און חשבונט און שרייבט דעם צוזאַמענשטעל און די מאָס פון עסן פאַר יעדן קינד לויט זיין אינדיווידועלן מצב. לאַכן אַלע דריי מאַמעס ביטער : דאָס איז עס ? פון דעם וועט ער געהאָלפן ווערן ?

נאָר איין מאַמע, רויִק, מילד און מיט אַ שמייכעלע זאָגט : איך הער און טו, וואָס איר הייסט. מיין קינד שלאָפט און לאָזט אונדז שלאָפן. עס שפּילט זיך מיט זיינע הענטעלעך און פיסעלעך ; עס שפּרינגט מיר נאָקעט אַרום אויף מיינע הענט און וויל כאַפּן די זון־שטראַלן ; עס זינגט זיינע אייגענע לידער צום בלאָען הימל בשעתן שפּאַציר אין וועגעלע און צו אַלע מענטשן שמייכלט עס מיט פרייד.

פאַר וואָס־זשע טאַקע זענען דריי מאַמעס אומרויִק און איינע נאָר צו־פרידן? צי זענען טאַקע זייערע קינדער די שלעכטע און דער איינער מאַ־מעס קינד איז נאָר אַ גוטס?

ניין! אַלע קינדער זענען בטבע גוט, נאַיִוו, ווייט נאָך פון דער קאַפּוי־ערדיקער לעבנספירונג פון די דערוואַקסענע. אָבער די סביבה פונעם קינד טרייבט אַרויס דאָס נאַטירלעכע פונעם קינד מיט איבערפּרעסן, מיט איבע־ריקע און מיאוסע ווערטער, מיט זאַבאַבאָנעס, מיט קללות און שלעק, ביז עס ווערט פון דעם קינד אַ געוויכטיקער גוף מיט אַ פלאַטשיקער נשמה.

ווען דאָס קינד האָט כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דאָזיקער געוואַלט אָדער דער צעקראָכענער פירונג פון טאַטע־מאַמע ביים עסן, שפּילן, וואַשן, לערנען, ווערט עס אַ „דווקא־קינד" און טוט אַלץ קאַפּויער. פון אַזוינע קינדער וואַקסן אויס גאָרנישט קיין סימפּאַטישע מיטמענטשן.

וואָס־זשע טוט מען טאַקע? ס'איז נישט לייכט אין דעם לאַבירינט צו געפינען דעם גלייכן וועג צום געזונטן קינד. אָבער וואָס קען מען טאָן אין דער היינטיקער צייט, כּדי עס יאָ צו דערגרייכן?

1) ליב האָבן דאָס קינד מיט אהבת־חינם, אָן פחד, אָן בהלה, אָן אָנשטעל, אָן רעש, אָן פּילפּול און אָן דעם הערשנדיקן אָבערגלויבן.

2) איבערגעבן דאָס קינד אונטער דער שטענדיקער השגחה פון אַ קינדער־דאָקטאָר און נישט פירן עס צו איינעם, ווען ס'איז כּלומרשט גע־זונט, און צום צווייטן, ווען ס'איז קראַנק.

3) נישט גרויס מאַכן זיך מיט אייגענער דערפאַרונג, נאָך איין אָדער עטלעכע קינדער, נאָר אויסלערנען זיך הערן און טאָן לויט די פאַרשריפטן פון דאָקטאָר.

4) נישט טאַבעלעס, נישט סימפּטאָמען, נישט טערמינען, נישט רפוּ־אות זאָל די מאַמע וועלן פאַרשטיין, נאָר אויסלערנען זיך פאַרשטיין, אַז יעדעס קינד איז אַ וועלט פאַר זיך און אַנדערש ווי דאָס צווייטע.

5) גיי נישט סתם אָפּוועגן דאָס קינד. די וואָג איז אַ הילפסמיטל פאַרן דאָקטאָר צו וויסן וואָס און וויפל עסן אים צו געבן.

6) געדענקט און באַהערשט זיך אין אייער צאָרן, אין אייערע קאָנ־פליקטן צווישן מאַן און ווייב. טוט עס לטובת אייער קינד, וואָס איז דאָך סוף־כּל־סוף דער פּראָדוקט פון אייער ביידנס עגאָיִזם.

7) מאַכט נישט דאָס געוויכט פאַר אייער ציל, נאָר דאָס פּסיכאָ־סאָמאַטישע גלייכגעוויכט פונעם קינד, וואָס דאַרף אַריינוואַקסן אין דער דאָזיקער וועלט אַריין און האָבן כּוח גובֿר צו זיין אַלע שוועריקייטן אין איר.

פרויד און שניאורסאָן

אין אַלע ווערק פון שניאורסאָן געפינען מיר צעוואָרפן קריטישע און פּאָלעמישע באַמערקונגען בנוגע דעם פּסיכאָאַנאַליז. מיר האָבן פאַר זיך אַ פאָרשער, וואָס גייט צו צום ענין נשמה־לעבן פון פּסיכיאַטרישן שטאַנד־פּונקט, פּונקט ווי פרויד. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט באַדייט: ווי ס׳זאָל נישט אינטערעסאַנט זיין די טעאָריע, איז די פּראַקטישע באַנוצונג פון איר דאָס אויבערשטע פון שטויסל. דעריבער האָט שניאורסאָן געשאַפן אין פאַר־שידענע שטעט און אין פאַרשידענע צייטן פּסיכאָ־היגיענישע באַראַטונגס־סטאַציע, וועלכע דערמאָנען אין די פרוידישע און אַדלערישע הייל־סטאַ־ציעס.

שניאורסאָן איז דער מחבר פון אַן אייגענעם סיסטעם, וואָס ער רופט אָן „מענטש־ויסנשאַפט" און זיין פאָרש־מעטאָד רופט זיך פּסיכאָ־עקספּע־דיציע. אונדז איז די פּערזענלעכקייט פון שניאורסאָן באַזונדערס ליב צוליב זיין אויסבויען די מעדיציניש ליטעראַטור אויף יידיש: אַלע זיינע ווערק האָט ער געשריבן אויף יידיש אָדער זיי אַליין איבערגעזעצט. ס׳איז אויך באַקאַנט שניאורסאָנס צושטייער צו דער יידישער בעלעטריסטיק.

וואָס האָט שניאורסאָן צו זאָגן וועגן פּסיכאָאַנאַליז? קודם־כּל וועלן מיר אויפשטעלן דאָס גאַנצע צעטל וויכטיקסטע טענות און דערנאָך זיך אומ־קערן צו יעדער טענה באַזונדער.

1. די מעטאָדיק פון דער פאָרשונג־אַרבעט ביים פּסיכאָאַנאַליז איז אַ פאַלשע. זי איז איינזייטיק, אַבסטראַקט, דאָגמאַטיש און ספּעקולאַטיוו.

2. פּסיכאָאַנאַליז זעט נישט די פילגעשטאַלטקייט פון פּסיכישן לעבן, נאָר דערגריבלט זיך צום פּרימיטיוון סעקסואַליזם.

3. דעם הייל־מעטאָד פון פסיכאָאַנאַליז איז „צוליב זיין קאָמפּליציר־טער טעכניק" נישט מעגלעך צו באַנוצן.

4. „אומבאַוווסט" איז אַ פאַרנעפּלטער באַגריף און לאָקט מיט זיין פאַרנעפּלטקייט די פאַנטאַזיע.

5. שלאָף איז נישט, ווי פרויד וויל, אַן אָפּשטעל פון פסיכישער טעטיקייט און חלום איז נישט קיין וועכטער פון שלאָף. לויט פרוידן איז אייגנטלעך דער שלאָף אַן חלומות דער בעסטער.

6. דער חלום האָט נישט קיין באַהאַלטענעם אינהאַלט נאָר אַן אָפּע־נעם. פרוידס חלום־סימבאָליק איז אַ ספּעקולאַטיוו. דער חלום האָט נישט צו טאָן מיט דעם קינדעריש־פּרימיטיוון, מיט דעם אומבאַוווסטן.

7. נישט ליבידאָ (גלוסטונג, סעקסועל־באַגער), נאָר שפּיל איז דער וועקער פון לעבנסדראַנג.

8. דער „עדיפּוס קאָמפּלעקס" איז קעגן דער נאַטור פונעם מענטש און שפּילט במילא נישט די ראָל אין פסיכישן לעבן, ווי פרויד וויל עס.

9. די הויפּט־סיבה פון נעווראָז איז נישט די אונטערדריקטע פּרימי־טיוווע סעקסואַלישקייט, נאָר דער דעפיציט פון שפּיל.

10. די שעפערישע אויסווירקונגען פון דער מענטשלעכער פסיכיק זענען נישט „סובלימאַציעס" פאַר פּרימיטיוו־סעקסועלע אינסטינקטן, נאָר צוזאַמען מיט נידעריקע אורגעפילן לעבן אין מענטשן אויך העכערע שעפע־רישע געפילן.

ווען מען לייענט אַזוי אַדורך דאָס גאַנצע צעטל טענות, קומט אויס, אַז שניאורסאָן לייקנט דעם אויפטו פון פרוידן און שטרעבט, אומוואָרפנדיק דעם זאַכלעכן אַרסענאַל פון פסיכאָאַנאַליז, אויפצושטעלן אַ נייעם בוים פון פסיכאָלאָגישער דערקענטעניש. לייענט מען אָבער דורך פּינקטלעך שניאור־סאָנס ווערק, דערקענט מען, ווי דורך אַ נעפּל, דעם זעלבן בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף פרוידס פסיכאָאַנאַליטישן באָדן, נאָר עס פעלט אים די וווּנדערלעכע שוואַרץ־ערד און ער שטייט כמעט ווי אויף אַ פראָסטן הייל־צערנעם געשטעל. אין תוך אייגנטלעך גייט שניאורסאָן צו צו די זעלבע פּראָבלעמען פון פסיכאָאַנאַליז, פּאָלעמיזירט מיט פרוידס אויסטייטשונג און געבנדיק זיין אייגענעם פּירוש צו די פּראָבלעמען, הענגט ער זיי אַן

אויך אייגענע באַגריפֿן. אויב ביי פרוידן איז באַטאָנט די איינגעבוירענע קאָנסטיטוציאָנעלע אייגנשאַפט פֿונעם יחיד פֿון איין זייט און פֿון דער צווייטער זייט די פֿאַרשידענע מניעות, וואָס האַמעווען און קערעווען די פּסיכיק פֿונעם דרך־הישר אויף קרומע וועגן, זעט שניאורסאָן דאָס קינד, דעם מענטש נאָר אין דער באַציִונג צו דער געזעלשאַפט און אין דער גע־זעלשאַפט. אויב ביי פרוידן איז די טערמינאָלאָגיע אַ נייע און האָט זיך צו ביסלעך שוין אַריינבאַקומען אין טאָג־טעגלעכן שמועס, קומט שניאור־סאָן מיט זיין וויניקער אויפטועריש טערמינאָלאָגיע, וואָס דערמאָנט אָפט פּרוידס אָריגינאַל־באַגריפֿן אָבער אָן אַ טיפערער דעפיניציע. פרויד זאָגט — פּסיכאָאַנאַליז, שניאורסאָן — פּסיכאָ־עקספּעדיציע. דער חילוק ליגט אין אויסמעסט: פרויד גייט אין טיף, שניאורסאָן צעשפרייט זיך אין ברייט. אַפילו דער נאָמען „מענטש־וויסנשאַפט" איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער צעפלאָסנקייט און זאָגט גאָרנישט. אַ וויסנשאַפטלעכער נאָמען דאַרף זיין די קורצסטע און שאַרפסטע דעפיניציע פֿון אַ געדאַנק, אַ סיסטעם, אַ דער־שיינונג.

נאָר לאָמיר גיין כּסדר: אין פּונקט איינס קריטיקירט שניאורסאָן דעם פֿאָרש־מעטאָד. ווי אַזוישע זעט עס אויס אין זיין סיסטעם? „די מענטש־וויסנשאַפט שטרעבט צו זען און צו פֿאָרשן דעם גאַנצן מענטש אין זיין אומענדלעכער פילגעשטאַלטיקייט" („דער וועג צום מענטש"). אויב פרויד וויל אויפקלערן מיט הילף פֿון קליניש̈ער אָבסערוואַציע און שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע דאָס געביט נעוראָז־חלום־אומבאַוווסט־ליבידאָ, אויב פרויד גראָבט זיך אין דער טיף פֿון טונקעלע באַהעלטענישן פֿון דער מענטש־לעכער פּסיכיק און ברענגט אַריין אַהין ליכט, קומט שניאורסאָן מיט זיין עקספּעדיציע צו דעם מענטש מיט אַלגעמיינע באַגריפֿן, ווי ווירק־לעכקייט, סיסטעמאַטישקייט, אָביעקטיווקייט, רעאַלע און פילגעשטאַלטיקע גאַנצקייט און בלייבט ערשט אויסער דעם מענטש. אויף וויפֿל איז „שפּיל" רעאַלער פֿון „ליבידאָ"? דווקא פרוידס סיסטעמאַטישקייט און אָביעקטיוו־קייט (אויף וויפֿל דער באַגריף איז טייטש: קאָנטראָלירטע, לאַנגיאָריקע אַרבעט פֿון פֿאַרשידענע פֿאָרשערס, וואָס אַרבעטן מיט דעם זעלבן מעטאָד), דווקא זיין ספּעקולאַטיווע פֿאַנטאַזיע האָט געלאָקט די וויסנשאַפטלער און דיכטער און בתוכם אויך שניאורסאָנען.

אין צווייטן פונקט ווייזט אָן שניאורסאָן אויף דער רעאַלער פּילגע־שטאַלטיקייט פון דער פּסיכיק. „ווען דער פּסיכאָאַנאַליז באַטראַכט פאַקטיש אַלס סיבה פון נעוורואָז די אונטערדריקטע פּרימיטיווע סעקסועלישקייט און באַנוצט זיך מיט דעם ספּעקולאַטיוון אויסטייטש־מעטאָד, שטעלט אויף די „מענטש־וויסנשאַפט" אַלס הויפּט־סיבה פון נעוורואָז דעם לאַנגווייל, דאָס אויספעלן פון אינדיווידואַל־נויטיקן שפּיל" („אינטימע הייל־פּעדאַגאָגיק"). אויב סעקסואַליזם איז פּרימיטיוו, איז דאָך שפּיל קולטיווירטער סעקסואַ־ליזם און דער שורש פון שפּיל איז ווידער די ליבידאָ. ווייל וואָס גייט ביי ביידע? אין געווינס פון פרייד. ס'איז אָבער די טענדענץ פון דער פילאָ־זאָפיע און וויסנשאַפט נישט נאָר צו אַנאַליזירן, נאָר וואָס וויכטיקער: דורך אַנאַליז דערפירן דעם הויפן דערשיינונגס־פאָרמען צו דער איינציקער אור־פאָרעם. פאַר אַ סך נשמה־אויסשטראַלונגען האָט פרויד געפונען די אור־פאָרעם אין דער ליבידאָ. אַלע רעגנבויגן־פאַרבן שטאַמען סוף־כל־סוף פון איין זון.

וועגן די הייל־מעטאָדן (פונקט 3) זאָלן רעדן די פּראַקטיקער. אַגב, איז די באַהאַנדלונג פון קינדער־נייראָזן און די רעפאָרם־לערע וועגן דער פויזע לויט שניאורסאָנס באַריכט פון דער פּסיכאָ־היגיענישער באַראַטונגס־סטאַציע ביים „טאָז", ווירקלעך זייער ווייניק קאָמפּליצירט און דאָך נאָכן איבער־לייענען אים בלייבט מען פאָרט נישט אין גאַנצן איבערצייגט פון דער ווירקזאַמקייט פון שניאורסאָנס נעוורואָזן־היילונג.

פונקט 4. אין בוך „אינטימע הייל־פּעדאַגאָגיק" לייענען מיר: „פאַר אַ טייל איז עס געווען וווּנדערלעך, וואָס אַנשטאָט דעם פאַרנעפּלטן אונ־טער־באַוווּסטזיין, שטייט ביי אונדז אין צענטער דאָס קלאָרע שפּיל־באַ־וווּסטזיין און דאָס מיט אים פאַרבונדענע גרופּעדיקע באַוווּסטזיין. ווי דער „דיבוק" אין מיטל־עלטער, אַזוי איז היינט פּאָפּולער דער „אונטער־באַ־וווּסטזיין", וואָס לאָקט, ווי דער דיבוק, מיט זיין געהיימער פאַרנעפּלט־קייט די „ספּעקולאַטיווע פאַנטאַזיע". מיט וואָס איז שפּיל־באַוווּסטזיין קלאָ־רער ווי אונטער־באַוווּסטזיין? באַוווּסטזיין רופט שניאורסאָן אָן נאָרמאַל־באַוווּסטזיין און פרוידס „אומבאַוווּסט" קוקט אַרויס ביי שניאורסאָנס „שפּיל־באַוווּסטזיין", וואָס ער דעפינירט אַלס אינטויִטיוו־עמאָציאָנעל־אימפּולסיוו באַוווּסטזיין. ביזטו וואָך — נאָ דיר אַ פריי שפּיל־באַוווּסטזיין, שלאָפסטו

— האָסטו דיר אַ טרוימעריש שלאָף־באַוווּסטזיין! די דרײַצנערליי באַוווּסט־זיינס מאַכן זיכער אַ גרעסערן כאַאָס, איידער זיי קלערן עפּעס אויף. שניאור־סאָן גיט צו, אַז דאָס נאָרמאַל־באַוווּסטזיין און די „ספּערישע" באַוווּסטזיינס זענען אויטאָנאָם, כאָטש זיי זענען דינאַמיש צווישן זיך פֿאַרבונדן. דאָס זעל־בע איז פֿאַראַן ביי פּרוידן, און ווי שיין באַשרייבט פּרויד די דינאַמישקייט צווישן באַוווּסט און אומבאַוווּסט!

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין דעם ביאָלאָגישן און פיזיאָלאָגישן באַטייט פון שלאָף און חלום (פּונקט 5). נאָר אויב פּרויד זאָגט, אַז דער בעסטער שלאָף איז אָן חלומות, קומט שניאורסאָן און ברענגט אַזאַ קאָנ־צעפּציע, אַז שלאָף אָן חלומות קען מאַכן נערוועז. שניאורסאָן האָט אַ מאָל ליב צו באַשטעטיקן אַ טייל פון זיינע טעזן מיט אַ זאָג: „באַקאַנט יעדן מענטש פון זיין אייגענער דערפֿאַרונג". דאָס אויביקע וועט אָבער קיינעם נישט זיין באַקאַנט. אַוודאי: ווען שפּיל איז געגליכן צו חלום און ביי שפּיל־היזק קומט, לויט שניאורסאָנען, צו נעוורא‏ָז, מוז ווייטער ספּעקולאַטיוו גע־דרונגען זיין, אַז חלום־היזק פירט אויך צו נעוראָז.

ערשט די איבערזעצונג פון אָפענעם אינהאַלט קען קלאָר מאַכן די געדאַנקען, געפילן און ווערלענישן פון בעל־חלומות (פּונקט 6). פּרויד האָט זוכנדיק דעם באַטייט פון די אומגעלומפּערטע חלומות געפונען, נאָך לאַנג־יאָריקן סאָרטירן און פאַרגלייכן פון חלומות ביי נערוועזע פּאַציענטן, אַז זיי האָבן אַ זין און אַן אייגענע שפּראַך. היינט זענען די חלומות דער הויפּט־דרך פון פּסיכאָאַנאַליטישן הייל־מעטאָד. שניאורסאָן באַגנוגנט זיך מיט דעם אָפענעם אינהאַלט, ווו „ס'ווערן בילדלעך רעאַליזירט געפילן". ווי אַזוי אַ חלום איז מטושטש און אומקלאָר, ווייסט יעדער, דערפֿאַר איז שווער צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי „אומקלאָרע, טונקעלע געפילן קאָנען קומען צום קלאָרן אויסדרוק אין דעם אָפענעם אינהאַלט פון פֿאַנטאַזיע־בילדער". אַגב, ווי זאָל מען פֿאַרשטיין וויסנשאַפטלעך דעם באַגריף: „טונקעלע" געפילן?

איבערגייענדיק צו דער באַדייטונג פון שפּיל (פּונקט 7), שרייבט שניאורסאָן וועגן דעם בזה הלשון: „אַזוי ווי די חלומות זענען דער שפּיל פון מענטשן אין דער צייט פון שלאָף, דערפילן די חלומות די אַלגע־מיינע פונקציע פון שפּיל צו וועקן דעם לעבנס־דראַנג" („חלום און שפּיל"). אַז די ליבידאָ אָדער שפּיל, אַלס פֿאַרברייטערטע פֿאָרעם פון

ליבידאָ, טוט עס — מהיכא־תיתי! אָבער ווי אַזוי וועקט דאָס דער חלום דעם לעבנסדראַנג? עס זעט אויס סאָפּיסטיש דאָס וועלן צובויגן דעם נישט רעאַלן גדאַנק צו דער ווירקלעכקייט לשם פאַרגלייך.

פונקט 8. „דער אינצעסט איז קעגן די געפילן און ווילן פון מענטש" („חלום און שפּיל"). אמת! אָבער נאָר פון דעם דערוואַקסענעם מענטש, ביי וועלכן דער „עדיפּוס־קאָמפּלעקס" איז שוין פאַרשטויסן אין „אומבאַוווּסט" און באַווייזט זיך אין חלום פון נאָרמאַלן און גאַנץ באַשטימט שוין אין חלום פון דעם נעוורּאָטישן יחיד.

פונקט 9. פרויד זאָגט „סובלימאַציע" און מיינט סאָציאַל־שעפערישע געוואָרענע ליבידאָ. דאָס דערפירן אַ סך דערשיינונגען צו זייער אור־דער־שיינונג איז אַ גרויסער פאַרדינסט פון פרויד. שניאורסאָן מאַכט עס פאָפּו־לער און טייטשט אויס, דאָס ביי מענטשן זענען פאַראַן סיי העכערע, סיי נידעריקע אור־געפילן. אָבער אויך ביי אים טרעפן מיר אַ וואָרט „פאַרטרע־טונג אָדער פאַרוואַנדלונג". וואָס מיינט שניאורסאָן דערמיט צו זאָגן? „עס טרעפט אַ מאָל, אַז די ליבע שטויסט זיך אָן אויף מניעות מצד דער אויסער־לעכער אָדער אינערלעכער סביבה פון דער פערזענלעכקייט, דעמאָלט פאַר־ווירקלעכט זי איר פאַרבאָרגענע פונקציע אין דער פאָרעם פון פריינדשאַפט, אַזאַ מין פאַרטרעטונגס־פריינדשאַפט פונקט, ווי יעדע פאַרטראַטענע איבער־לעבעניש, קאָן זיין אַ באַוווּסטע אָדער אומבאַוווּסטע אַנטפּלעקונג פון דער פאַרטראַטענער ליבע" („חלום און שפּיל"). אַלזאָ אין פלוג הערט מען פון דעם זאַץ שיר נישט פרוידס לשון, אָבער דער גדאַנק איז איינפאַכער: אויב נישט ליבע, איז ווייניקסטנס פריינדשאַפט, זיי קערן זיך אָן. צו וואָס־זשע טויג דאָ פרוידס לעקסיקאָן: פאַרטרעטונג (כמעט סובלימאַציע), באַ־וווּסטע און אומבאַוווּסטע אַנטפּלעקונג, אויסערלעכע און אינערלעכע סביבה?

פונקט 10. נעוורּאָזן זענען אַ פּראָדוקט פון אַ פסיכישן קאָנפליקט צווישן נאַטור און מאָראַל, צווישן דער סעקסואַל־קאָנסטיטוציע (ליבידאָ־פיקסאַציע) און לעבנס־צופּאַסונג (אָפּזאָגן זיך), צווישן דער דרויסנדיקער און אינעווייניקסטער סביבה פון דער פערזענלעכקייט. אינעווייניק הערשט דער סעקסואַליזם. ער איז אַ פונקציע פון נשמה, פונקט ווי פון גוף. פרויד מאַכט אַפילו די השערה, אַז אָרגאַניש קענען נעוורּאָזן זיין אַ פּועל־יוצא פון

אַ שטערונג אין סעקסועלן שטאָף־בייט: די דריזן פּראָדוצירן מער טאָקסין, ווי דער יחיד קאָן פאַרטראָגן. מיר זעען, אַז אויסער די פסיכאָלאָגישע טעאָריעס פון נעוראָזן און זייער היילונג אויפן וועג פון פסיכאָאַנאַליז דערנענטערט זיך פרויד מיט זיין טעאָריע צו אַן אָרגאַנישן עקוויוואַלענט. און ווידער איז זיך שניאורסאָן טועה, ווען ער מיינט, אַז נודנעקייט אָדער שפּיל־דעפיציט קאָן זיין די הויפּט־סיבה פון נעוראָז. „אָדער דאָס קינד שפּילט נישט, ווייל ס'איז נערוועז (ד"ה ס'איז שוין פון פריִער באַזעצט דורך דעם נערוועזן צוואַנג־שפּיל) און קאָן זיך דערפאַר נישט אַריינלעבן אין דער נאָרמאַלער שפּיל־געזעלשאַפט, אָדער דאָס קינד איז נעוראָטיש, ווייל ס'איז איינזאַם". נעמען מיר אָן, אַז ס'איז אמת אָדער מעגלעך, אַז קינדער איינזאַמע ווערן נעוראָטיש, וואָסזשע איז די סיבה פון די אַפּריאָרי נערוועזע קינדער, וואָס קאָנען נישט שפּילן? וואָס טוט מען מיט זיי?

מיר קומען צום סך־הכל: שניאורסאָן, אַרויסגייענדיק פון דער קריטיק וועגן פסיכאָאַנאַליז, האָט געשאַפן זיין אייגן סיסטעם. אויב אָבער פרוידס טעאָריע כאַראַקטעריזירט דרייסטקייט און שווונג, בלייבט שניאורסאָנס קאָנצעפּציע בלויז ביי דער פשוטער און אַלגעמיינער דערפאַרונג. אויב ליבידאָ און דערהאַלטונגס־דראַנג זענען די טיפסטע וואָרצלען פון מענטשלעכער פסיכיק, איז די שפּיל־אַרבעט־ריטמיק אַ מער דרויסנדיקע דערשיינונג. אַגב, איז די שפּיל־אַרבעט־טעאָריע שוין צו געפינען ביי קאַנטן, שילערן און פלעכאַנאָוון.

פאַר דער נעוראָזן־לערע איז פרויד געווען דער קאָלומבוס. ביז אים האָט די פסיכיאַטריע און די עקספּערימענטאַלע פסיכאָלאָגיע געהאַט נאָר צו טאָן מיט דעם ניכטערן נשמה־לעבן. פרויד האָט דעפינירט די וועלט פון אומבאַוווּסטן. ביי פרוידן איז עס נישט קיין בוידעם, ווו מען וואַרפט אַרויף אומנוציק אַלטוואַרג, נאָר אַ סאַלאָן מיט אייגענער רייכער אויסשטאַטונג. שניאורסאָנס צושטייער צו דער נעוראָזן־לערע איז אַ מער באַשיידענער און דערוויייל וויניק־איבערצייגנדיקער פּרוּוו אַרויסצופירן דעם נעוראָז פון שפּיל־דעפיציט און מיט ענדערונג פון לעבנס־שטייגער אָדער שפּיל־פאַקטאָר דערפירן דעם נעוראָז צו אויסהיילונג. דאַקעגן די פּעדאַגאָגיק וועט שוין יאָ געפינען אין שניאורסאָנס סיסטעם נוצלעכע באַטראַכטונגען און אָנווייזונגען וועגן אַרבעט און שפּיל, וועגן דער וויכטיקער ראָל

פון שול־פויזע און וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון געזעלשאַפט־שפּיל פאַר דעם פּסיכישן גלייכגעוויכט.

אַלקאָהאָל

אַנומלט האָט מיר אַ געניטער שיכּור געזאָגט: ווען איך קום צו אַ דאָקטאָר, איז מיין ערשטע פראַגע, צי ער האָט ליב דעם „ביטערן טראָפּן". ווייל נאָר אַזוינער קען פילן, ווי איך, דעם טעם פון אַ „קנאַק יעקב" און נאָר ער קאָן מיטפילן אויך מיט מיין קראַנקער לעבער און מיט מיין משוגענעם האַרץ.

סתם אַבסטינענטן, וואָס ווערן באַטראַכט פון געוויסע וויסנשאַפטלער אַלס פּסיכאָפּאַטן, זענען אָפּגעהיט סיי פון דעם באַפליגלטן רויש סיי פון דער שעדלעכער ווירקונג...

וועלכע געזעלשאַפט, פון דער ביבל, פון דער האָמער־צייט אָנגעהויבן ביז צום היינטיקן טאָג, האָט נישט פאַרבונדן שׂמחות מיט וויין, פייערונגען מיט וויין־לידער?

ביר איז אַפילו געטרונקען געוואָרן שוין אין אַלטערטום, אָבער דאָס היינטיקע ביר איז אַ פּראָדוקט פון דעם נאָרדישן, גערמאַנישן שיכּורים־גייסט, וואָס איז געוואָרן פון דעם ביר טרינקען נאָך פלעגמאַטישער, נאָך מער „יעקע".

ווייל בראָנפן, ספּירט איז כּמעט ריינער אַלקאָהאָל. ספּיריטוס הייסט גייסט אויף לאַטייניש, בראָנפן צינדט אָן, וועקט אויף די גייסטיקע פונק־ציעס, אַזוי לאַנג ווי ס'איז דאָ אַ מאָס אין טרינקען.

אין וויין, ביר און בראָנפן בילדעט זיך דער אַלקאָהאָל פון צוקער, וואָס צעפאַלט זיך אונטער דער השפּעה פון הייוון, דאָס הייסט דורך פער־מענטירונג (יערונג) אויף אַלקאָהאָל און קוילן־זויער.

אויסער אַלקאָהאָל פאַרמאָגט דער וויין אויפגעלייזטע אייוויס־סוב־סטאַנצן, רעשטלעך פון צוקער, מינעראַל־זאַלצן, ווי קאַלי, קאַלך, מאַגנע־זיע און עטערישע אייל־שטאָפן, וואָס גיבן צו דעם וויין דעם כאַראַקטע־ריסטישן געשמאַק.

ביר האָט אויסער אַלקאָהאָל נאָך צוקער, דעקסטרין, אייווייס־סוב־סטאַנצן, קוילן־זויער און דעם ביטערן עקסטראַקט פון כמיעל (האָפּן).

ווי אַזוי ווירקט אַלקאָהאָל אויף דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם?

ס'ווערט וואַרעם אין אַלע אֵברים. דערביי אָבער הייבט זיך נישט די טעמפּעראַטור פון דעם קערפּער, פאַרקערט, זי פאַלט אַראָפּ. ווייל די בלוט־געפעסן פון דער הויט פאַרברייטערן זיך, דער טרינקער ווערט רויט און די פאַרגרעסערטע אויבערפלאַך פון בלוט גיט אָפּ מער וואַרעמקייט דעם אַרום. אַ שיכּור ווערט אויפן פראָסט לייכטער פאַרפרוירן, ווי אַ ניכטערער.

אין מאָגן רייצט אַלקאָהאָל די דריזן צו פאַרמערטער סעקרעציע. דערפאַר דינט אַ ביסל אַלקאָהאָל בשעתן עסן אַלס אַפּעטיט־רייצער.

די הויפּט־ווירקונג פון אַלקאָהאָל איז אויף די געהירן. ער צעבינדט די פאַנטאַזיע, דערנאָך די צונג. די חושים נעמען אויף שאַרפער די איינ־דרוקן. ס'ווערט לייכטער און פריילעכער אויפן האַרץ. מען ווערט אָפנ־האַרציקער און באַרעדעוודיקער אין דער געזעלשאַפט.

דאָס אַלץ איז גוט אַזוי לאַנג, ווי מען כאַפּט נישט איבער די מאָס. גיסט מען אָבער איבער דאָס מעסטל, ווי שיכּורים זאָגן, קומט עס צו דער אַקוטער אַלקאָהאָל־פאַרגיפטונג. אויפן אָרט פון די רייץ־סימפּטאָמען אין ערשטן סטאַדיום טרעט איצט אויף אַן אַלגעמיינע טעמפּקייט ביז באַוווסט־לאָזיקייט. אַ טייל פאַלן אַוועק אין חלשות און ברעכן אויס דעם איבעריקן אַלקאָהאָל, אַ טייל ווידער, מער צוגעווויינטע, נעמען פּלאָנטערן מיט דער צונג און רעדן נאַרישקייטן. ס'טרעפט זיך אויך, אַז אַ שיכּור שטאַרבט אַוועק, צוליבן פּאַראַליז פון אָטעם־צענטרום. אין פאַל פון אַזאַ פאַרגיפ־טונג מוז מען אויספּאָמפּען דעם מאָגן און אונטערהאַלטן דאָס האַרץ מיט קאַפעין (אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע).

איצט איז נויטיק צו ענטפערן אויף אַ וויכטיקער שאלה: צי קען אַלקאָהאָל פאַרטרעטן אַן אַנדער דערנערונגס־מיטל ווי למשל, פלייש, צו־קער, פעטס, וויטאַמינען און מינעראַל־זאַלצן?

ניין, אַלקאָהאָל איז נישט קיין דערנערונגס־מיטל, אַפילו ווען ער שטילט דעם הונגער און אַפילו ווען ער פּראָדוצירט מער קאַלאָריעס ווי פעטס און אייווייס. מיר ווייסן, אַז אין ביר און אין וויין געפינט זיך אייווייס, צוקער און מינעראַל־זאַלצן, אָבער אַזוי ווייניק, אַז ס'איז נישט

גענוג פאַרן אָרגאַניזם צום אויפבוי פון קעמערלעך און צו דער פּראָדוקציע פון ענערגיע. אין די הייוון געפינט זיך וויטאַמין „ב״, אָבער די הייוון אין פערמענטירטע אַלקאָהאָל־פּראָדוקציעס פאַרמאָגן זייער ווייניק פון דעם וויטאַמין.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַלקאָהאָל איז נישט קיין דערנערונגס־מיטל און אַז די צוגעווינטקייט פירט צו אַ כראָנישן אַלקאָ־האַליזם, הייסן אַ טייל פירן אַ קאַמף קעגן יעדער פאָרעם און קעגן די קלענסטע קוואַנטיטעטן פון אַלקאָהאָל. אַלס אויסדרוק פון דער האַרבקייט איז געווען דער אַמעריקאַנישער אַלקאָהאָל־פאַרבאָט. דאָס לעבן האָט אָבער באַוויזן, אַז דער קאַמף מיטן אַלקאָהאָל אין אַמעריקע איז געווען צביעות־דיק, און אויך דערפאָלגלאָז. דערפאַר בלייבט איבער נאָר די אויפקלערונג, וואָס זאָל פאָרשטעלן זאַכלעך און וויסנשאַפטלעך דעם גן־עדן און גיהנום פונעם אַלקאָהאָל־געברויך און אויסלערנען דעם באַוווסטזיניקן יחיד איינ־צוהאַלטן די מאָס אויך ביים טרינקען.

לידער

פון אַלישער נאַוואָיס ליריק

1

לאָמיר שיכּורן אין שענקען,
לאָז דאָס האַרץ זײַן פֿרײַ פֿון קייטן
און אין האַרבעריק זיך גלײַכן
מיט דער אָרעמקייט פֿון לײַטן.

טרינק-זשע װײַן! װײַל זעסט דאָס װעלטל?
אָט די אַלטע מײַסטער-װערקשאַפֿט?
נישט פֿאַרשטענדלעך איז פֿאַר מענטשן
שוין פֿון לאַנגע, לאַנגע צײַטן.

ס'איז אין דר'ערד געגאַנגען עביק
יונגע האָפֿענונגען פֿון דורות
און צעטרענצלט נאָר דאָס לעבן
צװישן װערטער, פּוסט פֿון פּירות.

האַרבעריק! דו ערים-מקלט!
ביסט די הייליקייט פֿון נישט-זײַן.
נישט דערלעבן זאָל דער פֿרומאַק
אויפֿצושײַנען מיט דײַן ליכט-שײַן!

מענטש! שװאַך אָפּ דײַן גאװה שנעלער!
רעד נישט תּמיד נאָר מיט „איך", „איך":
אויך דער שׂטן שטאַמט פֿון הימל
אויף דער ערד הײַנט, װי ער קריכט זיך.

זײַ קײן עקשן נישט, נאַװאַי!
יאָג זיך נישט, צעברעך קײן בײנער!
סײַװוי בלײַבט די װעלט אַזױנע,
נישט צופֿרידן מיט דיר קײנער.

2

װאָס טויג די מעשׂה פֿון דעם אַלטן זינגער,
דעם, װאָס איז אין פֿרײַהײט רײַך?
צי װעט דאָס ליד פֿון קנעכט און דלות
דעם קיניגס האַרץ דען מאַכן װײך?

עס װײעט אַ װילדקײט אין עמק־הבכא,
מיט מיר באַגעגענען קענסטו זיך דאָרט.
דערהערן װעסטו די אײביקע מעשׂה,
אין װײטיק געטונקען איז יעדעס װאָרט.

מײַן האַרץ האָסט געכאַפּט און אַנטלאָפֿן מיט אים,
דײַן פּנים פֿאַרהילט פֿאַר דער װעלט.
כ׳דערמאָן זיך אין מעשׂיות פֿון ליגנס און כּישוף
אַ פֿאַרלאָזטער אַלײן אין געצעלט.

עס בלאָנדזעט אַרום מײַן האַרץ אין דער נאַכט,
אויף לבנהדיק געסל זיך רירט.
איך בעט דיך װינט פֿון קילן פּרי אין סאָד,
דערטראָג איר גרוס צו מיר.
נישטאָ קײן בשׂורות טובות מער
פֿון גרויען גורל מײַנעם,
װוּ ביסטו ליד פֿון אויגן שװאַרצע
און ברײטע, טונקעלע ברעמען?

אויב עמעץ קלערט: נאָר בעכער לייַד
געמאַכט האָט מיך טויט-שיכּור,
פֿאַרשטייט ניט ס'ערלעך-קלוגע ליד
פֿון גורל מייַנעם, פֿון דעם עיקר.
פֿרעג נאָך זיך שטענדיק וועגן גורל
פֿון נאַוואָי, דעם העלד פֿון לייַד,
ווייַל נוצלעך איז פֿאַר איידעלע מענטשן
צו קענען דאָס ליד פֿון אָרעמע לייַט.

וואַריאַציעס צו דער „הגדה"

1

אָט איז דאָס טעגלעכע עסן צום טעם!
געהייליקט מיטן הויך פֿון פֿרייד.

יעדן טאָג גייַען מיר אַריבער דעם רוישנדיקן ים.
וואָלט אפֿשר גוט געווען אויסצוזינגען רייד
פֿון גומל-בענטשן יעדן אָוונט בייַ אַ גלעזעלע ווייַן?
פֿאַרבעטענע געסט זאָלן ווייַטער איבערגעבן
פֿאַר קינדס-קינדער דעם אמתן סוד פֿון לעבן:
אַז עלנטקייט איז ביטערער פֿון נויט,
אַז נאָר דער אמת בינדט און בויט.
זע נאָר! עלינאָווי קומט אויף פֿייַערדיקע רעדער!
קינדער! יעדער טאָג איז ווערט אַ פֿייַערלעכן סדר!

2

קנעכט זענען מיר געווען איבעראַל:
אין די הויכע הייַזער אַרום קלויסטער,
האָבן גלאָקן דאָרט געקלונגען: גיי-גיי-גיי.

פֿון די הײַזקעס, קעלער-שטיבער
האָט געטראָגן זיך אַ ריח: ווײ-ווײ-ווײ.
אין די געטאָס, אין די בונקערס און קאַנאַלן
זענען מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן,
ווײַל קנעכט זענען מיר געווען איבעראַל.

וויפֿל קרבן-פּסחס דאַרפֿט איר, פֿרומע קעץ?
איר זאָלט קענען ריין מאַכן זיך פֿון אײַערע קרעץ?
וואָס ברומט איר הללויהס, ייִדישע עליכם-שלומס?
וואָס האַלט איר קריסטוסן מיט אײַערע פֿאַרבלוטיקטע אָרעמס?

ווי אין חלום זײַנען מיר געגאַנגען
זוכן דאָ אין ציון פֿרײַערע געזאַנגען.
השתא הכא זענען מיר בני-חורין:
געוועזענע קנעכט אין קרוינען.

אַ לעמעלע
(חג-גדיא-מאָטיוו)

1. קינדער האָט נישט כעמעלע,
קויפֿט ער זיך אַ לעמעלע.
2. אַ לעמעלע, אַ לעמעלע,
האָט געקויפֿט זיך כעמעלע.
3. שפּרינגען קינדער קליינע, גרויסע;
שפּילן זיך אין „בערעלע קדוישע״.
4. דאַדעלע און דני, שׂרהלע און משה,
אַלע שפּרינגען זיי קדושה.
5. פֿונקען פֿאַלן פֿונעם הימל!
טאַנצט דאָס לעמעלע אין רימל.

6. אַדלערס נעגל שאַרף און שפּיציק!
וואַרפֿט דאָס לעמעלע זיך היציק.
7. „אֵש"! „שושנה מפֿוזרת"!
און דאָס לעמעלע עס רעוועט.
8. קומט צו לויפֿן כעמעלע:
וואָס איז לעמל, לעמעלע?
9. קלאָגט זיך לעמעלע פֿאַרלייגן:
שטאַרק טוט ווײ די קינדערס נעגל.
10. זאָגט מיט רחמים כעמעלע:
דו מוזט לײַדן, לעמעלע!
11. קענסט ניט בײַסן, שרײַען, בילן,
מוזטו טאָן, וואָס שטאַרקע ווילן.
12. טויבן פֿאַלן ניט פֿון הימל,
לײַדט דאָס לעמעלע אין רימל.
13. קעץ און הינט און פֿײַער, וואַסער,
ס'שטייט דער שוחט מיטן מעסער!
14. זאָגט מיט תורה כעמעלע:
דו מוזט לײַדן, לעמעלע!
15. אַ לעמעלע, אַ לעמעלע,
האָט געקויפֿט זיך כעמעלע.

(כעמעלע-ירחמיאל. בערעלע קדושה איז אַ קינדערשפּיל אין ישׂראל: די קינדער זענען אײַנגעבויגן און שפּרינגען איבער זייער רוקן לויט די פֿאַרשידענע באַפֿעלן: „אֵש" = פֿײַער! „שושנה מפֿוזרת" = צעטראָגענע רייזעלע)

דריי אַקאָרדן פון ניצחון

1. היינו כחולמים...

כ׳בין אויפגעשטאַנען אַרום פינף. רפי מיינער פרעגט: וואָס ביסטו אַזוי פרי אין די שיך און אין רעקל? זאָג איך אים: ביי מיר איז עס אַצינד שוין אַ געוווינהייט זייט די ששת ימי המלחמה. יעדע שעה הער איך דעם ראַדיאָ־קאָמוניקאַט. אין צווישן טרינק איך אַ גלעזל טיי. און אַזוי צ׳עַנדיק, לויף איך און עפן די טיר און קוק אַרויס, צי ס׳שטעקט שוין די הייַנטיקע צייטונג אין פּאָסטקעסטעלע. פון מיינע רייד און מיינע מעשׂים ברעכט אויס רפי מיינער אין אַ געלעכטער: טאַטע! היינט איז דאָך שבת!

איך בין איבערצייגט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך. רפי זעט מיין זיכער־קייט, אָבער פאַרלירט זיך נישט. מיר לויפן צום לוח: פרייטיק איז רפי געקומען אַהיים נאָך אַזוי פיל צייט און נאָך אַזוי פיל ניצחונות. זענען מיר אַ האַלבן טאָג און אַ האַלבע נאַכט געשפּרונגען פון איין פראַנט אויפן צווייטן, פון איין טעמע צו דער צווייטער. זעט אויס: אין דעם פרייטיק איז געווען אַזוי פיל יומטובדיקייט! אַז איך האָב אין איר פאַרלוירן דעם שבת!

אַרום זיבן בין איך געווען פּאַרטיק צו לאָזן זיך גיין צום אויטאָבוס און פאָרן צו דער אַרבעט. אַז מע זאָגט אַ מאָל: שיכור פאַר פרייד, גלייב!

2. אַ בריוו צו יאָסל חריף

...און אַצינד וועסטו אונדז נישט יאָגן פון שפּיץ הר־ציון. דעמאָלט האָסטו געזאָגט:

— איר זעט דעם פּלאַץ פון נציב? און דאָרט אין יענעם ווינקל איז דער בית־הקברות, ווו די מאַמע פון מיינע צוויי גענייטע זין געפינט זיך. און לינקס איז דער אייביקער וועג צו גולגולתא — אויף דעם פּלאַץ שטייט מען נישט, נאָר מען גייט — געגאַנגען, נאָר געגאַנגען ווייטער — ווייל נעכטן האָט אַ ירדנישע קויל אויף דעם אָרט געטראָפן אַ ייד —

היינט וועסטו אונדז פירן צום הר־הצופים.

פון דאַנען וועלן מיר זען אויפגעוואַקטע גבורה אין דער לענג און אין דער ברייט.

די טויערן פאַר משיחן און פאַר אונדז זענען אָפן. גייען מיר. און דו זינגסט דיר אונטער: געגאַנגען, נאָר געגאַנגען ווייטער — ווייל אַצינד זענען אַלע פלעצער הייליק, אַלע וועגן פריי.

וואָס־זשע שווייגסטו? פאַר פרייד האָסטו דאָך געדאַרפט אַזוי הויך שרייבן, אַז גאַנץ ארץ־ישׂראל זאָל דיך הערן.

יעדער גאַנג קיין ירושלים איז פון תמיד אָן אַ רייף געזאַנג פאַר ז״ער אייביקייט.

און אויגן וואָס ווייַנען פאַר פרייד ווערן נישט קאַליע,
אויגן, וואָס פינקלען פאַר פרייד צינדן אָן אַפילו שטיינער,
און זיי לייכטן אַזוי שיין אין ירושלים.

3. צוויי קעפּ

גיס נישט קיין פייער אויף מיין קאָפּ אין סיני —
עס טוט מיך ווי אויך, אַפילו איך זיץ אין מישיגען.
גיס נישט קיין פייער אויף מיין קאָפּ אין מישיגען,
עס טוט מיך ווי אויך, אַפילו איך זיץ אין סיני.
ווייל איך בין אַ מענטש מיט צוויי קעפּ,
וואָס איין האַרץ און איין בינטל נערוון פאַרבינדט זיי.

אין סיני לאָזן מיר נישט אַרויס די אַראַבער פון זייערע היימען, ווען ס׳ווערט נאַכט,
זיי זאָלן נישט אויסגיסן זייער פייער און זייער כּעס אויף אונדזערע קעפּ.
אין מישיגען גייען די ווייסע יידן נישט אַרויס פון זייערע היימען, ווען ס׳ווערט נאַכט,

די שוואַרצע גוייִם זאָלן נישט אויסגיסן זייער כּעס און זייער פייער
אויף אונדזערע קעפּ.
איין האַרץ טוט ווי, איין בינטל נערוון איז געשפּאַנט.

אפשר וואָלט עס לייכטער געווען פאַר דעם ווייטיק און פאַר דער שפּאַנונג,
אַז זיי זאָלן קומען נאָר פון איין קאָפּ און טאַקע נאָר דאָ אין דער אויסגע־
בענקטער היים?

ליד

דייַנע לידלעך פון געליבטן זענען לאַנג און צעצויגן.
באַוואָרנסט זיך אין זיי פאַר אומטרייַקייט פון „דייַנעם".
אָבער דייַן מעלאָדיע גייט אַנטקעגן דייַן נאָגנדיקן לעבן
און זינגט: כ'ליב דיך — כ'ציי זיך צו דיר — כ'האָב מורא...

ווי זיסקלעפּנדיק זענען דייַנע רייד וועגן מיידלשקייט דייַנער!
דינע פעדעם, ווי פון האָניק, ציִען זיך און וועבן דין אַרום.
און דאָך פאַרשווייַגסטו, זאָגסט ליגן, ווייַל דייַן יונגער גוף
זאָגט אַנדערש.
און דו צעלאַכסט זיך ברייט און הויך: מען קאָן אָן ברויט
נישט לעבן,
אָבער אָן „אים", דעם געליבטן... און ציטערסט אויף: כ'האָב ליב.

נייע הומאָרעסקן

פון אברהמעלע דע־רופא

אַ גוטע וואָך — יידיש בוך

(מאָנאָלאָג)

איר האָט פאַרגעניגן דערפון? שרייבט ווייטער! נאָר איך זאָל, ווי איר ווילט, קויפן אייער בוך? נישט דערלעבן זאָלט איר עס! איך שעלט אייך חלילה נישט, פאַרקערט, איך בענטש אייך גאָר: איר ווייסט דאָך אַליין: אַ בוך פון אַ טויטן שרייבער גייט בעסער. עפּעס איז עס מער לעבעדיק און אַ סך ביליקער. מען קאָן עס קויפן איין מאָל אין יאָר אויפן בוך־יריד מיט 40% ביליקער. וואָרט איך. אין דער וואָך פון בוך קלייב איך מיר אויס עטלעכע ביכלעך מיט פאַרשידענע פאַרבן, וואָס ליגן אויף די טישלעך אין גאַס און דעקאָריר דערמיט דעם בופעט ביי מיר אין סאַלאָן.

וואָס־זשע דולט איר מיר אַ קאָפּ? איר האָט מיר געשיקט אייער ביכל, ליגט עס. אַצינד מאָנט איר מיך, אַז איך זאָל באַצאָלן. פאַר וואָס? ערשטנס, האָב איך אייך נישט געבעטן איר זאָלט מיר שיקן אַ מתנה און דערנאָך ווען געלט דערפאַר. צווייטנס: האָב איך געגעבן מיין בריל צו פאַרריכטן, האָב איך נישט אַפילו מיט וואָס אַ בלעטער צו טאָן אין אייער בוך. דריטנס: גיט מיר מאַראַנצן און לימענעס, וועל איך אייך זאָגן מבינות און זאָגן מה יקר. אויסער דעם: גיט מיר דאָס ביכל אויף ענגליש. מיר איז לייכטער צו קוקן אויף די גרויסע בריטישע אותיות, ווי אויף אונ־דזערע קליינע יידעלעך.

איבעריקנס: וויפל ווילט איר פאַר דעם ביכל? ס'איז דאָך גרויס ווי אַ גענעץ! נו, רעדט ווערטער! וואָס? איר ווייסט נישט? איר האָט נישט אויסקאַלקולירט דעם פּרייז? נו, גוט! וויפל קאָסט אייך דאָס פּאַ־פּיר, די מאַטריצן, דער דרוק, אַזוי גאָר? אַ סך געלט! גיט נאָר אַ קוק: דאָס פּאַפּיר איז נישט פון בעסטן סאָרט, דער דרוק צו קליין פאַר מיינע אויגן.

וויסט איר וואָס? נעמט אייך צוריק אייער ביכל! דערצו האָט איר נאָך אַריינגעשריבן עטלעכע ווערטער מיט מיין נאָמען, וועל איך עס נישט קאָנען אַפילו געבן עמעצן אַלס מתנה צו אַ בר־מצווה. טאַקע! נעמט אייך דאָס ביכל און שיקט מיר אַ נישט־באַשריבנס. איך פאָר מאָרגן אויף אַ האַלב יאָר קיין אייראָפּע. אין די היצן האָב איך ליב צו שוויצן אין שווייץ. איך וועל עס מיטנעמען, כּדי צו קאָנען אויפן וועג וואָס שנעלער אַנט־שלאָפן ווערן.

געלט וועל איך אייך שיקן, ווען איך וועל צוריק קומען מיט גאָטס הילף. וויפל, ווילט איר וויסן, וועל איך אייך שיקן? אַזוי פיל וויפל ס׳וועט ווערט זיין אין מיינע פאַרשלאָפענע אויגן!

יואל גאַנץ־יאַכנין

אָדער

מיר קומט מער

דער מלאך־המוות (אין שוואַרצע קליידער מיט אַ ווייס־רויטן מגן־דוד): וויסטו וואָס? קום!

דער רעדאַקטאָר: ביסט זיך אַוודאי טועה... (שטופּט אים אַריין גניביש אַ מטבע) איך בין דער ראָמאַנען־שרייבער, בין איך.

מ.ה.: פאַררעד מיר נישט די ציין מיט דיינע מעשׂיות. קום!

ר.: וואָס־זשע? גלייבסט מיר נישט? זע, וואָס גרויסע קריטיקערס שרייבן וועגן מיר...

„...דער שרייבער טליתט אונדז איין אין יום־טובדיקער הלבשה אין אַ לשון, וואָס איז באַהויכט מיט דער אינטעלעקטועלער באַפליגלטקייט פון זיין לעקסיקאָלאָגישן וואָרט, וואָס איז פון דעסטוועגן ערדיש־מענטש־לעך פאַרוואָרצלט און ווען ס׳איז נויטיק האָט עס הימלישן שווונג און אַריינבליק אין דער צוקונפט. זיינע געדאַנקען זענען פאַרנומען מיטן רעגן־בויגן פון צייטן און קאָלירן, ווו מיט געפּילטער יידישער גאַנצקייט טראָגט

ער אַריין פּאָעטישן כּוח פונעם ווייטן און נאָענטן היסטאָרישן יידישן דויער. די גאַנצע צייט גייען אים נאָך די מלאכי־השרת. ווען מען דען ווען זיי נאָכגיין, אויב נישט אים? דער געשיכטלעכער גורל האָט אָנגעצייכנט מיט דעם אצבע אלוקים פאַר אונדז אַן אייביק לעבן...״ קומסטו צו רייטן און ווילסט צורויבן ביי מיר דאָס קאָפּעטשקע גליק?

מ.ה.: נו. שוין! גיב מיר נאָך אַזאַ שמעק טאַביק, ווי פּריִער! איך האָב צייט, איך וועל נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן. נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך: האָסטו נישט געשאָלטן אַ מאָל אָן־אַ־פּאַרוואָס, נישט באַגזלט אַ גרינעם, נישט געשענדן די הויט פון אַ טייבעלע?

ר.: אוי, זאָלסט מיר געזונט זיין! זאָג נאָר, גוטער ברודער, ביסטו נישט אַ מאָל אויך אַ רעדאַקטאָר?

מ.ה.: ניין, דאָס נישט! איך בין אָבער אין מיין שטיקל אַרבעט אויך אַ צענזאָר. געדענק איך דיינע קיציעניו־מיציעניו־פּעליעטאָנען מיט דיין רחמנות־קוואַטש מיט עולים־חדשים, מיט דיין זאַק מיט מוסר, וואָס דו טוסט זאָגן אַלע, וואָס טוען ערנסטע און שווערע אַרבעט. אַלץ טוסטו מיטן כּוח פון מאָראַל און מיט דער מאָראַל פון כּוח. דערפאַר קומט טאַקע תמיד אַרויס אַ שמוציק שטיקל אַרבעט. האָסט אַ גליק, וואָס דיין פּרוי איז אַ נאַש בראַט און אַן אָפּהיטערין דיינע. אַנישט, וואָלט שוין נישט איין העל־פער מיינער דיר געהאָלפן...

ר.: אַ ביסל האָסטו רעכט! האָסט געלייענט די ראַפּסאָדיע פון דיכ־טער אַביוועט וועגן מיין פּרוי, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ווען ער איז געשלאָפן ביי אונדז?

מ.ה.: וואָס פאַראַ שאלה איז עס? איך בין טאַקע שטאַרק פאַרנומען, ווי דו, מיט טרייבן פּאַראַד־אָקסן און צעקייען יעדע וואָרט־אַוואַנטורע אין דיין צייטונג. בין איך טאַקע פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און איך קאָן דיר ביי דער געלעגנהייט מגלה־זיין אַ סוד: איך פיל זיך שוין אַליין ווי אַ ווייבערי־שער גראַפאָמאַנסביל. מילא! שוין! וואָס איז די איילעניש? אויף אַ האַלבן מיליאָנער קאָן איך וואַרטן. אפשר וועט ער אינצווישן ווערן אַ גאַנצער מיליאָנער. וועל איך אויך נישט דערלייגן צום געשעפט. לויט דער „ענצי־קלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ״ דאַרף איך אויף דיר וואַרטן אַ קימה־לן פון 19 יאָר...

ר.: ביסט זיך טועה! מיר קומט מער! מיינע פופציק פּעטערס, מיר צו לאַנגע יאָר, גיבן מיר פּרנסה ברווח. און אַלע זענען געווען פרום און גוט געדאַווענט פאַר מיר די תפילה: אַל תשליכני לעת זיקנה. דערפאַר זאָרג איך נישט, קרעכץ נישט, ניס נישט, נאָר מאַך געלט.

מ.ה.: אויב אַזוי, וועל איך קומען נאָך אַ סך מאָל נאָך אַזאַ שמעק טאַביק, ווי פריִער. סיי־ווי איז נישטאָ אין הימל פאַר אַזוינע, ווי דו, קיין פּלאַץ, אַזוינע לאָזט דער רבש״ע נישט אַריין: זיי קאָנען אים נאָך דאָרט קאַליע־מאַכן דעם הומאָר און אים פאַרקירצן דאָס לעבן. ווייל נאָר מיט הומאָר פאַרלענגערט זיך כביכול זיין עקזיסטענץ.

דער אַרטיסט

אַרטיקע קומען צו דער צייט, שכנים פאַרשפּעטיקן זיך מיט אַ שעה־אַנדערטהאַלבן און פּראָווינצלער קומען צו פאָרן אַ שעה פריִער. דער סימ־פּאָזיום איז געווען וועגן גריפּע. דאָקטוירים רעדן דאָס מאָל נישט נאָר פאַר דאָקטוירים, נאָר אויך פאַר מענטשן.

בין איך מיר אַ פּראָווינצלער. בין איך געווען דער ערשטער. איך האָב צייט געהאַט צו באַקוקן אַלע שאַפעס מיט פאַרשטויבטע ביכער, געלע דיפּלאָמען און גאָלדענע מעדאַליאָנען, וואָס צוריק מיט עטלעכע יאָר האָבן זיך דאָקטוירים געצאַצקעט מיט זיי ביי זיך אין דער ליכטיקער היים. דער צווייטער, וואָס איז געקומען, איז געווען אַ פּראָווינצלער, פון נאָך ווייטער ווי איך.

ס׳איז שוין געווען דער זייגער צוועלף און מען קומט נישט. פּלוצלינג זענען אַרויפגעשפּאַנט מיט יינגלישן טעמפּעראַמענט צוויי מענער. איינער מיט אַ ביסל גראָע האָר אין די ווינקלען, דער צווייטער מיט האָר שוואַר־צע וואָס שוואַרץ הייסט.

האָט דער ערשטער געפרעגט מיך: וואָס קומט דאָ היינט פאָר? האָב איך אים געוויזן דעם פּראָגראַם. האָט ער געזאָגט מיט אַ דאָן־זשואַנישן זשעסט: וואָס־זשע טו איך דאָ? האָב איך אים געזאָגט: אפשר קענט איר

זינגען אָדער טאַנצן, וועט איר אונדז אויף דער „גריפּע" פריילעך מאַכן. האָט ער זיך שנעל אויסגעדרייט מיטן הינטן און אָן אַ גוטן־טאָג אַהינגעקומען.

זעט אויס, אַז די מענטשן האָבן נישט מורא פאַר דער גריפּע און זיצן גיכער איצט אין קאַפעהויז, ביוראָ, קינאָ אָדער אין דער היים. נאָר די דאָקטוירים שרעקן די מענטשן מיט דער גריפּע און פאַר פּחד זאָלן זיי קרענקען לטובת די דאָקטוירים.

נאָך אַ לאַנגן, נערוועזן וואַרטן האָט דער פאַרזיצער איבערגעבעטן פאַר דער גרויסער פאַרשפּעטיקונג און געזאָגט, אַז צוליב דעם, וואָס דער ערשטער רעדנער איז ערשט איצט געקומען, פאַרבעט ער אים צום ערשטן וואָרט.

וואָס זעען מיינע אויגן? און וואָס הערן מיינע הויערן? דאָס איז דאָך מיין דאָן־זשוּאַנישער אַרטיסט, וואָס איז גאָר אַ פּראָפעסאָר פון ווערעם און ווירוסן.

און אַז נאָך אַ האַלבער שעה מאַכן מיט הענט און וואַרפן מיט ווערטער האָט דער פּראָפעסאָר גאָרנישט נישט געזאָגט, האָט דער שכן, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, אַ שמייכל געטאָן צו מיר און געזאָגט:

— איר זענט געווען גערעכט! ער איז אַן אַרטיסט!

די פּרעמיע

ער איז געקומען פון אַמעריקע. אַליין פאַרמאָגט ער גאָרנישט. צי אַזוינס קאָן זיך טרעפן אין גאָלדענעם לאַנד? איך זע אים דאָס ערשטע מאָל, מוז איך אים גלייבן. אפשר ביים צווייטן מאָל וועל איך שוין ווערן אַן אַפּיקורס. דערווייל, שרייבט מען אין די בלעטער, ברענגט ער פּרעמיעס פאַר יידישע שרייבערס. איינער שטעלט מצבות פאַר יענעמס געלט, איינער לאָזט שרייבן אַ ספר־תורה פאַר יענעמס געלט, ער ברענגט יענעמס געלט פאַר יידישע ביכלעך. אַ זעלטענע מצווה, אָבער דאָך אַ מצווה. אין אַמעריקע, זאָגט ער, גייט ער צו די גבירים און ווען זיי זעען אים, זאָגן זיי צו אים מיט דער גאַל: ברוך־הבא! ער איז שוין ווידער דאָ!

ער זוכט נישט קיין כבוד, נישט דאָרט, נישט דאָ. ביי אונדז אָבער זענען שוין דאָ אַזוינע, וואָס באַקומען פון אים אַרויס אַ ביסל דאָלאַרן, טיילט מען זיך מיט אים מיט כיבוד און מיט כבוד. מען ווינטשט אים: מען זאָל דערלעבן איבעראַיאָר, נאָך אַ מאָל צו טרינקען לחיים. דאָס איז אַ סגולה אויף אריכת־ימים. אַזוי קומט ער טאַקע יעדעס יאָר, ביז 120.

איינשטיין שטייט ער אין ביי באַלעבאַטישע מענטשן פריוואַט. זיי היטן זיין שלאָף און זיין געלט. וואָס מער ער שלאָפט, מער וועט זיי בלייבן. זיי היטן אים פאַר שרייבערס, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן. זיי זיצן איינער ביים טעלעפאָן, איינער ביי דער טיר. פליישיק און פעט זענען זיי אָבער נישט נאָר פון דעם זיצן. מען זיצט עפּעס אויס.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך גליק געהאַט און געכאַפּט דעם הער פון די פּרעמיעס ביים טעלעפאָן. האָט ער געהייסן אים שיקן מיין ביכל און ער וועט מיר שיקן, ווי ער האָט געזאָגט, די פּאָר לירעס. עס איז פּשוט אוממעגלעך אים צו פאַרשפּרייטן מיין ביכל אין אַמעריקע. דער גרויסער יואל גאָנץ־יאַכנין האָט אים געגעבן זיין בוך: „ווערטער, ווערטער, ווער־טער" און ער האָט אַפילו דריי ביכלעך נישט פאַרקויפט. און דערצו איז ער פאַרנומען מיט ווערבירן, פירן און אין דעם אַלטער זיך רירן פון איין אַקציע צו דער צווייטער, איז טאַקע שיין, אָבער שווער.

האָב איך אים געשיקט מיין ביכל און נישט באַקומען די פּאָר לירעס.

טעלעפאָניר איך אַרום 9 אין דער פרי:

— כ׳בעט מיר צו געבן דעם, וואָס גיט פּרעמיעס.

ענטפערט מען מיר: ער שלאָפט.

דעם צווייטן טאָג קלינג איך שוין אַרום 5 אין אָוונט:

ענטפערט מען מיר: ער שלאָפט. די באַלעבאָסטע גיט צו: איך וויל נישט נעמען די אַחריות אויף זיך און אויפוועקן אַן עלטערן מענטש פון 88 יאָר.

בין איך אַליין צוגעפאָרן צום הער פון די פּרעמיעס.

ביי דער טיר שטייט דער באַלעבאָס:

— צי קאָן מען וויסן, וואָס איר ווילט? אַ! ביכל! פּרעמיעס? איצט שלאָפט ער. ווען ער וועט אויפשטיין, ווייסט איין גאָט. קומט אַריין אַ ביסל שפּעטער.

אין דרויסן איז געווען אַ זון מיט אַ מידקייט. בין איך אַהיים געפאָרן.

צו מאָרגנס האָב איך ווידער טעלעפאָנירט און אַריינגעזאָגט אין טרייבל אַ סך ווערטער און פאַראַדאָקסן, וואָס איך האָב נאָר געדענקט פון די צייטונגען.

האָט מיר די באַלעבאָסטע געענטפערט מיט אַ מענה־לשון פון אַ קבר־אָבות־יידענע, וואָס קאָן אויפוועקן נישט נאָר שלאָפנדיקע, נאָר אַפילו טויטע און שדים. האָב איך זיי אַלע צעטריבן און באַשלאָסן, מער נישט צו רעדן, נאָר צו טאָן עפּעס קעגן די שדים.

אין אַ שיינעם אָוונט בין איך אַריין מיט כּוח אין סאַלאָן אַריין און געטראָפן דעם הער זיצן. האָט ער זיך אַ ביסל דערשראָקן און געכאַפּט און געזאָגט: כ'האָב תיכף נאָכן באַקומען דאָס ביכל געגעבן דער באַלע־באָסטע געלט, אייך צו שיקן. דאָס איז געווען פאַר צוויי וואָכן.

בין איך אַריין צו די באַלעבאַטים: אַזוי גאָר? דערפאַר שלאָפט דער הער ביי אייך תמיד!

האָבן ביידע גענומען שטאַמלען:

זי: יאָ, גע־גע־שיקט מיט דער פּאָסט.

ער: וואָס? נישט באַקומען?

זי: קאָן זיין. וואָס־זשע? איר קענט נישט אונדזער פּאָסט?

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו?

פאַרלאָזט זיך אויף מיר! איר קאָנט אייך פאַרלאָזן אויף דער מאַמע פון אַלטע לייט! צו זיין אַ מאַמע פון אַ ביסל זרחס און תרחס מוז מען נישט האָבן קיין דריי דאָקטאָראַטן, אַפילו קיין פאַלקסשול נישט. מען דאַרף קענען די אַלטע לייט איינוויגן, ווי קינדער, מיט אַ לידל, מיט אַ לעקעכל און אַ שפּאַציר גלאַט אין דער וועלט אַריין. הייס איך דער סעקרע־טאַרקע, וואָס קען יאָ שרייבן, צוזאַמענשטעלן אַ פּראָגראַם אויף אַ גאַנצן חודש פאַר זיי און די באַן גייט דערנאָך שוין אַליין.

איינס זאָלט איר וויסן: אויב איר ווילט, אַז מענטשן זאָלן קומען, שרייבט תמיד צו, אַז די טישן וועלן זיין געגרייט. וואָס אַרט עס אייך? איר קאָנט אַריינשטעלן אַ וועלטבאַרימטן נאָמען פון דער ציטונג, וואָס וועט קומען באַגריסן אין נאָמען פון דער וועלט, אָדער פון לאַנד אָדער פון שטאָט. פון צייט צו צייט מאַכט אַ מסיבהלע צום יאָרצייט פון אַ גרויסן נאָמען מיט כּיבוד און אַ גלעזל וואַרעמען טיי.

ס׳איז סוף יאָר, האָב איך שוין נישט געהאַט פאַר דעם חודש קיין בודזשעט אויף כּיבוד. האָב איך געפונען אַ שרייבער, וואָס וויל נעבעך לייענען זיינע, ווי ער האָט מיר געשריבן, הומאָרעסקן. פרעגט מיך בחרם מיט וואָס מען עסט עס. לאָז זיין אַזוי! אַ מענטש וויל לייענען און מאָנט נישט קיין געלט, איז עס דאָך אַ כּשרה מציאה.

פאַרלאָזט זיך אויף מיר! דער אָרעמער שרייבער נעבעך קאָן זיך דאָך ביזן 24סטן איבערלייגן 24 מאָל טאַקע פון איין זייט אויף דער צווייטער: אָדער הייסן זיך באַצאָלן אָדער בכלל נישט קומען. האָב איך זיך פאַר־זיכערט, זיכער נישט אין קיין פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט. איך האָב טעלע־פאָנירט צו די „שומרי־משקל" און זיי שטאַרבן פשוט פאַר אַ פלאַץ, ווו זיי זאָלן קאָנען האַקן אין טשייניק אַריין וועגן נישט פרעסן, נאָר עסן. האָב איך זיי געגעבן אויך דעם זעלבן טערמין, דאָס הייסט דעם 24סטן.

דער שרייבער און דער זאָגער זענען ענלעך, ווי אַ צווילינג: זיי רעדן נישט וועגן געלט. קאָן איך גאָרנישט אָנווערן: איינער פון זיי וועט דאָך זיכער קומען.

פאַרלאָזט זיך אויף מיר! אין די פּראָגראַמען האָב איך געלאָזט שרייבן, אַז ס׳וועט אַרויסטרעטן דער שרייבער קאָפּלמאַן מיט טאַנץ און געזאַנג. אָבער אין די ציטונגען האָב איך געלאָזט שיקן אַ מעלדונג בזה הלשון: דעם 24סטן וועט זיין ביי געדעקטע טישן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אין דעם אָוונט איז דער זאַל געווען פול וואָס פול הייסט. איבער 200 מענטשן זענען געקומען צו מיין סעודהניו. נאָך קיין מאָל נישט געקומען אַזוי פיל מענטשן. אַ טייל האָט געלייענט דעם פּראָגראַם און זענען געקומען און אַ טייל האָבן געלייענט אַ ציטונג און דערפאַר זענען זיי געקומען.

וואָס טוט אָבער מיין שלימזל? לייענט דער שרייבער אין אַ צייטונג, אַז מען וועט רעדן וועגן עסן, איז ער געבליבן אין דער היים. ווידער דער זאָגער קוקט אַריין אין פּראָגראַם און לייענט, אַז דעם 24סטן וועט דאָרט זיין דער שרייבער קאַפּלמאַן. איז ער אויך געבליבן אין דער היים. מען מיינט דאָך נישט זיי.

אַזוי זענען איבער 200 מענטשן געקומען, אויפגערעגט זיך און גע־גאַנגען. און איך האָב זיי דערציילט דעם וויץ פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער, וואָס איר קענט אים אַוודאי:

— איר האָט ליב צימעס? קומט אַרום זעקס אַהער.

און ווען אַ סך זענען געקומען, האָב איך געזאָגט אין יענעם סטיל:

— גוט, וואָס איך ווייס! דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט נאָר וויסן!

אַ מינוט פון לעבן

זרח: ס׳איז פאַראַן אַ סך זאַכן, פון וואָס מען קען לאַכן.

תרח: למשל, פון וואָס?

זרח: אַט דרייען זיך אַרום מענטשן, ווי ליידיקע שיפלעך אויף די כוואַליעס פון וואַסער...

תרח: און וואָס?

זרח: און ס׳גיסט זיך פון זיי ווערטער, ווי פון אַ קאַליע געוואָרענעם קראַן.

תרח: נו, איז וואָס?

זרח: דערמיט כאַפּן זיי די שיינע פרויען און מיינען, אַז זיי זענען אין הימל. דערנאָך רעדן זיי פון עטלעכע מינוט גליק און אַ גאַנץ לעבן זענען זיי פאַרביטערט.

תרח: ווען לאַכן זיי?

זרח: קיין מאָל נישט.

תרח: פאַר וואָס נעבעך?

זרח: ווייל זיי קריכן דאָרט ווו מען דאַרף נישט. דער יצר־הרע גיט זיי אַ טאָרע, אָבער זיי האָבן נישט קיין טאַלאַנט...

תרח: דו מיינסט זיכער סאָניע?

זרח: אַלע קנאַפּערס אויף איין סאָניע. איז עס טאַקע צו פיל...

תרח: איז זי שיין, ווייל זי נאָך זיין גוט דערצו, פעלט איר אָבער אויס אַ ביסל שׂכל, ווי ביי אַ סך אַזוינע.

זרח: וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

תרח: גייט זי און טרינקט זיך אין שמוציקן טייך.

זרח: שרעקלעך! וואָס־זשע טוען די אַלע גייערס?

תרח: איינער זאָגט תהילים, אַ צווייטער שאָפּענהויער, אַ דריטער ניטשע און פאַרביטערן זיך און יענעם דאָס לעבן.

זרח: בעסער וואָלט געווען, ווען זיי זאָלן קריכן צו מיאוסע פרויען, מאַכן קינדער און האָוקען, ווי נאַרישע הינט.

תרח: נישט מער?

זרח: אָדער ווערן קריטיקערס...

תרח: אַזוינע שטעלט מען אָבער נישט נאָכן טויט קיין מאָנומענטן...

זרח: איז נישט. אַ ווינט וועט אַ וויִע טאָן און זיי וועלן אַהינקומען.

תרח: דאָס איז די אייביקייט?

זרח: נאָך 50 יאָר וועט מען צעגראָבן אַפילו זייער אייביקע רו און זייערע נעמען וועט מען געפינען אין יזכור־ביכער.

תרח: ווער וועט זיי דאָרט זוכן?

זרח: עטלעכע בטלנים, וואָס וועלן באַקומען דערפאַר דעם דאָקטאָראַט.

דער טעלעפאָן איז ווערט דאָס גאַנצע געלט

און נאָר דערפאַר, וואָס מען טעלעפאָנירט צו מיר. פאַר די שמועסן צאָל איך נישט, אָבער רעדן רעד איך אין טעלעפאָן אַ גאַנצן טאָג. מיר איז נישט נודנע. איין טעלעפאָן האָב איך ביים בעט, דעם צווייטן אויפן טיש. אויב איך כאַפּ אַ שלאָף אין דער פרי אַ ביסל לענגער, וועקט מיר שוין דער טעלעפאָן:

— מאַצנער? גרייט מיר אָן פליייש אויף שניצל, ביינער צו דער יויך און קאַטשעלקעס פאַר מיינע ציין. זאָג איך שפּעטער איבער די באַשטע־לונג פאַר מיין פרוי, האָט זי שוין אַ פּאַרטיקן מעניו צו מיטאָג.ביים פרישטיק ווידער אַ קלונג:

— וואַלוואַ?

פרעג איך אים, וואָס איז געשען. דערציילט ער מיר פון א׳ ביז ת׳ וועגן דער קאַטאַסטראָפע זיינער מיטן אויטאָ. פרעג איך אים: אפשר דאַרפסטו אַ נייעם קאָפּ? שטאָמלט ער. זאָג איך אים: צום מאָטאָר, מיין איך. און דערווייל מוז איך שוין נישט קויפן דעם „מעריב״, ווייל כ׳האָב שוין געהערט די לעצטע נייעס.

ביים מיטאָג ווידער אַ טעלעפאָן:

— באַראַש?

באַשטעלט מען ביי מיר פּלאַקאַטן אויף אַ פּורים־באַל. איך פאַרשרייב נאָר דעם טעקסט מיטן פּראָגראַם. וועגן געלט רעד איך נישט. יענער איז צופרידן און איך ווייס שוין, וואָס צו טאָן מיטן פּורים.

נאָכן עסן כאַפּ איך אַ דרימל. וועקט מיך דער טעלעפאָן:

— עסטי?

בין איך שוין ברוגז און זאָג: עסטי איז געגאַנגען מיט איר חתן שפּאַצירן. — וואָס? — הער איך דעם בחור — מיר פאַרדרייט זי דעם קאָפּ און דערווייל האָט זי אַ חתן? קריגט ער זיך מיט מיר. זוך איך אויס אַלע קללות פון קעניג ליר און וואַרף זיי אים אַריין אין טעלעפאָן.

אין אָוונט פרעגט אַ פרוי מיט אַ צעבראָכן קול אין טעלעפאָן:

— ביילינסאָן?

בין איך שוין נייגעריק. פרעג איך זי: וועמען ווילט איר? זאָגט זי: דעם מאַן, וואָס האָט מיט זיין אויטאָ געהרגעט זיין ווייב און ער נעבעך ליגט ביי אייך מיט צעבראָכענע ביינער. איך בין זיינע אַ גוטע שכנהטע, אַן אַלמנה. זאָגט מיר, איך בעט אייך: צי וועט ער נאָך זיין אַ מאַן צו לייטן גלייך?

אין מיטן ערשטן שלאָף ווידער אַ טעלעפאָן. אַ דין קולכל: גיט מיר אייער זון דחוף! פרעג איך זי: וואָס איז עס אַזוי נויטיק ביי נאַכט? זאָגט זי: איך בין אַן אַרטיסטקע. מיר ביידע שפּילן אַ ליבע. ווען ס׳קומט מיר

אָן, קוק איך נישט אויפֿן זייגער. מיר זענען נישט קיין סנאָבן. זוכט אים אויס און שיקט אים תּיכּף צו מיר.

מיר איז נישט נודנע. איך זוך נישט קיין קלוב פֿאַר מיר. אַלע ווילן מיט מיר רעדן. סיי בײַ טאָג סיי בײַ נאַכט. ס׳איז כּדאַי, כ׳לעבן, צו האָבן אַ טעלעפֿאָן אין שטוב.

אַ מיאוס וועטער

די זון האָט אַריבערגעקוקט פֿון אַ ווינקל אַ ביסל רויטלעך־שעמעוודיק און ווי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

שאַטי איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער שטוב און געלאָפֿן אין שול אַרײַן.

בײַ נאַכט האָט מען פֿון שכנותדיקן הויז געהערט שרײַען, ווי פֿון אַ פֿלאַטע, די מוטער פֿון שאַטי:

— כ׳וויל נישט! כ׳וויל נישט! כ׳וויל נישט!

ווען דער פֿאָטער פֿון שאַטי איז אַוועק צו דער אַרבעט, איז געבליבן אַרום הויז אַן אימהדיקע שטילקייט.

פּלוצים האָט זיך געמאַכט אַ ווינט. דער הימל האָט זיך פֿאַרצויגן. אין די פֿענצטער האָט געקלאַפּט אַ גראָבער רעגן. דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען: אַ מענלעך קול האָט געוואָרפֿן אין אים ווערטער, ווי קלעצער. עמעץ קלאַפּט אין דער טיר. דער שכן פֿאַלט אַרײַן: וואָס טוט מען? זי איז אַנטלאָפֿן. בײַ נאַכט. שוין דאָס פֿערטע מאָל אין די זיבן יאָר נאָך דער חתונה.

— אפֿשר האָט איר עפּעס אַ מטפּלת פֿאַר שאַטי?

איך זאָג אים: ער באַדאַרף אַ באַלעבאָסטע און אַ פֿרוי...

— אַוודאי! איך בין דאָך נאָר אַ מאַן...

זאָג איך אים:

— מיט שכנות פֿאַרנעם איך זיך נישט. אָדער גיט איר אַ גט אָדער פֿאָרט צו איר און ברענגט זי אַהיים, ווי תּמיד און נעמט זי צו אַ פּסיכיאַטער.

דערציילט ער: דער שבת איז נאָך נישט אַוועק. האָט זי געוואָלט אַ קוועטש־טאָן און מאַכן ליכט. האָב איך איר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער האַנט: מען טאָר נאָך נישט! האָט זי געשריגן: און פאַרן אין שבת מעגסטו? האָב איך געזאָגט: צוליב פּרנסה, יאָ. האָט זי מיר מיטן רינג אַ זעץ געטאָן אין שטערן. האָב איך איר מיט דער פויסט אַ שטויס געטאָן אין דער ברוסט. דערנאָך האָב איך ביי נאַכט געוואָלט, וואָס אַלע מענער ווילן. האָט זי געשריגן: כ'וויל נישט! און איז אַוועק פון דער שטוב.

דער ווינט רוישט און רייסט די טירן. אין דרויסן הערט מען שרייענ־דיקע מענער־קולות. מען שליסט אַ טיר מיט כּעס. מען שעלט.

שאַטיס פאָטער לויפט אַרויס פון מיר אין דעם גערודער.

— גנבֿ! מנוול! איינברעכער!

מען הערט דעם ווינט וויִען: ווער? ווער? — ווער? ווער?...

אין דעם נאַטור־קאַפּריז פון סוף מאַי האָט מען פּלוצים אויך גע־הערט אַ קוויטשנדיק ווייבלעך קול.

דער פאָטער פון שאַטי פרעגט זי פאַרלעגן:

— און דעם קינד גיסטו אַפילו נישט קיין קוש?

זי איז געקומען און פאַרנומען אירע זאַכן. דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט פאַרהאַקט מיט ברעטער די טיר.

דער פאָטער פון שאַטי איז געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן. ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און געקלאַפּט אין מיין פענצטער, ווי דער ווינט:

— וואָס זאָגט איר נישט דערצו? וואָס פאַראַ מיאוס וועטער ס'איז היינט! פּע!

מאַן און ווייב

זי: האָסט געהערט? נומיירי פון סודאַן האָט געזאָגט...
ער: אָ, — דער באָקסער?
זי: פֿון ווען אָן איז נומיירי אַ באָקסער?

ער: אַ גליק, וואָס איך האָב אין די הענט די נאָדל־פּאָדעם, אַנישט וואָלט איך דיר געוויזן, וואָס ס'הייסט אַ באָקסער.

זי: און איך האָב פּונקט די שער אין דער האַנט! איך קאָן דיר ווייזן די אָלימפּיאַדע און וואַרפן דיר די שער.

ער: קראַקע נישט! לאָמיך הערן די „פֿרייַע אייראָפּע"...

זי: און איך וויל הערן מאָסקווע...

ער: הייב אויף דיינע קעצענע אויגן און גיב אַ קוק אויף דעם טעלעוויזאָר... זי האָט עס אַ ביסל פליש מיט ביינער! איבער 150 קילאָ!

זי: בין איך דאָך די העלפֿט פֿון איר...

ער: דו ביסט תמיד נאָר אַ העלפט...

זי: נעם איין אַ שווייגעניש! תמיד רעדט די הויט אויף דיר... דיך דאַרף מען שיקן אין אַ פּאַרלאַמענט... אַזאַ נומער ווי דו פעלט נאָך דאָרט אויס...

ער: אַבי נאָר אַ נומער! און נישט נומיירי! אָבער אַ באָקס קאָן איך דיר געבן...

זי: ...טאַקע נישט מער... ביי דיר שטייט שוין אַוועק אַ פּעט־קישעלע איבערן פּופּיק...

ער: און דו ביסט אין גאַנצן אַ שטיק חזיר־פליש...

זי: (וואַרפט אים די שער) נאַדיר פּעטס...

ער: (וואַרפט איר דעם קנויל נאָדל־פּאָדעם) נאַדיר אַ באָקס. (זי פאַרבינדט אים די בלוטיקע וווּנד. ער לייגט איר צו קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ)

זי: דיר וואָלט אַפילו קיין קאָמפּרעס נישט געהאָלפן, ווייל ס'האָט דעם רבונו־של־עולם אוסגעפֿעלט אַ קאָפּ, ער זאָל אים דיר אָנטאָן.

זי: האָסט רעכט מיין קעצעלע! נאָר ייִנגלווייז האָב איך גע־מיינט, אַז אַלע זענען גלייך. היינט זע איך, אַז קעפּ זענען נישט קיין טעפּ... אַ קאָפּ איז אַ טייערע זאַך. אַ געוויסער טייל באַ־קומט אים און לעבט אַ גוט לעבן. און פאַר אַ גרויסן טייל מענטשן פעלן אויס פּונקט קעפּ, לעבן זיי ווי ווערעם און זייער

גורל איז אָדער אַריינצופאַלן אין די הענט פון אַ קאַץ אָדער אַ קעצעלע. אַלע ווילן עסן. דער חילוק איז נאָר: ווער וועמען פריִער.

אוי־ווײ איז מיר, מיך טוט שוין גאָרנישט ווײ

(מאָנאָלאָג)

דעם באַרג האָב איך נישט אַוועקגערוקט. בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אים לאַנגזאַם און לאַנג און די געפילן מיינע האָבן זיך אויפן וועג געביטן, ווי די פאַרבן פון דעם רעגנבויגן. שטורעמס האָבן מיך נישט אַראָפגעוואָרפן, די הייסע שטיקער אייזנס פון דעם מענטשלעכן כאַם האָבן מיך נישט געטראָפן. דערפאַר בין איך צוריק דאָ, ווי איר זעט מיך.

איך ווייס שוין דווקא יאָ, אַז כ׳וועל נישט הערן אייערע רייד. אָבער איר מיינע וועט הערן, ווי לאַנג איר וועט וועלן און איר וועט לעבן. ווי גוט איז מיר אַציינד! איר דאַרפט זיך פרייען מיט מיר צוזאַמען, וואָס כל־מיני ווייטיקן זענען מיט אַ מאָל אַוועק און אַליין בין איך געוואָרן אויס לאַסט פאַר אייך אַלע. אַרום דער ווונדערלעכער געבורט מאַכט מען אַזוי פיל שמחות, פאַר וואָס נישט מאַכן יום־טוב ביים נאַטירלעכן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר ייִנגערע? מיר קומט גאָרנישט פון קיינעם פאַר דעם, וואָס די זון האָט מיך געוואַרעמט, די פונקען פון גייסט האָבן מיך דערקוויקט. נאָר מיין הנאה אַליין איז שוין געווען דער שׂכר.

רעדט נישט וועגן דערלייזונג! די פּטירה איז זיכער אַ פאָרעם פון פּטור־ווערן פון עקזיסטענץ און איבערגאַנג אין אַן אַנדערער, אָבער מאַכט נישט דערפון קיין גלויבעניש, נישט קיין פאַלשע טרייסט און נישט קיין צעשטערערישן טרויער.

אויב די עקזיסטענץ איז אָן טעם און אָן אַ נוצן פאַר עמעצן און פאַר זיין אַרום, איז בעסער נישט לאָזן פאַרשידענע קונצן־מאַכערס צו שפּילן זיך מיט קינסטלעכער הילף, כּדי צו פאַרלענגערן די וועגעטאַציע.

נאָר פֿאַר דעם כאַם היט איך! ער טמקו אויף, ווי קראַפּעווע, אין אַלע דורות, אין אַלע פּלעצער. ער וויל נאָר שטעכן און ליקווידירן. ער האָט מיר געהייסן ליקווידירן דעם טויט. אמת איז, אַז איך האָב יינגלווייז גע־לערנט זיך צו דערקענען דאָס פּעקל נערוון, דעם הויפּן פּאַראַזיטן און די עטלעכע צווייפּנימדיקע רפֿואות, וואָס פֿון איין זייט באַרויִקן זיי דיך און פֿון דער צווייטער זייט סמן זיי דיך צו ביסלעך אָפּ. דורך דעם פּיטשינקן פֿענצטערל האָב איך אַריינגעקוקט אין דער סודותפֿולער וועלט. דער כאַם איז נישט איין מאָל געקומען און מיר געדראָט, אַז אויב איך וועל נישט ליקווידירן דעם טויט, נעמט ער מיר אַראָפּ מיין קאָפּ. האָב איך געעפֿנט דאָס פֿענצטער און געזען די באָמבעס לעבן יונגע צעריסענע קערפּערס, די שטריק אַרום בלאָע העלדזער, די פֿריטשן מיט אויסגעמוטשעטע גופֿים, די אויוונס, וואָס פֿאַרברענען יונג און אַלט. דער מענטשלעכער כאַם איז געפֿערלעכער פֿון די פּיטשינקע פּאַראַזיטן.

איך בין בשלום אַראָפּגעקראָכן פֿונעם באַרג. היינט בין איך אין אייער רשות.

איך באַפֿעל אייך גאָרנישט. ווייל איך האָב געזען, ווי אַזוי די צען און די 613 און די איבעריקע טויזנטער באַפֿעלן האָבן זיך לעכערלעך געמאַכט אין לעבן.

איינס איז קלאָר: יעדער מענטש און אויך יעדעס פֿאָלק האָט געגנוג פּלאַץ ביים לעבן און אַוודאי נאָך אים.

רוקט נישט איבער קיין בערג און ליקווידירט נישט די אייביקע גאַנצקייט. און דעמאָלט וועט שלום נישט זיין נאָר אַ וואָרט, נייערט אַ חלק פֿון דער לופֿט צום לעבן.

אללי לי, חלף עבר הכאב

(מונולוג)

את ההר לא הזזתי ממקומו. עליתי עליו מתון־מתון במשך זמן רב ורגשותי התחלפו כצבעי הקשת בענן. סערות לא הפילוני ומטילי ברזל

מלובן של משטמת אנוש, לא פגעו בי. לכן שבתי הנה, למקומי, כפי שעיניכם רואות.

יודע אני בבירור שלא אשמע יותר את דבריכם. אך אתם, תקשיבו לדברי כל עוד תרצו ותחיו. כמה טוב לי עכשיו! אתם חייבים לשמוח בשמחתי שכל מיני מרעין בישין וחוליים רעים נטשוני לפתע ואני חדלתי להיות מעמסה על שכמיכם.

סביב הלידה המופלאה עורכים חינגות רבות כל־כך, מדוע זה לא נהוג מועד עזיבתנו הטבעית, כאשר מפנים אנו מקום לצעירים? לי לא מגיע דבר על כך שהשמש שזפתני וחממתני ורשפים של רוח ורוחניות לטפוני. הנאתי בלבד — היתה שכרי!

אל נא תדברו על הפדות! הפטירה היא ודאי התפטרות מן הקיום הזה ומעבר אל קיום שמעבר לזה, אך אל נא תעשו מזה דעה ואמונה, לא נחמה מזוייפת ולא צער מעיב.

אם הקיום הוא נטול טעם ותועלת למאן דהוא וסביבתו, כי אזי מוטב לא להניח ללהטוטנים שונים לשחק באמצעי עזרה מלאכותיים — כדי להאריך את הגסיסה.

רק בפני בעל המשטמה, זה המכונה על שם בנו השני של נוח, הזהרו!! הוא עולה כסירפד ושאר עשבי פרא בכל הדורות ובכל האתרים. הוא משתוקק רק לדקור במדקרות ולחסל. הוא צווה עלי — לחסל את המוות. אמת נכון, בצעירותי למדתי להכיר את פקעת העצבים, טפילים למיניהם וחופן רפואות דו־פרצופיות, שמצד אחד מרגיעות אותך ומן השני מרעי־לות אט־אט. מבעד לאשנב הקטן הצצתי לתוך רזי תבל. זה שאין ראוי להקרא בשם, בא אלי לעיתים ואיים שאם לא אחסל את המוות — יערוף את ראשי. פתחתי חלון חדרי וראיתי פצצות וכלי משחית ליד גופות צעירים שסועות, קשרי חבלים סביב צווארים שהכחילו, פצעים וחבורות על גויות מעונות, הכבשנים הבולעים בלועותיהם צעיר כזקן. המשטמה הזאת גרועה לאין שעור מן החיידקים למטותיהם.

אני ירדתי בשלום מן ההר. היום אני נתון לרשותכם. איני מצוה עליכם מאומה, וזה משום שראיתי כיצד הצוים והדברות, העשר והשש מאות ושלוש עשרה — וכל השאר, הפכו ללעג ולקלס בחיים. נתברר לי

מעל כל ספק כי לכל אדם, אומה ולשון מקום מספיק בחיים ולא כל שכן — אחריהם.

אַל נא תזיזו הרים ממקומם, אל תחסלו את השלמות הנצחית, אזי השלום לא יהיה רק מלה ריקה — אלא חלק מן האויר לחיים.

(תרגום: יוסף בר־אל)

ישראל

„כשבאנו...״

יעדע באַגעגעניש מיט אַן אַלטן פריינד אָדער באַקאַנטן, מיט אַ פּקיד אָדער פּאַרקויפער, וואָס וווינט אין לאַנד שוין עטלעכע יאָר, באַרייכערט דיך מיט נאָך אַ קאַפּיטל — וועגן די שוועריקייטן ביים בויען די יידישע היים. מיט „כשבאנו״, הייבט זיך אָן יעדע לאַנגע מעשה, וואָס דאַרף פאַר־ענטפערן אַלע דיינע טענות.

אַזאַ פּאָרציע ביטערקייט אויף דעם ניכטערן טאָג פון אַן עולה חדש, איז גאָרנישט געשמאַק, אָבער מען מוז זי אַראָפּשלינגען, כדי געזונטער אָפּצושאַצן דעם אייגענעם מצב פון אַן אָנהייבער. מען קען נישט פאַרלאַנ־גען, אַז דער צוגאַנג פון מענטש צו מענטש זאָל זיין שפּינאָזיסטיש: אָן אַפעקטן: דערפאַר הערט זיך אין די „כשבאנו״ אַ טאָן פון קנאה.

„כשבאנו״ — ווען מיר זענען געקומען: האָבן מיר נישט געהאַט קיין עסן צו דער זאַט.

„כשבאנו״: — האָבן מיר געוווינט אין אוהל (פּאַלאַטקע).

„כשבאנו״: — האָבן מיר געאַרבעט ביי נישט אונדזערע פאַכן.

„כשבאנו״: — האָבן מיר געליטן פון מאַלאַריע און אַנדערע קרענק.

„כשבאנו״: — האָט קיינער אונדז נישט געהאָלפן.

„כשבאנו״: — האָבן מיר געקעמפט מיטן שונא.

„אייך נעמט מען שענער אויף, מען גיט אייך שיכונים״ אאז״וו.

און דער טאָן פון קנאה אין מויל פון מענטשן פון פאָלק איז גלייכ־צייטיק אַ לויב־ליד אָן ווערטער צו דער קיום 10־יאָריקער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

דער נייער עולה נעמט זיך שוין שאַפן אַנדערע „כשבאנו׳ס״: קורצערע און קאָנצענטרירטערע, ווייל דאָס לעבן היינט אין מדינת ישראל איז אַרויף אויף אַ העכערן שטאַפל: מלוכהשאַפט גיט און נעמט. און דער נייער עולה נעמט און גיט.

אַוודאי גייט עס נישט אָן דעם שונדיסטישן גרילץ, אויך איצט. פון וואַנעט שטאַמט ער?

אָפּגעשניטן יאָרן לאַנג פון אָפּיציעלע ידיעות, וואָס זאָלן באַלייכטן דיווירקלעכקייט אין ישׂראל; האָבן טויזנטער יידן אין חוץ־לארץ געשטילט זייער בענקעניש מיט איבערגעבן איינער דעם צווייטן ידיעות פון פּריוואַטע בריוו.

אַ בריוו איז נישט נאָר, ווי מען שרייבט אים און ווער אים שרייבט, נאָר אַ „בריוול, ווי מ׳לייענט עס״.

די ראַדיאָ־אוידיציעס פון „קול־ישׂראל־לגולה״ זענען געוואָרן פאַרהילכט און הערנדיק מיט עקשנות דעם רויש, האָט מען פון אָפּגעריסענע ווערטער געמאַכט „אייגענע״ ידיעות. באַלד גוטע, באַלד שלעכטע. עס איז אָפּהענגיק געווען, ווער עס האָט עס געהערט און וואָס ער וויל הערן.

דערצו האָט מען נאָך באַקומען פון דער דאָרטיקער אָפּיציעלער פּרעסע טענדענציעזע ידיעות, וואָס האָבן אַרויסגעגראָבן אַלע מיאוסקייטן און זיי צעלייגט אויף טעלערלעך. לעצטנס האָט זיך עס אַ ביסל געענדערט לטובת ישׂראל. עס האָבן זיך באַוויזן אויך רעפּאָרטאַזשן, געשריבן מיט אַ גוט אויג. עס האָט אָבער געפעלט דאָרט די טאָג־טעגלעכע ישׂראל־פּרעסע, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן, ווי עס גייט און אַנטוויקלט זיך, מיט זיינע שיינע־ און שאָטן־זייטן.

מען האָט ווייטער נישט געוווסט, ווי אַזוי דורכצופירן די מאַטעריעלע און גייסטיקע הכשרה אין די חדשים פאַרן עולה־זיין קיין ישׂראל. עס האָט געהערשט אַ תוהו־ובוהו פון אינפאָרמאַציעס און עצות. עס האָט געפעלט די אינסטיטוציע, וואָס זאָל צוגרייטן דעם עולה צו דער נייער ווירקלעכקייט מיט ערלעכער אינפאָרמאַציע. די אַרבעט האָט נישט געקענט טאָן דער קאָנסולאַט.

דערפאַר לעבט איבער אַ טייל פון דער עליה אין די ערשטע וואָכן אַ שאָק: מען קאָן נישט גובר זיין דעם געוואַלטיקן שאָק, דעם ראַשיקן איבערגאַנג פון איין לעבנס־פאָרעם אין דער צווייטער, פון איינגעאָרדנטן לעבן דאָרט צו ניי־איינאָרדענונג דאָ, פון קאָנטינענטאַלן קלימאַט צום טראָפּישן, פון צוואַנג און שרעק־סיסטעם צו אַ פרייען אויסוואַל פונעם סיסטעם. (סאָציאַליסטישע קאָאָפּעראַציע אָדער קאַפּיטאַליסטישע איניציאַטיוו).

אַלע זענען זיך אָבער מודה אין איינס: זיי פילן זיך דאָ, ווי אָפּגעפּענטעטע. און פאַרהאַלטן זיך אויך ווי די הינער, וואָס מען בינדט זיי אָפּ פונעם שטריקל: זיי פלאַטערן, ווי בלינדע — מיטן אויסנאַם פון דעם ביסל משומדים (קריסטלעכע און קאָמוניסטישע), וואָס האָבן דאָרט פאַר אַ טאָפּ לינזן פאַרקויפט זייער פאָלק און זייער געוויסן. און דאָ זענען זיי די שוואַרצע קייט פון די שונא־ישׂראל, וואָס רעדן אויס אַלדאָס בייז אויף דעם יידישן פאָלק, ווען „דער פּעלץ, געקויפט אין יידישן געשעפט, איז זיי דערנאָך נישט געפעלן געוואָרן". (זשידזשי, סאַרטר). דאָ, ווען זיי לעבן איבער, ווי אַלע, די חבלי קליטה, מאַכן זיי שולדיק די גאַנצע יידישע מדינה, מיט אַלע יידן אין איר.

בכלל באַשטייט די נייע עליה פון אַ רירעוודיקן, ס'רוב פּאַכמעניש, אַרבעטסזאַמען און ציוויליזירטן עלעמענט. ער קומט פון יענעם טייל וועלט, ווו אָן אַרבעט איז שווער צו לעבן און פאַר אַרבעט באַקומט מען נישט אַזוי פיל, וויפל מען דאַרף צום לעבן. דער דאָזיקער עלעמענט וואַרפט זיך דאָ און וויל שנעל צוטרעטן צו אַ פּראָדוקטיוו לעבן, וועלכע עליה האָט געדאַרפט אַזוי פיל „אולפּנים"? עס לערנט יונג און אַלט די מדינה־שפּראַך, כּדי שנעל נוצלעך צו ווערן אויף זיין געביט.

איז אויך דערפאַר נישט צו וווּנדערן זיך, וואָס דער דאָזיקער שפּרודלדיקער עלעמענט קריטיקירט, זעט פעלערן אין דער ביוראָקראַטיע פון געוויסע אינסטיטוציעס, וויל בעסער־מאַכן און וויל נישט סובל־זיין פון דעם זאַטן און אַפּאַטישן „סבלנות" פון אַ טייל ותיקים.

דער נייער עלעמענט פון דער לעצטער עליה טראָגט אין זיך דעם אויפשוווּנג פון היגן יידישן לעבן.

„שהחיינו והגיענו"

וואָס פאַראַ ברכה מאַכט מען אין ישׂראל איבער אַ נייעם עולה? אין אויטאָבוס האָט אַ טערקישער ייד געקושט זיינע פינגער און צוויי מאָל אויסגעיובלט מיט אַ ציטער: ברוך־השם, ברוך־השם! אַ פּוילישער ותיק

האָט געזאָגט מיט איבערצייגונג, ווי צו זיך: איר זייט פריש בלוט פאַר אונדזער גוף. אַ רומעניִשער בעל־מלאכה האָט אָוועקגעפּירט אַ פרישן עולה צו זיך אויף שבת. אַלטע פריינד פאַרבינדן דיך מיט דער היגער ווירק־לעכקייט, אָוועקגעבנדיק צייט, געדולד און אַפילו געלט. נייע פריינד טרייסטן דיך אין די ערשטע חדשים פון די חבלי קליטה און ווילן מיט זייער עצה פירן צו אַ שנעלער און שמערצלאָזער געבורט פון דיין נייעם לעבן אין אייגן לאַנד.

און מיר „לשנה הבאה״־זינגער פאַרליִרן דאָ די אַלטע מעלאָדיע און די פאַרווייִנטע ווערטער און בלייבן שטיין נבהל ונשתומם פאַר דעם נס פון בליִענדיקער יידישער ערד, פון דעם ריִרנדיקן בוי־טעמפּאָ אין דער לענג און אין דער ברייט, פון זינגענדיקע און טאַנצנדיקע קינדער, פון שטאָלצע און געזונטע ייִנגלעך און מיידלעך אין צבא־אוניפאָרם און איבער אַלעם דער הויך פון אויפגעלעבטן און אויפלעבנדיקן הייליקן לשון, וואָס ווערט האַרט ווי די ווירקלעכקייט אַליין. מיר בלייבן שטיין אַ צייט מיט אָן אָפענעם מויל און מיר קענען דאָס אמתע וואָרט נישט אַרויסזאָגן.

אָבער אַרום אונדז גייען אַרום די „מרגלים״, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דעם טאָפּ פלייש און רוקן אים אונטער צו אונדזערע נעזער, און דער בשׂר־ודם אין אונדז שמעקט דערצו, ווען דער אייגענער שולחן־ערוך איז נאָך נישט פאַרטיק. און מען מאַכט זיך שנעל פאַרגעסן, אַז איוואַן איז שוין געוואָרן נערוועז, הערנדיק פון דעם יידישן אַרענדאַר יעדעס יאָר די הבטחה „לשנה הבאה בירושלים״ און דער ייד זיצט ווייטער אויף זיין, איוואַנס, ערד. דער איוואַן און דער ייד זענען נערוועז געוואָרןביידע צוליב דעם זעלבן פסוק. און ס׳האָט אויסגעשריגן דער ייד אַ הימל־געשריי: רבונו־של־עולם, איך שעם מיך שוין פאַר איוואַנען, ווינטשנדיק יעדעס יאָר „לשנה הבאה״ און דו שווייגסט און טוסט גאָרנישט!

אַצינד קומט אויס צו נעמען זיך אין די הענט, כדי נאָך איין פסוק זאָל מקוים ווערן: „ישׂראל ארץ זבת חלב ודבש לכל דורש״.

פתח־תקוה

פאַר קאַרגע הונדערט יאָר איז מען נישט געפאָרן קיין פתח-תקוה. יידן זענען עולה-רגל געווען אין דער זומפיקער, פאַרלאָזטער געגנט, וואָס די אַראַבער האָבן אָנגערופן „מעלאַבעס". יידן מיט הילף פון באַראָן ראָטשילד האָבן אויסגעקויפט די ערד און האָבן זינגענדיק און טאַנצנדיק גענומען זיך בויען און פלאַנצן. יידן האָבן זיך צוגעווינט, געמאַכט דאָ פאַר זיך יום-טוב און פאַר דעם יידישן פאָלק דעם יסוד פון דער יידישער מדינה.

מיין אַלטער עלטער-זיידע שייקע איז געפאָרן קיין צפת, כּדי צו זיין נענטער צו תחית-המתים. בין איך געפאָרן אין יאָר 1957 — אויף קבר-אָבות קיין צפת און נישט געפונען אים אין טאָל פון בית-הקברות: ערדציטערנישן און מלחמות האָבן צעשטערט דאָ די שטיינערנע סימנים. דערפון האָב איך געלערנט — איך מוניע רייזל חיים שייקעס — אַז נאָר דאָס וואָרט און קלאַנג זענען אייביק.

מיט דער צייט איז פתח-תקוה טאַקע געוואָרן דער טויער. אָפן פאַר יונגע, וואָס זענען געקומען פון גלות דאָ צו לעבן און שאַפן. דורך דעם טויער איז אויך דורכגעגאַנגען אַזוינע ווי בן-גוריון, געצל קרעסל און נאָך און נאָך.

פון די עטלעכע טויזנט יידן אין דעם דאָזיקן דאָרף איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט היינט כּמעט הונדערט טויזנט מענטשן. די שטאָט האַלט זיך אין בויען און איבערבויען. די יידן פון אַלע עקן וועלט און אַלע לשונות ווערן פאַמעלעך צו איין פאָלק מיט דער הילף פון שותפותדיקע אינטערעסן און איין שפּראַך — עברית.

ביי אונדז אין פתח-תקוה זענען אויך דאָ עטלעכע קינסטלער פון בילד און וואָרט, אויף עברית און אויף יידיש. זיי קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם יאָרבוך „קטיף", וועמענס רעדאַקטאָרן עס

זענען דער יידישער דיכטער י. צ. שאַרגעל און דער העברעיִשער פּראָזאַיִקער יוסף חנני. עס דערשיינט אויך אַ חודש-ביולעטין „פּתח-תקוה”, רעדאַגירט פון ז. יואלי.

די בעלי-בתים פון דער שטאָט מיט ישׂראל פיינבערג אין דער שפּיץ טוען, וואָס ס'לאָזט זיך כּדי צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן די שטאָט און אַליין אויך האָבן זיי נחת פון איר.

היינט איז מען שוין נישט עולה-רגל, היינט פליט מען און מען פאָרט קיין פּתח-תקוה. אויך אונדזערע שכנים, די אַראַבער ענדערן לאַנגזאַם זייער צוגאַנג צו ישׂראל. אויך דאָ זענען מיר אין מיטן צווישן צוויי פייגל... דאָס מאָל ווילן ביידע שלום, ווייל זיי האָבן מורא פאַר דער אַטאָם-באָמבע. און דערפאַר העלפן זיי אונדז צו מאַכן שלום מיט די שכנים.

ס'איז נישט לייכט און נישט שווער, ס'איז גוט צו לעבן ביי זיך אין פּתח-תקוה.